STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00634

# DER REBE FUN BARDITSHEV

Zvi Cahn

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Lewis M. Gediman & Ruth G. Laudor*
*in memory of*
*Pauline Shayevitz Gediman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער רבי פון באַרדיטשעוו

## (ר׳ לוי יצחק)

ר' לוי־יצחק ר' שניאור־זלמן לאדיער ר' מענדל קאצקער

כתר כהנה כתר תורה כתר מלכות

# דריי קרוינען

פון

## צבי כהן

טרילאגיע פון חסידות

וואס באשטייט

פון

1. דער רבי פון בארדיטשעוו
2. דער רבי פון ליאדי
3. דער רבי פון קאצק

# דער רבי פון באַרדיטשעוו

## דראַמע אין דריי אַקטן

מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג

פון

צבי כהן

1952

פאַרלאַג „רענעסאַנס", ניו־יאָרק

Copyright, 1952, by
DR. ZVI CAHN
300 West 109th Street
New York 25, N. Y.

All rights reserved

266

Printed in the United States of America by
Aber Press, Inc., New York, N. Y.

מיינע טייערע קינדער:

מיין טאָכטער שולמית,

און מיין זון יצחק,

מיט ליבשאַפט געווידמעט

**פאָטער**

די דראַמע טאָר נישט אויפגעפירט ווערן אין גאַנצן אָדער אַ טייל אָן דער דערלויבניש פון מחבר. אַזוי, טאָר זי אויך נישט אָן דער דערלויבניש פון מחבר איבערגעדרוקט אָדער איבערגעזעצט ווערן אין גאַנצן אָדער אַ טייל.

די נאָטן צו די נגונים געפינען זיך ביים מחבר.

# די דריי אָבות פון חסידות

(אַריינפיר)

1

עס איז מערקווירדיק, וואָס ביז איצט האָט נאָך קיינער פון די יידישע פאָרשער, זיך נישט פאַרטראַכט אויפן גאַנג און טענדענץ פון דער יידישער שאַפונג, ווען עס איז אַזוי קלאָר, פאַר יעדן איינעם, אַז דער יידישער גייסט האָט נאָר אַ קאָלעקטיוון זין. דער יידישער געניוס, האָט פון אָנהייב אָן, זיך אויסגעדריקט צום בעסטן נאָר אין אַ קאָלעקטיווער פאָרם. דער אופן פון דער שאַפונג האָט זיך אַלע מאָל געביטן. עס איז אַוועק אַ פאָרם און עס איז געקומען אויף איר אָרט אַן אַנדערע, אָבער אויך די אַנדערע איז געווען אַ קאָלעקטיווע.

ביי אונדז יידן האָבן נישט געשאַפן יחידים נאָר גרופן. עס איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָרט פאַר איינצעלנע, נאָר אַלע מאָל פאַר אַ קאָלעקטיוו, וואָס האָט געהערשט אין אַ געוויסער עפּאָכע. עס איז קיינמאָל נישט געווען קיין צייט, ווען עס זאָלן האָבן דערשינען פאַרשידנאַרטיקע שאַפונגען, וועלכע אויף פיל געביטן, נייערט אַלע מאָל זיינען די שאַפונגען געווען פון אַ קאָלעקטיוו פון יענער צייט. אויב עס זיינען יאָ געווען עטלעכע אַנדערע ווערק, זיינען זיי געווען אויסנאַמען, „יוצא דופנס", זייטיקע, און אין סכום פון די שאַפונגען פון יענער עפּאָכע זיינען זיי נישט אַריינגעקומען.

אָבער יעדער קאָלעקטיוו איז אויך נישט געווען מעור אחד, נישט איין גאַנצעס בנוגע טאַלאַנט, אַזוי אַז נישט אַלע מיטגלידער פון אַ קאָלעקטיוו זיינען געווען פון איין מדרגה. ניין, עס זיינען געווען מדרגות, על פי רוב, ערשטע, צווייטע און דריטע. די פון דער ערשטער מדרגה זיינען געווען די „פני", דאָס אויבערשטע פון שטייסל. זיי זיינען געזעסן אויפן אויבן אָן, אָבער — ראיתי בני עליה והם מעטים — זייער צאָל איז געווען נישט קיין צו גרויסע. די פון דער צווייטער מדרגה זיינען שוין געווען שטאַרק אין צאָל און די הויפּט־טרעגער פון קאָלעק־

טיוו. די פון דער דריטער מדרגה זיינען שוין געווען די לעצטע, ווייניק אין צאָל און קליין אין איינפלוס. עס האָט שוין געשמעקט מיט דער ירידה פון דער עפּאָכע.

אויך די עפּאָכן זיינען געווען פאַרשיידענע, לאַנג־דויערנדע און אַזעלכע פון אַ קורצן לעבנס־שפּאַן און אַזוי איז אויך בנוגע דער צאָל פון די מיטגלידער געווען אַן אונטערשייד. עס איז געווען אַן עפּאָכע פון נאָענט צו טויזנט יאָר. דאָס איז די ביבלישע עפּאָכע, און עס איז געווען אַן עפּאָכע פון אַ הונדערט יאָר, די סאַמע קלענסטע, די פון די רבנן סבוראי. עס איז געווען אַ קאָלעקטיוו פון נאָענט צו צוויי טויזנט מיטגלידער, דער סאַמער גרעסטער, דער פון די אמוראים, און עס איז געווען אַ קאָלעקטיוו פון עטלעכע מגינים — די פון די אַפּאָקריפן. דער דורכשניטלעכער לעבנס־שפּאַן פון אַן עפּאָכע איז אָבער געווען אַ צוויי הונדערט יאָר מיט אַ צאָל מיטגלידער פון עטלעכע הונדערט.

צום סוף פון די ערשטע דריי עפּאָכן האָבן זיך באַוויזן אַן איינזאַמ־לער, ריכטיקער עטלעכע איינזאַמלער, וועלכע האָבן צונויפגעקליבן די שאַפונגען פון דער עפּאָכע און געמאַכט אַ סיום. אָבער בלויז די ערשטע דריי האָבן זוכה געווען דערצו. די עפּאָכע פון דער „ביבל" האָט געהאַט איר איינזאַמלער אין עזרא הסופר און שפּעטער אין די אַנשי כנסת הגדולה. די עפּאָכע פון דער משנה — ר' יהודה הנשיא, באַוואוסט אַלס „רבי" און די עפּאָכע פון די אמוראים — ר' אשי און זיינע מיטהעלפער. אָבער זיי, די איינזאַמלער זיינען נישט געווען קיין סתם צונויפזאַמלער פון שאַפנדע ווערק און ווערטן פון דער עפּאָכע, נאָר אויך — רעדאַקטאָרן, אויסקלייבער און אויסבעסערער. עס איז געווען זיי, וואָס האָבן געגעבן צו די שאַפונגען פון דער עפּאָכע, איר פאָרם און צורה, אָבער אַזוי ווי לא כל אדם זוכה צו אַלע זאַכן פון לעבן, אַזוי האָבן אויך פיל עפּאָכן פאַרלאָזט די וועלט אָן אַ יורש, אָן אַן איינזאַמלער, אָן אַ סיום און אָן אַ קדיש־זאָגער. וויסט מען טאַקע אַז עס איז געווען אַזאַ עפּאָכע, אָבער אָפּגעגרעניצט איז זי נישט. קיין „חסל" איז נישט געווען און די ווערק פון יענער צייט זיינען נישט צונויפגעזאַמלט געוואָרן.

לאָמיר גיין כסדר און אויף דעם אופן באַטראַכטן די גאָלדענע קייט פון ידישער שאַפונג. לאָמיר מאַכן אַ קורצן שפּאַציר איבער דער ידישער שאַפונגס געשיכטע.

בראשית קומט דער תנ"ך, די עשרים וארבע ספרים, וואָס זיינען איינגעזאַמלט געוואָרן, ווי שוין געזאָגט, פון עזרא הסופר און דורך די אנשי כנסת הגדולה. דאָ איז נישט דאָס אָרט אַריינצולאָזן זיך אין חקירות וועגן די פאַרשיידענע תנ"כישע ווערק און פעסטצושטעלן ווער זייערע מחברים זיינען געווען און ווען זיי זיינען געשאַפן געוואָרן. פאַר אונדז

איז דאָ וויכטיק בלויז דער תנ״ך אַלס אַזעלכעס, אַלס אַ פאַרענדיקטע אַרבעט פון דער ערשטער עפּאָכע אין דער שאַפונג פון יידישן גענױס. די פיר און צוואַנציק קאַנאָניזירטע ווערק באַשטייען פון צוויי טיילן. פון אַן עפּישן טייל (די ספּורים פון חומש, יהושע, שופטים, ביידע שמואלס, ביידע מלכים און ביידע דברי הימים און אויך די מגילות רות און אסתר), און פון אַ פּאָעטישן טייל (די נביאים און פיל שטעלן אין חומש און אין די אַנדערע עפּישע ווערק). אָבער ביידע טיילן שטעלן מיט זיך פאָר איין זאַך. עס איז צוויי טיילן פון איין גאַנצעס. זיי זיינען די שאַפונגען פון דער ביבלישער עפּאָכע, די עפּאָכע פון די נביאים. נאַטירלעך ווי געזאָגט, זיינען אויך צווישן די נביאים געווען מדרגות, ערשטע, צווייטע און אַפילו דריטע ווי אין אַלע עפּאָכן, אָבער מיר וועלן זיך וועגן דעם נישט אָפּשטעלן, ווייל דאָס געהערט נישט צו אונדזער ענין.

נאָך דער עפּאָכע פון די נביאים קומט די עפּאָכע פון די אפּאָקריפן, די אַזוי גערופענע „ספרים חיצונים״, וועלכע ציילן אַן ערך פון דרייסיק ספרים. די עפּאָכע האָט געדויערט אַ קורצע צייט און די צאָל פון די מיטגלידער פון איר קאָלעקטיוו איז געווען דער סאַמער קלענסטער. אָבער אפשר דערפאַר איז מעגלעך געווען פאַר די אנשי כנסת הגדולה צו אונטערדריקן דעם גאַנצן קאָלעקטיוו, ווען ער האָט זיי נישט געפעלן און אים פאַרמשפטן צו גניזה, צו פאַרניכטונג און פאַרגעסונג. מיט איין שטריך פון דער פעדער האָבן יענע צענזאָרן אויסגעמעקט אַ גאַנצע שאַפנדע עפּאָכע פון יידישן לעבן.

עס טרעט איצט אויף דער אַרענע פון יידישן שאַפן דער קאָלעקטיוו פון די תנאים, די בעלי המשנה, די וועלכע האָבן אונדז געגעבן די פאַרמירונג פון דער יידישער רעליגיע, יידישער געזעץ־געבונג, מאָראַל, פילאָזאָפישער אויסבליק און עטישע ווערטן. די עפּאָכע פון הלל און שמאי, רבן גמליאל און זיין זון שמעון, ר׳ שמעון בן שטח, ר׳ עקיבא, ר׳ מאיר, ר׳ יוסי און אַלע אַנדערע און איבער אַלע — ר׳ יהודא הנשיא, „רבי״. עס איז געווען אַ ריזן קאָלעקטיוו, אָבער אויך פון דריי מדרגות. ערשטע, צווייטע און דריטע. דער פאַרנעם אָבער ביי אַלע דריי, איז דער זעלבער: די אויסטייטשונג פון דער תורה. אָט דער קאָלעקטיוו האָט געציילט אַן ערך פון דריי הונדערט מיטגלידער און האָט געדויערט איבער צוויי הונדערט יאָר, און ער איז געבליבן עד היום דער וויכטיקסטער פון אַלע, ווייל די תנאים זיינען געווען די יעניקע, וועלכע האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון יידנטום.

די עפּאָכע פון די אמוראים, די שאַפער פון די צוויי ריזן־ווערק, „תלמוד בבלי״ און „תלמוד ירושלמי״, קומט באַלד נאָך זיי און איז די פערטע אין דער געשיכטע פון יידישן שאַפנדן גייסט. דער הערשנדער

גייסט פון דער עפּאָכע איז — די פּאַרשונג אין די רייד פון די תנאים. די עפּאָכע איז ווי שוין געזאָגט געווען אַ גרויסע און האָט זיך געצויגן פונעם יאָר צוויי הונדערט ביזן יאָר פינף הונדערט, קריסטלעכער צייט־רעכענונג, מיט אַ קאָלעקטיוו פון נאָענט צו צוויי טויזנט מיטגלידער, אין ביידע ערטער אין בבל און אין ארץ ישראל.

און אַזוי זעען מיר ווי עס קומען עפּאָכן און עס גייען עפּאָכן. עס קומט נאָך די אמוראים די עפּאָכע פון די רבנן סבוראי, אַן עפּאָכע וועלכע האָט געדויערט אַ גאַנץ קורצער צייט. נאָך זיי קומט די עפּאָכע פון די גאונים, וועלכע האָט געדויערט שוין אַ ערך פון פינף הונדערט יאָר און האָט אונדז געגעבן די באַרימטע ווערק פון די גאונים אין בבל אין יענער צייט. עס איז אויך גלייכצייטיק אין יענער צייט אין בבל די ערשטע עפּאָכע פון קבלה, די צייט ווען עס איז געשאַפן געוואָרן אַזעלכע ווערק ווי „ספר היצירה", „רזיאל המלאך" און פיל אַנדערע און אין דער זעלבער צייט אויך אַן עפּאָכע פון קליינע מדרשים.

אין מיטן צענטן יאָר־הונדערט הויבט זיך אָן מיט ר' סעדיה גאון די עפּאָכע פון יידישער פילאָזאָפיע, וואָס גייט אַרויס שפּעטער פון די גרעניצן פון בבל און אַזיע און ציט זיך ביז ענדע פון פופצנטן יאָר־הונדערט, אין שפּאַניע, ביזן גירוש אין יאָר 1492. אין אַנדערע לענדער, ווי למשל, אין פראַנקרייך, איז דעמאָלט די עפּאָכע פון די מפרשים פון דער תורה און פון תלמוד, ווי רש"י און אַנדערע, און אויך פון די „בעלי התוספות". עס איז גלייכצייטיק אויך די עפּאָכע פון יידישער דיכטונג און פון די ערשטע בעלי הדקדוק. נאָך יענע קאָלעקטיוון קומט די עפּאָכע פון די פוסקים און גלייכצייטיק אויך די צווייטע עפּאָכע אין קבלה, די פון דער פילאָזאָפישער קבלה. אַביסל שפּעטער קומט אויף דער ערענע אין פוילן די עפּאָכע פון פלפול און גלייכצייטיק אין איטאַליע און אין צפת די דריטע עפּאָכע פון קבלה, די פון האר"י און זיינע תלמידים. באַלד דערנאָך באַווייזט זיך דער בעש"ט און עס הויבט זיך אָן גאָר אַ נייע עפּאָכע, די פון חסידות.

2

די חסידישע עפּאָכע, וועלכע האַלט איצט ביי איר סוף און וואָס קיין איינזאַמלער האָט זיך נאָך נישט באַוויזן, ווי עס איז געווען ביי אַלע אַנדערע עפּאָכן, אַ חוץ די ערשטע דריי, האָט שוין אַ געשיכטע פון צוויי הונדערט און פופציק יאָר און האָט געהאַט אַ קאָלעקטיוו פון אַן ערך טויזנט מיטגלידער פון ערשטער, צווייטער און דריטער מדרגה. ווען עס זאָל קומען איצט אַ חסידישער ר' אשי וואָלט ער געקאָנט שאַפן אַ נייעם

תלמוד, אַ תלמוד פון חסידות, אָבער ווי עס זעט אויס, וועט אויך די עפּאָכע גיין פון דער וועלט אָן אַ „קדיש"־זאָגער. אָבער די עפּאָכע האָט אַריינגעבראַכט נייע גרויסע אוצרות אין שאַפונגס־היכל פון יידישן פאָלק, און האָט, בשעתה, געהאַט אַ שטאַרקע השפעה אויפן יידישן לעבן. זי האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט אין די עצמות היבשות פון די ליידנדע יידן אין די גלות לענדער און זיי געגעבן כח איבערצוקומען די רוע הגזירה פון טאָג־טעגלעכן לעבן.

די עפּאָכע האָט אַלס איר אָנהויבער און גרינדער דעם לעגענדאַרן ר' ישראל בעל־שם־טוב, באַקאַנט קורץ אַלס בעש"ט. די היסטאָרישע געשטאַלט פון באַשאַפער פון חסידות איז איינגעהילט אין נעפּל, אויף אַזוי ווייט, אַז עס זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבן אין גאַנצן געלייקנט אַז עס איז ווען געווען אַזאַ פּערזענלעכקייט און דערקלערט, אַז דער ענין בעש"ט איז אַן אויסגעטראַכטער נאָמען געשאַפן פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע אַלס דער גרינדער פון דער חסידישער באַוועגונג. איינע פון די סיבות דערצו איז זיכער געווען דאָס וואָס די חסידישע לעגענדע, וועלנדיק פלעכטן קרוינען אויפן קאָפּ פון איר גרינדער האָט אַזוי ווייט איבערגעטריבן אין די שבחים אַז זי האָט געמאַכט זיין גאַנצער עקזיסטענץ פאַר אַ פאַנטאַזיע. אַזוי למשל האָט די לעגענדע דערציילט, אַז זיין פאָטער ר' אלעזר איז מגולגל געוואָרן אין אַ פרעמד לאַנד, וואו עס זיינען נישט געווען קיין יידן און ער איז דאָרטן געוואָרן אַ יועץ פון קעניג און ער האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין זיינע מלחמות מיט די שונאים פון לאַנד, אַז דער קעניג האָט אים געוואָלט געבן זיין טאָכטער, די בת מלכה, פאַר אַ ווייב, אָבער ר' אלעזר איז געווען אַ פרומער ייד און איז אַנטלאָפן. אויפן וועג האָט אים געטראָפן אליהו הנבי"א און אים געזאָגט, אַז בשכר זה וועט ער האָבן אַ זון וואָס וועט לייכטן איבער דער וועלט. ר' אלעזר איז געקומען צוריק אַהיים צו זיין ווייב און ווען זיי זיינען שוין געווען קרוב צו הונדערט יאָר האָבן זיי געבוירן אַ זון, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן ישראל. אָדער נעמט די געשיכטע מיט רבי אדם וואָס איז געקומען אין געהיים צו ר' ישראלן און אים געבראַכט כתבים פול מיט סודי סודות און האָט אים אַנטפּלעקט אַלע סתרי תורה. אָט די אַלע איבערגעטריבענע שבחים און גוזמאות האָבן געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג, נישט צו מאַכן דעם בעש"ט קלאָר צו די מענטשן נאָר אים מרחק צו זיין פון שכל און איבערטראָגן אים אין קעניגרייך פון פאַנטאַזיע.

עס איז אָבער קיין ספק נישט אַז דער בעש"ט האָט געלעבט און געווירקט אויף די גרויסע מאַסן, ווי עס דערציילן אונדז זיינע תלמידים און מענטשן פון זיין דור. ער, דער בעש"ט, איז דער גרינדער פון אַ

פּאַטיש־פילאָזאָפישע שיטה וועלכע האָט פיל אויפגעטאָן פאַר די יידישע פאָלקס מאַסן, און וועלכע האָט נאָך ביז איצט נישט פאַרלוירן איר ווירקונג.

שיילט מען אויס דאָס קערנדל אמת וואָס איז טיף באַהאַלטן אונטער די אַלע גוזמאות און איבערטרייבערישע שבחים, פון דער חסידישער לעגענדע, אַרום די פיגור פון בעש״ט; וואַרפט מען אויך אַוועק אַן אַ זייט די היילונג אָפעראַציעס און מופתים, מיט וועלכע דער בעש״ט האָט זיך פאַרנומען און צוליב וועלכע ער איז געוואָרן פּאָפּולער ווי די תפילות, קמיעות, אָפּשפּרעכונגען א. ד. ג. און מען פאַרטיפט זיך אין די ווערטער וואָס זיינע תלמידים ברייננגען פון אים וועגן זיין לערע אין יידישקייט, עטיקס און גאָטס־פאַרשונג, טיילן זיך אויס פון זיי דריי הויפּט טעזיסן וועלכע שטעלן מיט זיך פאַר אַ געזונטע פּאַטיש־פילאָזאָפישע שיטה.

איינס. דער קבלהשער באַגריף וועגן דער געטלעכקייט אַז „לית אתר פנוי מניה״, ווערט אַ גרונט באַגריף פאַר אַלעם וואָס מען זעט אין לעבן. עס איז מלא כל הארץ כבודו. די גאַנצע וועלט איז פול מיטן בורא יתברך. דעריבער איז די גאַנצע וועלטע נאָר אַ לבוש פאַר דער שכינה. אַ מענטש דאַרף טראַכטן און גלויבן באמונה שלמה, אַז דער בורא עולם איז אין אים, אַרום אים, איבער אים און אונטער אים. דעריבער האָט דער מענטש נישט וואָס צו זאָרגן און האָט אויך פאַר קיינעם נישט מורא צו האָבן. ער קאָן אויך גאָר נישט טאָן וואָס עס איז קעגן דעם ווילן פון בורא יתברך און ער דאַרף בסדר לויבן און זינגען שבחים צום בורא פאַר דעם שיינעם לבוש, די נאַטור, אין וואָס ער האָט זיך אָנגעקליידט און בעטן צו אים, אַז ער זאָל אים כסדר באַשיצן פון אַלע צרות.

צוויי. אַ מענטש דאַרף האָבן פרייד אין זיין לעבן. ער דאַרף כסדר זאָגן „ה׳ לי מה יעשה לי אדם״? — אויב גאָט איז מיט מיר וואָס קאָן מיר טאָן דער מענטש? עצבות איז אַ מידה מגונה, עצבות ברייננגט צו „קטנות דמוחין״ און דעמאָלט קאָן מען נישט זען גאָט. סיידן אויב אַ מענטש וויינט מתוך שמחה, ווייל דעמאָלט איז עס אַן עליה. אַפילו ווען אַ מענטש זינדיקט אַמאָל, זאָל ער דערפאַר נישט אַריינפאַלן אין טרויער, נאָר פאַרקערט מייחד זיין זיך מיטן בורא און קומען צו אַזאַ שמחה, אַז ער זאָל זיך דערמיט אויפהויבן איבער אַלעם. דער וועג פון סיגופים טויג נישט, ווייל עס איז בעסער צו דינען דעם אויבערשטן מתוך שמחה, מתוך התלהבות.

דריי. דער געבאָט פון קדושים תהיו״, וואָס ווערט איבערגעחזרט אָפט אין דער תורה איז אַ הויפּט פּרינציפּ, אַן ערשטער כלל אין לעבן, ווייל אין דעם באַגריף פון „קדושים תהיו״ גייט אַריין אַלץ. דער מענטש

וואָס איז הייליג, איז שטאַרק אָפּגעהיטן אין די מצוות בין אדם לחברו. ער היט זיך, נישט פּוגע בכבוד זיין קיינעמען. ער באַרעדט נישט בלויז קיינעם, נאָר ער היט זיך אַפילו פון לשון הרע און רכילות, שוין אָפּגערעדט פון צונעמען עפּעס פון יענעמס פאַרמעגנס, אָדער איבער־טרעטן אויף יענעמס חזקה. דער מענטש וואָס לעבט אַ הייליק לעבן איז פאַרבונדן כסדר מיטן בורא, זעט זיין גרויסקייט און איז גליקלעך צו קאָנען טאָן זיין רצון, וואָס עס דריקט זיך אויס אין די מצוות וואָס ער האָט אונדז געגעבן און אַודאי, אַודאי, וועט ער זיך מתרחק זיין פון יעדער עבירה און פון יעדער מחשבה זרה.

אָט דאָס זיינען געווען די הויפּט טעזיסן פון חסידות ווי דער בעש״ט האָט זיי פאָרמולירט. און אויף זיינע עלערע יאָרן, ווען ער האָט געזען, אַז עס איז געקומען זיין צייט צו גיין פון דער וועלט, האָט ער געזוכט ממשיך צו זיין די לערע, נישט דורך זיינע קינדער, זיין זון צבי און זיין טאָכטער אָדל, וועלכע זיינען דערצו נישט געווען ראוי, נאָר ער האָט סומך געווען דערצו זיין בעסטן תלמיד ר׳ דוב בער פון מעזעריטש, אַז ער זאָל זיין דער, וואָס וועט פאָרטזעצן דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן און עס נאָך מער אויסברייטערן.

און דער תלמיד האָט ווירקלעך געטאָן, וואָס זיין רבי האָט געוואָלט. דער מגיד פון מעזעריטש, וואָס די חסידישע לעגענדע האָט וועגן אים נישט פיל איבערגעטריבן נאָר בלויז אים געשילדערט אַלס „אַ גרויסן חריף און בקי אין ש״ס און פּוסקים, און וועלכער האָט געהאַט „צען מאָסן אין חכמת הקבלה״, האָט זיך פאַרנומען אויף אַ נייעם דרך. דער בעש״ט האָט צוגעצויגן צו זיך די פאָלקס־מאַסן, אָבער דער מגיד פון מעזעריטש האָט זיך פאַרנומען צוציען צו חסידות די דעמאָלסטדיקע יידישע אינ־טעליגענץ. די בעלי תורה, למדנים, רבנים און מקובלים. דער מגיד האָט אָװעקגעשטעלט דעם סלאָגאַן וואָס עס ווערט געזאָגט ביי משהן: „והיה כל מבקש ה׳״ זאָל קומען צו אים. ער האָט אויפגעפאָדערט אַלע גאָט־זוכער; אַלע נישט באַפרידיקטע פון דער טרוקענער גמרא און פּוסקים; אַלע וואָס האָבן געזוכט ווי אַזוי זיך בעסער צו פאַרבינדן מיטן בורא און האָבן נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן — אַז זיי זאָלן באַ־זוכן זיין געצעלט.

דער מגיד פון מעזעריטש האָט אייגנטלעך קיין נייעס צו דער שיטה פון בעש״ט נישט צוגעגעבן. ער איז נאָר געווען אַ גוטער אַגיטאַטאָר. ער האָט פאַרשפּרייט דאָס חסידות. ער האָט זיינע תלמידים געמאַכט פאַר אַגיטאַטאָרן פון חסידות. ער איז אויך געווען, אין קעגנזאַץ צום בעש״ט, אַ גוטער רעדנער, וואָס האָט געקאָנט אָנצינדן אַ פייער אין די הערצער פון זיינע צוהערער און אויף זיי משפיע זיין. ער האָט דעריבער אָרגאַ־

ניזירט אומעטום חסידישע שטיבלעך און מנינים און אָנגעשפּאַרט אפילו אין אַזעלכע ערטער, וואו די חסידישע באַוועגונג איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן — אין דער ליטע און רייסן. ער איז אַפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי צו שאַפן אַזעלכע „שטיבלעך" אויך אין דייטשלאַנד, אין פראַנק־פורט־אַם־מאַין און אין בערלין. איבערהויפּט האָט ער געהאַט צוויי אמתע געשוואָרענע אַגיטאַטאָרן, צוויי לומדים און יראי שמים, ר' ישראל און ר' עזריאל פון פּאָלאָצק, וועלכע האָבן זיך איינגעשאַפט אַ פערד און וואָגן און געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט צו פּרעדיקן חסידות. „אונטערוועגנס פּלעגט ר' עזריאל אָנטרייבן די פערד און ר' ישראל פלעגט זיך פאַרטיפן אין זיינע הייליקע רעיונות, אָבער וואו נאָר זיי זיינען געקומען אין אַ שטאָט אַריין פלעגט ר' עזריאל דאַוונען פאַרן עמוד מיט אַ זיס קול און גרויס התלהבות, וואָס האָט צוגעצויגן די הערצער פון די צוהערער און דער־נאָך פלעגן ביידע חברים זיך באַמיען צו־צוריידן די סאַמע חשובע מענטשן פון דער קהילה אַז זיי זאָלן פאָרן צום מגיד און דאָס האָט געווירקט. גרויסע רבנים און מופלגים אין תורה זיינען לויט זייער עצה געפאָרן קיין מעזעריטש און זיינען דערנאָך געוואָרן באַרימטע צדיקים" (ספר הדורות החדש).

לויט דער לעגענדע האָט דער מגיד געהאַט דריי הונדערט תלמידים, פון זיי זיינען ניין און דרייסיק געווען די סאַמע וויכטיקסטע. פון זיי האָט ער אויסגעטיילט צען וואָס זיינען אים געווען באַזונדערס ליב. זיי זיינען געווען: רבי מנחם מענדיל פון וויטעבסק, וואָס דער מגיד האָט געבראַכט נאָך אַלס יינגל צום בעש"ט; רבי אהרן פון קאַרלין; רבי שמעלקע פון ניקלשבערג; רבי משולם זישא פון אַניפּאָלי; זיין יינגערער ברודער רבי אלימלך פון ליזשענסק; רבי שלמה פון קאַרלין; רבי ישראל, דער מגיד פון קאָזשניץ; רבי נחום טשערנאָבילער; רבי שניאור זלמן פון ליאַדי און רבי לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, וועלכן ער האָט געהאַלטן צוזאַמען מיט ר' שניאור זלמנען פון ליאַדי, פאַר זיינע צוויי בעסטע תלמידים.

## 3

געוויס זיינען נישט אַלע דריי הונדערט תלמידים פון מגיד געוואָרן רביים. אָבער די ניין און דרייסיק אויסגעקליבענע, האָבן אַלע „געפירט" אַלע אַ חוץ איינער, וועלכער האָט נישט געוואָלט „פירן". ער האָט גאָר נישט געטראַכט דערפון. ער האָט עס נישט געוואָלט, ווייל צו זיין אַ רבי האָט פאַר אים געמיינט צו ווערן אָפּגעריסן פון די ייִדן, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט און צו זען זיי נאָר אין געצייילטע שעהן, ווען ער וועט אויפ־נעמען די חסידים. ער איז אויף די עלטערע יאָרן געוואָרן אַ רבי בעל כרחו,

געניים דערצו פון ווייב און קינדער, אָבער ער האָט פאַר קיין פאַל קיין דינאַסטיע נישט געוואָלט שאַפן און האָט נישט איבערגעלאָזן אַ ממלא מקומו. ער האָט אויך נישט געוואָלט צוקלעפּן צו זיין נאָמען דעם טיטל „אדמו״ר״. ער, וועלכער איז געווען אַזוי צוגעבונדן צום מגיד און וועלכע האָט אַזוי ליב געהאַט זיין חבר און מחותן, רבי שניאור זלמן, וואָס ביידע האָבן געפירט רביסטווא ביד רמה, האָט דאָס פאַר זיך אַליין נישט גורס געווען. עס איז ממש אַנטלויפן פון אדמו״רישקייט. אָבער אַזוי ווי ביי כבוד איז דער כלל אַז „הבורח מן הכבוד, הכבוד רודף אחריו״ איז די אדמו״רישקייט אים נאָכגעלאָפן, און זי האָט אויסגעפירט. ער האָט זיינע לעצטע יאָרן געמוזט פאַרברענגען אין אַ „חדר מיוחד״ און אויפנעמען יידן נאָר אין אַ געוויסער צייט אין טאָג. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַפט אַז אויף יענער וועלט, וואו ער וועט זיין פריי פון ווייב און קינד און דער גאַנצער סביבה, וועט ער קאָנען אָפּגעבן זיין גאַנצער צייט אויף צו רייסן וועלטן פאַר יידנס וועגן.

ר׳ לוי יצחק, דער גרעסטער אוהב־ישראל וואָס די יידישע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן, האָט נישט גלאַט אַזוי זיך ליב געהאַט יידן, ווייל ער איז געווען בעצם אַ מזג טוב און האָט בכלל ליב געהאַט מענטשן. ביין, עס איז ביי אים אַ שיטה, ווייל ערשטנס מוז מען דאָך ליב האָבן יידן, וואָרעם אויב נישט איז מען דאָך קעגן גאָט. גאָט איז אַרומגעגאַנגען איבער אַלע זיבעציק אומות און האָט זיי געוואָלט געבן די תורה און פון אַלע האָט ער אויסגעקליבן נאָר די יידן, איז דאָך דערפון געדרונגען אַז גאָט האָט ליב די יידן מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער. אויב אַזוי, איז דאָך דער וואָס האָט נישט ליב יידן קעגן גאָט.

אַ חוץ דעם איז דאָך יעדער ייד יעדן טאָג מקדש השם. אַלע יידן דאַוונען, אַפילו אַ גנב דאַוונט אויך און ווען אַ ייד גייט אין שול אַריין און רופט אויס: „שמע ישראל ה׳ אלוקינו ה׳ אחד״ (הער אויס, ישראל, אונדזער גאָט איז איין גאָט!) האָט ער דערמיט אויסגערופן און אָנגעזאָגט דער גאַנצער וועלט, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט אויף דער וועלט. דער וואָס האָט אַלץ געשאַפן און וואָס איז דער האַר איבער אַלעם.

דער דאָזיקער ייד זאָגט אויך אַן דער וועלט אַז נאָר גאָט דאַרף הערשן איבער מענטשן, אָבער נישט אַ מענטש. אַ מענטש טאָר נישט הערשן איבער אַנדערע מענטשן. קיין מענטש איז נישט אַזוי גרויס, אַז ער זאָל מעגן הערשן איבער אַנדערע און קיין מענטש איז נישט אַזוי קליין, אַז מען זאָל מעגן איבער אים הערשן.

און אַז עס וועט ניט זיין קיין הערשאַפט איבער מענטשן, וועט ממילא זיין ליבע צווישן מענטשן, וועט עס פירן צו אמתער פאַרברידערונג און די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן פון אַלע צרות. אָבער די יידן דאַרפן ווייזן

אַ מוסטער, ווייל דער רבונו של עולם האָט דאָך זיי אויסגעווײלט פון אַלע פעלקער, זיי זיינען דאָך דער „עם סגולה".

אָבער דערצו מוזן יידן האָבן, קודם כל, נחת פון קינדער, געזונט און פרנסה, „בני חיי ומזוני". — דאָס איז געווען דער עיקר פאַרלאַנג פון ר' לוי יצחקן און פאַר דעם האָט ער זיך כסדר געקריגט מיטן רבונו של עולם. געקריגט זיך און איבערגעבעטן זיך און ווידער אַמאָל זיך געקריגט מיט אים, ווי אַ בן יחיד מיט זיין טאַטע. ר' לוי יצחק האָט נישט געבעטן אויף דער גאולה און אויפן קומען פון משיחן. ער האָט דאָס נישט געוואָלט צוטיילן. אַפילו ווען די מאַמע רחל אַליין האָט פאַרלאַנגט פון די צדיקי הדור אַז זיי זאָלן רייסן קברים, כדי די גאולה זאָל קומען, האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז נישט זיין זאַך, דאָס איז פון „מהני כיבשי דרחמנא", אין וועלכע ער וויל זיך נישט מישן. עס איז אין גאַנצן גאָטס עסק. ער האָט עס צוגעזאָגט אונדז ביים ברית בין הבתרים ארץ ישראל. ער האָט אונדז געפירט אַהין. ער האָט אונדז שפּעטער פון דאָרטן פאַרטריבן און ער דאַרף אונדז אַהין צוריקברענגען. אָבער נאָר ווען ער וועט וועלן. זאָגן אים אַ דעה וועגן דעם קען מען נישט. עס איז לגמרי זיין זאַך און מען טאָר נישט זיין קיין דוחק את הקץ.

אָבער „בני חיי ומזוני" — דאָס מוז דער אין הימל אונדז געבן. פאַר דעם איז ר' לוי יצחק געווען גרייט צו רייסן וועלטן. פאַר דעם איז ער געווען גרייט אַפילו צו גיין ביזן כסא הכבוד און אַפילו צו לאַדענען זיך מיטן כביכול. ר' לוי יצחקס טענה איז געווען, אַז מיר האָבן מיטן כביכול אַ שידוך געטאָן. ער האָט מיטן פאָלק ישראל חתונה געהאַט, אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט „וארשתיך לי לעולם", „וארשתיך לי באמונה". אויב אַזוי קומט אונדז, אַז ער זאָל אונדז אויסהאַלטן. עס איז אַ בפירושער דין אין דער תורה, אַז אַ מאַן מוז אויסהאַלטן זיין ווייב.

אַם בעסטן קאָן מען פאַרשטיין לוי יצחקן ווען מען שטעלט אים אַוועק קעגנאיבער זיין אַנטיפּאָד, דער גרויסער רבי ר' מענדל קאָצקער. ר' לוי יצחק און ר' מענדל — דאָס זיינען די סאַמע צוויי עקסטרימען פון חסידות. לוי יצחק — כלו רחמים און מענדל — כלו דין. לוי יצחק מאָנט צדק, יושר, איינזען און מענדל פאָדערט — אמת, קיין פשרות און יקוב הדין את ההר. לוי יצחק לויפט צום המון און רופט אים „עם סגולה" און מענדל אַנטלויפט פון המון און רופט אים „פּאָספּאָלסטווא" (ערב־רב). לוי יצחק בעט נאָר פאַר „בני חיי ומזוני" און וויל נישט וויסן פון דער גאולה און מענדל וויל נאָר די גאולה און וויל נישט הערן די ווערטער „בני חיי ומזוני". לוי יצחק ליידט די פּערזענלעכע ליידן פון יעדן ייד און ער איז גרייט צו קערן וועלטן, מענדל טרייבט אַרויס די יידן וואָס קומען צו אים מיט זייערע פּערזענלעכע ליידן און וויל נישט וויסן פון זיי.

אָבער די טראַגעדיע פון לעבן טרעפטביידע גלייך, ביידע אויף איין אופן. ביידע ווערן גערודפט, ווייל דאָס לעבן האָט פיינט עקסטרעמען. דאָס לעבן וויל פשרות, דער גאָלדענעם וועג. דער וועג פון „אחוז בזה וגם מזה אל תנח ידך". אָבער דאָס איז צום ווידערווילן פון ביידע. נישט ר' לוי יצחק וויל עס און נישט ר' מענדל קאָן איינגיין דערויף און ביידע ליידן. ביידע ווערן פאַרפאָלגט פון די אַרומיקע קליינע מענטשלעך.

און דער סוף פון זייער טראַגעדיע איז אויך אויפן זעלבן אופן. ביידע ווערן באַזייטיקט פון לעבן צו אַ „חדר מיוחד", נאָר מיטן אונטערשיד וואָס ר' מענדל גייט אַליין אַוועק אַהין און ר' לוי יצחק ווערט אַהין געטריבן. ביידע לעבן אָפּ זייערע לעצטע צוואַנציק יאָר אין יחידות און התבודדות. ביידע זיינען צעקריגט מיטן רבונו של עולם. און ביידע גייען אַוועק פון אונדזער וועלט מיט אַ געוויסער צופרידנהייט. ר' לוי יצחק, אַז ער וועט דאָרטן, אויף יענער וועלט, וואו ס'איז נישטאָ קיין ווייב, קינדער און מקורבים זיין פריי צו זיין וואָס ער וויל, דאָס וואָס ער האָט אויפן עולם השפל נישט געקאָנט טאָן, און ר' מענדל מיט דער צופרידנהייט וואָס ער האָט פאַרן טויט פאַרבראַכט אַלע זיינע כתב־ידן און גאָר נישט געלאָזן צו די מענטשן, אפילו דאָס איינציקע בלעטל „ספר תולדות האדם", אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט גאַנצע צוואַנציק יאָר, ווייל „דער מענטש שטינקט" און דעריבער האָט ער אים פאַרן טויט אַרויסגעשטעלט אַ פייג.

צוויי עקסטרעמען, צוויי וועלטן, און דאָך האָט דער קאָצקער, וואָס איז געקומען שפּעטער, אַזוי ליב געהאַט ר' לוי יצחקן. ווייל נאָר אַ מענדל קען פאַרשטיין אַ לוי יצחק, פונקט אַזוי ווי נאָר אַ לוי יצחק וואָלט געקענט פאַרשטיין אַ מענדל.

צוויי אַנטי־פּאָדן און דאָך האָבן ביידע געוואָרצלט אין איין און די זעלבע לערע פון בעש"ט, און ביידע זיינען געווען די גרעסטע וואָרט־פירער אין דער וועלט פון חסידות אין זייער צייט. דער ערשטער אין אוקראַינע און דער לעצטער אין פוילן.

פון אַלע גרויסע שטערן אויפן הימל פון חסידות שיינען זיי אַם שטאַרק־סטן, ווייל זיי האָבן געהאַט פעסט־באַגרינדעטע אייגענע שיטות. עס זיינען געווען אַ סך רביים, פיל דינאַסטיעס און אַ צאָל הייליקע יידן, אָבער נישט קיין סך ריזן. די צוויי זיינען געווען די ענקים פון חסידות.

## 4

און צו די צוויי קומט צו אַ דריטער, וועלכער שטייט צווישן זיי פונקט אין מיטן.

און דאָס איז ר' שניאור זלמן פון ליאַדי.

„דער רב", ווי ר' שניאור זלמן פון ליאַדי ווערט געווייִנטלעך גערופן, איז געווען גאָר אַ גרויסע פּערזענלעכקייט, וואָס איז נאָך ניט געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. און גרויס איז ער געווען אויף פיל געביטן, אין נגלה און אין נסתר, אין פילאָזאָפיע און אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז געווען אַ געבוירענער פירער מיט אַ ווייטן בליק און באַזעלט מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט. „דער רב" האָט שוין אין זיינע יונגע יאָרן פאַרטראַכט די שיטה פון חב"ד, וועלכע איז געווען אַזוי צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער, אַז זי איז ממש געווען אַ לבוש צו זיין הויכער נשמה.

ר' שניאור זלמן האָט אָנגעהויבן דאָרטן, וואו דער בעש"ט איז געבליבן שטיין, און האָט ממשיך געווען ווייטער. דערפאַר רעכנט ער זיך, מיט רעכט, פאַר זיינס אַן אייניקל.

לויטן „רב" איז אַלץ וואָס עס איז באַשאַפן געוואָרן נישט נאָר אַ לבוש פון קודשא בריך הוא, אין וועלכען ער איז זיך מתגלה צו אונדז מענטשן, נאָר ער איז כסדר דעריין. אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן און איז פאַראַן אויף דער וועלט, איז אין אמתן גאָר נישט, כלפי דעם געטלעכן כח וואָס עס איז דאָ אין אים (כח הפועל שבנפעל) דעם כח וואָס איז עס תמיד מהווה, גיט עס זיין לעבן און מאַכט עס פון אַן „אין" צו אַ „יש". וועגן אַלעם וואָס איז געשאַפן געוואָרן און וואָס מיר זען מיט אונדזערע אויגן, מיינען מיר, אַז דאָס איז דער גאַנצער „יש", די אַבסאָלוטע ממשות. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר זען נישט מיט אונדזערע אויגן פון פלייש דעם געטליכן כח, וואָס איז דאָ אין באַשאַף און וואָס איז מיליאָנען מאָל שטאַרקער ווי דער באַשאַף גופא. ווען למשל עס זאָל געשען אַ נס, אַז עס וואָלט געגעבן געוואָרן אַ רשות צום אויג צו זען און צו באַנעמען דאָס חיות און די רוחניות פון אַ באַשאַף, וואָס קוואַלט אַרויס פון דער געטלעכקייט וואָס עס איז דאָ אין אים, (ממוצא פי ה'), דעמאָלט וואָלט די גשמיות פונעם באַשאַף און דער גאַנצער חומר זיינער, גאָר נישט געווען פאַר אונדז, ווייל ער וואָלט בטל געוואָרן בתכלית הביטול לגבי די חיות און רוחניות פון אים, כביכול, גופא.

דעם מענטשנס נשמה, לערנט אונדז דער „רב", באַשטייט פון צוויי טיילן, פון צוויי עלעמענטן, דער בהמהשער און דער געטלעכער. עס געפינט זיך אין מענטש די קליפה, די סטרא אחרא, און פון איר קומען אַרויס ביי אים אַלע נטיות צו תענוגים און צו אַלע שלעכטע מידות, ווי למשל, כעס, רציחה און נישט האָבן איינזען מיט מענטשן. אָבער עס געפינט זיך אויך אין דעם מענטשן דער „חלק אלוה ממעל", דער געטלעכער טייל, וואָס וועקט אין אים יושר און רחמנות, אַ ליבע צו גערעכטיקייט און אַ ווילן צו העלפן מענטשן.

אָט די געטלעכע נשמה האָט אין זיך דריי יסודות: חכמה, בינה, דעת.

חכמה איז חסד, ווארום ראשית חכמה יראת ה׳ און אז מען האט מורא פאר גאט, מוז מען זיין גוט צו מענטשן, מוז מען זיין פול מיט רחמנות צו זיי. בינה איז דין. בינה פארלאנגט צו גיין ביזן סוף. ביז גאר, אן אפ־שטעל. דעת מיינט די פאראייניקונג פוןביידע עלעמענטן, צו שאפן פון ביידע איין וועג, א הארמאניע צווישן זיי. „ודע את ה׳ אלוקיך", מיינט צו וויסן, צו שאפן פון חסד און דין איין גאנצעס.

עס דארף פארקומען א פארשטארקונג פון שכל איבערן געפיל (שליטת המוח על הלב). די דערקענונג פון בורא דורך דעם שכל שטייט העכער ווי דאס דינען צו אים צוליב רגש, סיי פון יראה און סיי פון אהבה, ווייל „התבוננות" איז העכער פון התפעלות". דערפאר איז דאס לערנען תורה העכער ווי דאוונען. דערביי באטאנט דער „רב" באזונדער די שטעלע פון דער גמרא, וואס זאגט, אז „משחרב בית המקדש אין לו להקב״ה בעולמו אלא ד׳ אמות של הלכה בלבד". די ליבשאפט און די מורא צום רבונו של עולם וואס קומען פון דערקענען זיינע דרכים און זיין רצון וואס איז זיך מתגלה אין דער תורה, זיינען העכער פון דער ליבשאפט און די מורא וואס קומט פון הארצן אן העכערן פארשטאנד אין דער געטלעכקייט. דערפאר דארף מען אפהיטן ביז גאר אלע מצוות און אלע חומרות פון שולחן ערוך, ווייל אין זיי, אין די געבאטן און די פארבאטן, עשהס און לא תעשהס, אנטפלעקט זיך דער רצון פון בורא.

לויט דער קבלה זיינען פאראן פיל וועלטן, וואס האבן זייער יניקה פון אין סוף. דער „עולם האצילות", דער „עולם הבריאה", דער „עולם היצירה" און דער „עולם העשיה". דער „עולם האצילות" אין דער העכסטער און אין אים הערשט די פאלקאמענסטע הארמאניע צווישן אלע אידעען, אלע גע־דאנקען, אלע מחשבות און אלע רעיונות. דארטן איז נישטא קיין שום „ויתרוצצו" ווייל אט די וועלט איז איבער אלעם, איידער עס הויבט זיך נאך עפעס אן. דער „עולם האצילות" איז כולו רוחניות, וואו עס איז נאך בכלל נישט חל קיין שום חלוקי דעות; דער „עולם הבריאה" איז די וועלט פון געבורט, די וועלט וואו עס ווערן געבוירן זאכן און ווערטן, אבער זיי האבן נאך נישט די נויטיקע פארמען. עס איז די וועלט וואו עס איז פאראן דער חומר, דער שטאף פאר אלעם דעם וואס עס קומט ערשט אין די וויי־טערדיקע וועלטן; דער „עולם היצירה" איז שוין די וועלט, וואו אלץ קליידט זיך אן אין פארמען און פון דער וועלט קומט מען אריין אין „עולם העשיה", צו אונדזער וועלט, די וועלט פון דערווירקלעכקייט.

לויטן „רב" דארף א ייד לעבן אין אלע וועלטן. ער דארף זיך קענען אויפהויבן פון „עולם העשיה" צום „עולם היצירה", פון דארטן צום „עולם הבריאה", און דערנאך צום עולם האצילות", וואו מען איז איבער אלעס. דער „רב" האט אבער געוואוסט אז דאס איז צו פיל פארלאנגט. ער, דער

„רבּ" גופא, האָט טאַקע געקאָנט שפּאַצירן פון איין וועלט אין דער אַנדערער אַזוי ווי אַ שטייגער ער וואָלט גיין פון איין שטוב אין דער צווייטער. אָבער לאו כל אדם זוכה, נישט אַלע זיינען פון דער מדרגה. דעריבער האָט דער „רבּ" אָנגערופן זיין ספר (דעם „תניא") „ספר של בינונים" וואו ער ווייזט, אַז אפילו בינונים קענען גיין אויף דעם דרך פון דערהויבונג. זיי דאַרפן נאָר עס וועלן און עס טאָן ביסלעכווייז.

אָבער אויב דער „רבּ" האָט געזוכט אַ מיטל־וועג פאַר די „בינונים", האָט ער אודאי און אַודאי עס געזוכט פאַר די „בני עליה" און דערפאַר שטייט ער אין מיטן פון די צוויי עקסטרעמיסטן, ר' לוי יצחק און ר' מענדל קאָצקער, ווייל ער וויל פאַראייניקן ביידע. ביי אים איז „אלה ואלה דברי אלקים חיים". אָבער ער טוט דאָס נישט אויפן וועג פון פשרה, וואָס ביידע האָבן נישט געוואָלט, נאָר דורך דער דערהויבונג צום „עולם האצילות", וואו עס איז נישטאָ קיין סימן פון מחלוקת, קיין שפור פון אַן אידעען־קאַמף. ווייל דאָרטן איז מען פיל העכער דערפון, ווי למשל איינער, וואָס פליט אין דער הויכער הויך, אין דער סטראַטאָ איבער דער אַטמאָספער און איבער אַלעם. ער האָט געוואָלט זיי צוזאַמענברענגען אין „עולם האצילות", אין דער וועלט פון פאַרן בראשית פון אַלעם.

אָבער פּונקט אַזוי ווי דער עקסטרעמיסט גייט אַוועק צו ווייט אין לעבן, סיי ער גייט רעכטס און סיי לינקס, אַזוי קאָן אויך דער שלום־מאַכער זיין אַן עקסטרעמיסט, ווען ער הויבט זיך אויף איבער אַלעם, ווייט ווייט איבערן „עולם העשיה". דעריבער זעען מיר, אַז די טראַגעדיע וואָס איז באַפאַלן ביידע עקסטרעמיסטן סיי דעם פון „חסד" און סיי דעם פון „דין" איז אויך באַפאַלן דעם „שלום"־עקסטרעמיסט און זיין לעבן איז ענליך צו זייערס אין פיל פּרטים. אַזוי ווי לוי יצחק איז גערודפט געוואָרן פאַר זיין „רחמים" און אַזוי ווי מענדל פאַר זיין „דין", אַזוי איז אויך ער גערודפט געוואָרן פאַר זיין „שלום". שוין באַלד אין אָנהייב פון זיין פירונג, ווען ער וויל פאָרן צום ווילנער גאון כּדי שלום מאַכן צווישן ביידע לאַגערן, די חסידים און די מתנגדים, טרעט אַרויס שאַרף קעגן אים ר' שלמה קאַרלינער און ער העצט אויך אַנדערע קעגן אים און צום סוף זאָגט ער אים אָפּ די חברותא. ווען ר' שניאור זלמן פאָרט דאָך קיין ווילנא צוזאַמען מיט זיין עלטערן חבר ר' מענדל וויטעבסקער, געפינען זיי דאָרטן די טיר פון גאון פאַרשלאָסן און פאָרן צוריק מיט פאַרשעמונג. אַ שפּעטערדיקע, נאָך גרעסערע אָנשטרענגונג פאַר אַ שלום ברענגט גאָר דערצו, אַז ער זאָל ווערן אַרעסטירט און ווערן איינגעזעצט אין פּעטראָ־פּאַוולאָווסקער פעסטונג פון וועלכער ער ווערט קוים ניצול דאַנק זיין ווייטן בליק און טיפער חכמה.

אַנדערע באַמיאונגען פאַר שלום און האַרמאָניע שפּעטער אין אייגענעם חסידישן לאַגער ווערן ווידער אַמאָל באַגעגנט מיט האַס און כעס פון רבּי

ר׳ ברוך און פריער נאָך פון ר׳ אברהם קאַליסקער, וועמען ער, דער „רב״, האָט דערהויבן און געמאַכט פאַרן ראש פון דער חלוקה אין ארץ ישראל. און ענדלעך, ווען עס שטעלט זיך שוין איין די מחלוקת אין די אייגענע רייען און ער וויל פאַרשטאַרקן דעם שלום צווישן די יידן אין ליטא, חסידים און מתנגדים, דורך באַזאָרגן זיי מיט פרנסה און אויך דורך פאַרגרעסערן צווישן זיי דעם לימוד התורה, דורך ישיבות און דורך שיקן מלמדים אין סאַמע ווייטע ערטער, באַווייזט זיך פלוצים דער שטן אין אַ נייער געשטאַלט — און דער פון נאַפּאָלעאָן, וואָס גייט אויף רוסלאַנד און וועגן וועמען ער איז זיכער אַז ער וועט עוקר זיין אַלץ. יידן וועלן אפשר האָבן מער פרנסה, אָבער דעם לימוד התורה, ווען ווערן ווינציקער און אַזוי אויך דאָס אָפּהיטן די מצוות מעשיות און עס קען נאָך חלילה קומען דערצו אַז „שתשתכח תורה מישראל״. ער נעמט איצט מרעיש עולם זיין, אַז די צדיקים פון דור זאָלן תפילה טאָן צום רבונו של עולם, אַז דער רשע נאַפּאָלעאָן זאָל פאַרלירן, אָבער אויך איצט טרעטן אַרויס קעגן אים פיל פון די צדיקים און זיינע אייגענע חברים, ר׳ ישראל קאָזשעניצער און ר׳ מענדל רימאַנאָווער בעטן גאָר צו גאָט פאַרקערט, אַז נאַפּאָלעאָן זאָל מנצח זיין. דאָס פירט דערצו אַז עס ווערט אַ געיעג צווישן אים און דעם קאָזשעניצער ראש השנה ביי די תקיעות, ווער עס וועט בלאָזן פריער, ווייל עס ווערט פאַרשטאַנען צווישן זיי, אַז ווער עס וועט זיך מקדים זיין דער וועט זיגן. אָבער כאָטש דער „ליטוואַק״ האָט ביים קאָזשעניצער „אויפגעכאַפּט די תקיעות״, (ווי ר׳ ישראל קאָזשעניצער האָט זיך אויסגעדריקט) אַזוי אַז שפּעטער האָט שוין אויך ער, ר׳ ישראל אַליין, צוגעגעבן פורים ביים מגילה לייענען, אַז „נפול תפול — נאַפּאָלעאָן תפול״, דאָך האָט דער ליאַדער שפּעטער געמוזט עוקר זיין, אין דער צייט ווען נאַפּאָלעאָנס חיילות זיינען געקומען ביז זיין שטאָט. דער סוף איז געווען אַז דער „רב״ איז נפטר געוואָרן אין דער פרעמד נאָך פיל אויסמאַטערנישן און ליידן.

קומט דעריבער ר׳ שניאור זלמן צו צו די ערשטע צוויי און עס שאַפּט זיך די „טראָיקע״ פון חסידות. די דריי גרעסטע וואָס האָבן באַלויכטן יעדער איינער זיין לאַנד. ר׳ לוי יצחק — אוקראַינע, ר׳ שניאור זלמן — ליטא און רייסין און ר׳ מענדל — פוילן. אַלע זיינען זיי געווען עקסטרעמיסטן, ווייל ווי אַנדערש האָט עס דען געקאָנט זיין. יעדער בעל־שיטה מוז זיין אַן עקסטרעמיסט, אויב נישט איז עס קיין שיטה נישט. יעדער בעל שיטה מוז גלויבן, אַז נאָר זיין שיטה איז די רפואה צו אַלע צרות פון דער וועלט. ר׳ לוי יצחק האָט עס געזען אין דער עקסטרעמער גוטסקייט. ר׳ מענדל אין עקסטרעמען אמת און ר׳ שניאור זלמן אין עקסטרעמען שלום.

די איבעריקע רביים — און געווען צווישן זיי גאַנץ גרויסע מוחות און אויך פיל האַרציקע יידן — האָבן קיין נייע שיטות נישט געשאַפן. ווער

עס איז געגאַנגען אין די וועגן פון לוי יצחק (ווי ר׳ דודל לעלעווער, ר׳ יצחק וואורקער, ר׳ אברהם יהושע הערשל אפטער און אַנדערע), ווער אין די וועגן פון ר׳ מענדל קאָצקער (זייער ווייניק) און ווער אין די וועגן פון ר׳ שניאור זלמן (די רביים פון דער ליובאַוויטש דינאַסטיע און אויך אַנדערע) אָבער קיין שיינענדע שטערן זיינען זיי נישט געווען.

## 5

ר׳ לוי יצחק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר ת״ק (1740). דער טאָג פון געבורט איז נישט אָנגעגעבן. זיין פאָטער, ר׳ מאיר, איז געווען רב אין הוסיאַקאָוו, אַ קליין שטעטל אין געגנט פון פרזשעמישל (גאַליציע), און איז געווען אַ גרויסער למדן אין נגלה און נסתר. ביי אים האָט לוי יצחק געלערנט אין די גאָר יונגע יאָרן. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט אים דער פאָטער געשיקט לערנען אין דער ישיבה פון יאראָסלאָוו. אין יענער ישיבה איז דעמאָלט געקומען דער גרויסער גביר און שר, שאַך־מייסטער פון פירשט סאַנגושקא ר׳ ישראל פרץ פון לובאַרטאָוו, מיטן צוועק צו געפינען דאָרטן אַ גוטן חתן פאַר זיין גראַטענע טאָכטער פערל. דער ראש ישיבה האָט אָנגעוויזן אויף לוי יצחקן און ר׳ ישראל פרץ האָט אים טאַקע גענומען פאַר אַן איידעם. ר׳ לוי יצחק האָט נאָך דער חתונה געגעסן קעסט ביי זיין שווער אין לובאַרטאָוו. אין יענעם שטעטל זיינען געווען פיל לומדים, ווי למשל ר׳ יוסף תאומים, דער מחבר פון „פרי מגדים״ און אויך אַנדערע, וועלכע זיינען געוואָרן זיינע חברים. נישט ווייט פון דאָרטן איז געזעסן אויפן כסא הרבנות אין דער שטאָט ריטשוואָל, ר׳ שמעלקע הורוויץ, וועלכער איז געוואָרן שפּעטער רב אין ניקעלבערג. ר׳ שמעלקע איז געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון „מגיד״ פון מעזעריטש און ער האָט איבערגערעדט לוי יצחקן צו פאָרן מיט אים צוזאַמען קיין מעזעריטש צו זען דעם „מגיד הקדוש״.

ר׳ לוי יצחק איז שפּעטער געוואָרן רב אין ריטשוואָל, אויפן פּלאַץ פון ר׳ שמעלקע. אָבער ער האָט פון דאָרטן געמוזט אַנטלויפן אין הושענא רבה מיטן לולב אין איין האַנט און דער אתרוג אין דער צווייטער. ער איז דעמאָלט געלאָפן צום מגיד ר׳ ישראל קיין קאָזעניץ וואָס איז נישט ווייט פון ריטשוואָל.

אין יאָר תקל״א איז ר׳ לוי יצחק געוואָרן רב אין פינסק. דאָרטן האָט ער נאָך שטאַרק באַפריינדעט מיט ר׳ אהרן קאַרלינער, וואָרים קאַרלין איז נעבן פינסק. ר׳ אהרן קאַרלינער איז געווען פון די בעסטע תלמידים פון „מגיד״. ר׳ אהרן איז געווען אַ גרויסער בעל התלהבות און איז דערמיט געווען זער נאָענט אין גייסט צו ר׳ לוי יצחקן. אָבער די סביבה איז געווען

אַ מתנגדישע און ווען די מתנגדים אין דער ליטע האָבן אויסגערופן דעם באַוואוסטן חרם אויף די חסידים אין יאָר תקל״ב, האָט ר׳ לוי יצחק געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט.

ער קומט איצט אָן אין זשעליכאָוו (שעדליצער גובערניע, פוילן) אָבער אויך דאָ האָט ער נישט געפונען קיין מנוחה. ערשט ווען ער איז געקומען קיין באַרדיטשעוו אין עלטער פון 45 יאָר האָט מען דאָרטן דערזען, ווער ער איז און ער איז באַוואוסט געוואָרן איבער דער וועלט.

ר׳ לוי יצחק האָט געהאַט דריי זין און אַ טאָכטער. די זין זיינען געווען: ר׳ מאיר, דער מחבר פון ספר „כתר תורה״ וועלכער איז נפטר געוואָרן נאָך ביי זיין לעבן; ר׳ ישראל, רב פון פיקאָוו און שפּעטער האָט ער פאַרנומען טיילוויז דאָס אָרט פון זיין פאָטער אין באַרדיטשעוו, און ר׳ דוב בעריש, דער איידעם האָט געהייסן ר׳ יוסף בונם.

לויטן עדות זאָגן פון ר׳ מאירן האָט ר׳ לוי יצחק געהאַט טויזנטער תלמידים. פון זיי האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט ר׳ אהרן פון זשיטאָ־מיר, דער מחבר פון ספר „תולדות אהרן״.

ר׳ לוי יצחק איז נפטר געוואָרן כ״ה תשרי תק״ע (1810) וואָס עס איז געווען פונקט אסרו חג. פון אים איז געבליבן זיין ספר „קדושת לוי״, וואָס עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן שוין נאָך זיין הסתלקות.

6

אַ וואָרט וועגן די מאַטעריאַלן. איך האָב זיך באַנוצט מיט אַלע ספרים פון און אַרום ר׳ לוי יצחקן. צום ערשטן די חסידישע ספרים ווי דער „קדושת לוי״ און די ספרים פון די קינדער און אויך מיט די ווער־טער, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פון אַנדערע אין זיין נאָמען, און אויסער דעם אויך מיט די אַרבעטן וועגן ר׳ לוי יצחקן וואָס עס זיי־נען פאַראַן.

אָבער בנוגע זיי, וויל איך זיך דאָ באַזונדערס אָפּשטעלן אויף צוויי פונקטן וואָס דאַרפן אַביסל אויפקלערונג. דאָס ערשטע איז בנוגע דער חילוקי דעות, צי ר׳ לוי יצחק איז געווען פריער רב אין פּינסק און דער־נאָך אין זשעליכאָוו אָדער פאַרקערט. אברהם כהנא אין זיין „ספר החסידות״ זאָגט אַז ער איז געווען פריער רב אין פינסק אין די יאָרן תקל״א און תקל״ב און ערשט דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין זשעליכאָוו. דאָס איז אויך די מיינונג פון ד״ר ש. א. האָראָדעצקי אין זיין ווערק „החסידים והחסידות״ (ח״ב). און „ספר החסידות״ פון יצחק ווערפל ווערט אָבער געזאָגט אַז ר׳ לוי יצחק איז געווען פריער רב אין זשע־ליכאָוו אין יאָר תקכ״ה און ערשט שפּעטער אין פינסק, אין יאָר תקל״א.

פּראָפ׳ שמעון דובנאָוו איז אָבער אויך מיט דער מיינונג אַז ר׳ לוי יצחק איז געווען פריער רב אין פּינסק און דערנאָך אין זשעליכאָוו. אין זיין „געשיכטע פון חסידיזם" (צווייטער טייל, זייט 32) שרייבט ער: „אין יאָר 1771 (תקל"א) איז ער אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ רב פון דער גרויסער קהילה פּינסק. די רדיפות קעגן חסידים, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין ליטע אין יאָר 1772, האָבן אים געצוואונגען איבערצופאָרן אין דער שטאָט זשעליכאָוו אין פּוילן. אונטערן נאָמען „זשעליכאָווער רב" האָבן מיר אים געזען אין די יאָרן 1781 — 1781 אין דעם וויכוח וואָס ער האָט געהאַט אין וואַרשע מיטן בריסקער רב און דערנאָך אין דעם שריפטלעכן וויכוח". דערמיט דענק איך איז די פראַגע דערלידיקט. איך האָב דעריבער אָנגענומען אין מיין דראַמע דובנאָוס פעסטשטעלונג וואָס ווערט אויך באַגלייט פון דאָקומענטן.

אַ צווייטע שטעלע וועגן וועלכער עס איז דאָ אַ חילוקי דעות, איז וועגן דער האַנדלונג פון דער רביצין פּערל, בנוגע דעם חוב פון איר פאָטער צום פּירשט. ש. א. האָראָדעצקי שרייבט וועגן דעם, בקיצור, אין „החסידות והחסידים" (ח"ב). ער שרייבט אַזוי (איך זעץ איבער פון העברעאישן טעקסט): „דערווייל איז דער שווער געוואָרן אַ יורד און איז געבליבן אַ בעל חוב צום פּירשט, צו וועלכן די שטאָט האָט געהערט און עס האָט אים געדראָאָט אַ געפאַר צו ווערן פאַרשפּאַרט אין געפענגעניש פאַרן חוב. זיין טאָכטער, דאָס ווייב פון ר׳ לוי יצחק, כדי צו ראַטעווען איר פאָטער, האָט זיך מתחייב געווען צום פּירשט בכתב, אַז אין משך פון צוויי יאָר זאָל זי באַצאָלן אים דעם חוב פון פאָטער און אויב נישט — דערציילט די לעגענדע — דאַרף זי זיך שמדן. דאָס האָט זי געטאָן בסוד און ערשט דערנאָך געזאָגט דערפון איר מאַן. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, זיין גרויסן צער, ווען ער האָט זיך דערפון דערוואוסט. אָבער וואָס עס איז געשען איז שוין געווען פאַרפאַלן. דעריבער איז ר׳ לוי יצחק געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט צו זאַמלען נדבות אויף אויסצולייזן זיין שווער, און וואו ער איז געקומען האָט מען זיך פאַרוואונדערט אויף זיינע באַגייסטערטע תפילות צו גאָט".

אויך אַנדערע ביאָגראַפן פון ר׳ לוי יצחק ברייננגען ענלעכע שטעלן, אַז די רביצין, פּערל, האָט זיך מתחייב געווען צום פּירשט בכתב, אַז אויב זי וועט אים נישט באַצאָלן דעם חוב אין צוויי יאָר, מוז זי זיך שמדן.

אין אַ בריוו, וואָס מען האָט געפונען צווישן די כתבים פון אַרכיוו פון פּראָפ׳ ש. דובנאָוו (וואָס געפינט זיך אין דער ייוו"א, אין ניו־יאָרק) ווערט דערציילט פיל מער פּרטים. דער שרייבער פון בריוו איז דער באַוואוסטער רב ר׳ יוסף לעווינשטיין פון סעראַצק, דער מחבר פון פיל ספרים, וועלכער האָט דערלעבט צו אַ הויכער עלטער. דער בריוו צו

דובנאָוון איז אַ גרויסער און באַרירט פיל אַנדערע ענינים. ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן „יום ו' עש"ק י"ג תמוז שנת תרנ"ה, פה ק"ק סעראָצק". אין דעם בריוו שרייבט ער צווישן אנדערעס אויך וועגן דעם ענין פון חוב פון ר' לוי יצחקס שווער צום פירשט. ער שרייבט אַזוי (צוליב דער וויכטיקייט פון דעם בריוו וואָס איז געשריבן אויף העברעאיש וועל איך דאָ ברייגגען די שטעלע אַזוי ווי זי איז אין אָריגינאַל אָן איבער־זעצונג).

...סיבת תולדות החסידות ע"י הר' לוי יצחק עוד בהיותו ברוצוועל, כי הוא הי' חתן הרב שמואל פרץ מלאוורטוב (דאָס איז נישט ריכטיק. דער נאָמען פון ר' לוי יצחקס שווער איז געווען ר' ישראל פרץ. צ. כ.) ואחי הר' משה פרץ הנ"ל משם, והוא הי' החוכר אורנדא מהדוכס מלאוורטוב ולעת זקנותו נשאר בע"ח מכמה אלפים אדומים או פחות והי' הנהוג מקודם שהחוכר ביד השר הי' עם ילדיו לשים בבור על לחם צר ומים לחץ עד שיפדה או ימות שם. ובתו במר נפשה התחננה להשר כי לא יגוש אביה כי היא תשלם לו מהכנסת בעלה ברוצוועל, ושאם לא תשלם אז תמיד דתה, ותביא כתב גם מבעלה הרב, רשיון ע"ז. ובתוך כתבי האקטן חתם בעלה הר' לוי יצחק ולא ידע מה כתוב בה ועי"ז חופשה ניתן לאביה ואח"ז הודיעה לבעלה ויחרד האיש מאוד ונסע בכל המדינה, לא היתה עיר אשר לא סר אליה ואז ראו עבודתו וגדלו וילמד דרכי רבו המגיד מראווני. זה שמעתי מאבותי ומהג"מ גבריאל דאַנציקער ז"ל אבדק"ק ראדום ושמעתי מהם מה שהפליא בווארשא, פולטיסק, מאקאווי פאפאוו. ומהגאון ר' שלמה פוזנר מקויל ומבני הגאבבד"ק זאגראווי שמעתי מה שראה הראש ישיבה מפויזן גדליה גר... (דער נאָמען איז געווען נישט קלאָר, צ. כ.) וכמדומני שהודעתי מזה לכבודו, ואח"כ מפינסק נודע לרבים המחלוקת מהגר"א מוילנא.

גם הר' ישכר בער מזואטשוב הר"ב בת עיני ומשביר צדק הי' חתן (?) ר' שמואל פרץ וע"י שנעשה גם הוא ערב עבור החוב עקר מדינה לאה"ק".

אין סוף פון בריוו איז דאָ נאָך אַ טעות פון שרייבער. הרב ישכר בער, דער רב פון זלאטשעוו אין יענער צייט איז נישט געווען אַן איידעם פון ר' ישראל פרץ, נאָר בלויז אַ פריינט. ער שרייבט ווייטער שמואל פרץ, אָבער זיין אמתער נאָמען איז געווען ר' ישראל פרץ.

אין מיינע יונגע יאָרן האָב איך געהאַט געזען אַ בריוו וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן דעם ענין פון אַן אור־אור־אייניקל פון ר' ישראל פרץ, וועלכער האָט געהייסן יוסף פרץ און איז געווען אַ דירעקטער אייניקל פון איינעם פון ר' ישראלס זין. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן צום באַוואוסטן משכיל ר' ישכר שוואַרץ פון זגיערזש ביי לאָדז (דער פאָטער פון אינזשעניר שמואל שוואַרץ, וועלכער איז איצט טעטיק אין

שפאַניען און פּאָרטוגאַל און האָט געמאַכט פיל אַרבעטן וועגן די דאָרטיקע אנוסים). אַזוי ווי דער בריוו האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק געדענק איך אים און וועל אים ציטירן פון זכרון. ער שרייבט אַזוי: איך האָב גערעדט מיט מיין זיידן וועגן דעם ענין פון דער רביצין פּערל, בנוגע דעם פירשט און ער האָט מיר פּאַרזיכערט, אַז עס איז שוא ושקר די קלאַנגען, אַז זי האָט אים געגעבן אַ כתב אַז זי וועט זיך שמדן אויב זי וועט נישט קאָנען באַצאָלן דעם חוב. עס הויבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס און דאָס האָבן די מתנגדים אויסגעטראַכט. די מעשה איז אַזוי געווען: ווען דער אַלטער פירשט סאַנגושקאַ איז געשטאָרבן, האָט זיין עלטסטער זון, יאָזעף, איבערגענומען די פירונג און האָט געמאָנט ביי ר׳ ישראל פּרצן, וועלכער איז געווען זיין שטייער קאָלעקטאָר, אַ סומע פון זעקס טויזנט דוקאַטן, שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז ר׳ ישראל איז שולדיק געבליבן נאָך פון פריער צום פאָטער פיר טויזנט דוקאַטן וואָס דער אַלטער פירשט האָט אים געהאַט געשאָנקען. ער האָט אַלזאָ געמאָנט ביי אים צען טויזנט דוקאַטן. ווען דער יונגער פירשט איז אַריינגעקומען צו ר׳ ישראלן צו מאָנען דעם חוב, האָט ער אים געשלאָגן מיט אַ בייטש, וואָס ער האָט שטענדיק מיט זיך געטראָגן. אויף זיינע געשרייען איז אַריינגעקומען זיין טאָכטער פּערל, וואָס איז שוין געווען ר׳ לוי יצחקס ווייב. זי איז געווען אַ גרויסע שיינהייט און זייער געבילדעט. ווער דער יונגער פירשט האָט איר דערזען האָט ער זיך באַלד פאַרליבט אין איר, זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אָפּלאָזן דעם פאָטער און זי וועט אים באַצאָלן דעם חוב און זי האָט אים געזאָגט אַז זי וועט אים געבן אַן התחייבות וועגן דעם. דער יונגער פירשט האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך מתחייב זיין בכתב אַז אויב זי וועט נישט באַצאָלן דעם חוב זאָל זי זיך שמדן אָבער דאָס האָט זי נישט געוואָלט טאָן. זי האָט נאָר געגעבן דעם יונגן פירשט אַ כתב התחייבות אויפן געלט. דער פירשט האָט דערצו צוגעגעבן אַז דער תנאי בלייבט, אָבער זי דאַרף דאָס נישט איינשרייבן. דערויף האָט זי גאָרנישט געזאָגט. דער יונגער פירשט האָט איר פאַרפאָלגט מיט זיין ליבע וואו נאָר זי איז געווען און דאָס איז טיילווייז געווען די סיבה פון פיל מחלוקתן אין די שטעט, וואו לוי יצחק איז געווען רב, ווייל ער איז אַלעמאָל געווען דער מחרחר ריב. ווי מען זאָגט אין אונדזערע משפחה קרייזן האָט אים שפּעטער דער באָוואוסטער רב אביגדור מגייר געווען, נאָכדעם ווי קיינער פון די רבנים האָט עס נישט געוואָלט טאָן. ער האָט אַ צייט לאַנג זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט און איז געווען אויך אין באַרדיטשעוו, ער איז געווען גליקלעך צו קאָנען כאַפּן אַ בליק אויף דער רביצין, פּערל, באַזונדערס שבת און יום טוב ווען זי איז געווען אין דער ווייבער שול. ער האָט איר געשיקט

בריוו און מתנות. די בריוו האָט זי צעריסן און די מתנות האָט זי אַוועק־געגעבן פאַר צדקה. אַזוי האָב איך געהערט פון פיל מיטגלידער פון מיין משפחה.

דער לעצטער נוסח איז מיר געווען צום נאָענטסטן און מיט אים האָב איך זיך באַנוצט אין מיין אַרבעט.

ר׳ לוי יצחק האָט געהאַט פיל תלמידים אָבער זיי האָבן אין זיין לעבן נישט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע.

אין צוויי זאַכן האָט ר׳ לוי יצחק אויסגעפירט: דאָס ערשטע, ער האָט נישט געוואָלט קיין ממלא מקומו און עס איז טאַקע נישט געווען, אַזוי אַז ער האָט נישט אויפגעשטעלט נאָך זיך קיין שום דינאַסטיע, און צווייטנס מען רופט אים אויך נישט דער רבי ר׳ לוי יצחק ז״ל ווי אַנדערע רביים, נאָר בלויז ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו. אַזוי האָט ער געלעבט און אַזוי איז ער געבליבן אין געדעכטעניש פון פאָלק אַ ייד צווישן זיינע ליבן יידן.

## 7

דער געדאַנק צו שאַפן אַ ווערק וואָס זאָל זיין די עפּאָפּייע פון חסידות אין אונדזער ליטעראַטור האָב איך פאַרטראַכט, ווען כ׳בין נאָך געווען גאָר יונג און געמאַכט מיינע ערשטע טריט דורך פאַרעפנטלעכן דער־ציילונגען אין „הזמן״ פון ווילנע און אין „המעורר״ פון ח. י. ברענער, אין לאָנדאָן, אָבער אַן אינערליך געפיל האָט מיר געזאָגט, אַז כ׳דאַרף נאָך דערמיט וואַרטן. איך האָב דאָך באַלד אָנגעהויבן צו זאַמלען מאַ־טעריאַלן פאַר אַזאַ אַרבעט. איך האָב אויך כסדר שטודירט די חסידישע ליטעראַטור און אויך אַלץ וואָס עס איז געשריבן געוואָרן אַרום דער ליטעראַטור.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך פאַרטראַכט אַ פּלאַן פון דער אַרבעט. איך האָב זיך קודם כל אָפּגעשטעלט אויף די, וועלכע זיינען די הויפּט זיילען פון דער חסידישער וועלט. נאָך פיל טראַכטן האָב איך געזען אַז עס איז אין דעם קאָלעקטיוו אויך דאָ ערשט קלאַסיקע, צווייט קלאַסיקע און דריט קלאַסיקע. איך האָב גענומען ווייטער זוכן און פאָרשן און זיך אָפּגעשטעלט אויף דריי, וועלכע זיינען ביי מיר געוואָרן די אָבות פון חסידות, די וואָס זיינען געקומען מיט עפּעס אייגנאַרטיקעס. זיי זיינען: רבי לוי יצחק פון באַרדיטשעוו, רבי שניאור זלמן פון ליאַדי און ר׳ מענדל פון קאָצק, און באַשלאָסן צו שאַפן דריי ווערק אין דראַמאַטישער פאָרם, ווייל נאָר אַזוי איז מעגלעך צו מאַכן זיי אַליין צו רעדן און אויפ־

צולעבן דער גאַנצער סביבה. עס איז געבוירין געוואָרן דער געדאַנק פון אַ טרילאָגיע פון חסידות.

איך בין באַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבעט פון סאַמע לעצטן, פשוט דערפאַר, ווייל ער איז מיר געווען אַם נאָענטסטן, צוליב דעם וואָס איך האָב געלעבט אין דער סביבה פון קאָצקער קינדער, אייניקלעך און אי־בערגעבליבענע חסידים, וועלכע האָבן נאָך געהאַט פרישע זכרונות וועגן דעם גרויסן יידן. נאָך פיל יאָרן פון התמדה, פון בויען און איבערבויען איז געבוירין געוואָרן דאָס ווערק „דער רבי פון קאָצק".

דער צווייטער שריט איז געווען צו קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם סאַמען ערשטן פון די דריי אָבות, רבי לוי יצחק פון באַרדיטשעוו. עס איז געווען נאָך אַ פיל שווערערע אויפגאַבע צוליבן אייגנאַרטיקן כאַ־ראַקטער פון העלד פון דער דראַמע, אָבער איך גלויב אַז איך בין אַלע שוועריקייטן ביינעקומען אין דעם ווערק וואָס ליגט איצט פאַר אייך, אַז עס איז מיר געלונגען צו שאַפן אים, פונקט אַזוי ווי אין דער דראַמע וועגן ר' מענדלען און צו פיקסירן דאָס בילד פון דעם אוקראַאינישן גרויסן יידן.

מיין נאָענטסטע אויפגאַבע איז איצט „דער רבי פון ליאַדי", וועלכע איז שוין אויך פאַרטיק און גרייט צום דרוק און וועט דערשיינען באַלד נאָך דער דראַמע. מיטן דערשיינען פון די ווערק, ווערט דער סדר פון די דריי דראַמעס אַביסל איבערגעשטעלט, לויט דער כראָנאָלאָגיע פון דער צייט ווי אויך צוליב זייער גליכוואָגיקער איינטיילונג. צום ערשטן קומט „רבי לוי יצחק פון באַרדיטשעוו" (רחמים) אין מיטן איז „רבי שניאור זלמן פון ליאַדי" (שלום) און דער דריטער איז, „רבי מענדל פון קאָצק" (דין). דערמיט איז מיין חלום וועגן אַן עפּאָפּייע פון חסידות פאַרפולט געוואָרן.

צ. כ.

# פּערזאָנען:

**ר׳ ישׂראל פּריץ** — שאַצמייסטער פון פירשט פאַוועל סאַנגושקאַ פון ליוּבאַרטאָוו און שפּעטער ביי זיין זון, דעם יונגן פירשט, יאָזעף סאַנגושקאַ. אין ערשטן אַקט, ערשטע סצענע אַ יאָר 45, אין דער צווייטער סצענע — 47. מיטל וואוקס, מיט אַ קורצער באָרד, געקליידעט ווי די אַמאָליקע רייכע פּוילישע יידן אין אַ טוכענער לאַנגער זשיביצע און אין סאַמעטן היטל.

**מלכה** — זיין ווייב, אין די זעכציק יאָרן, אַ דיקלעכע מיט אַ שטערן־טיכל ביז די אויגן.

**פּערל** — זיין טאָכטער, אַ שיינהייט מיט גאָלדענע לאָקן. העכער פון מיטל וואוקס. אין ערשטן אַקט, ערשטע סצענע — 18 יאָר. אין צווייטער סצענע — 20 יאָר. אין צווייטן אַקט, ערשטע סצענע — 32 יאָר און אין צווייטער סצענע 34 יאָר. אין דריטן אַקט, ערשטע סצענע — 64 יאָר און אין צווייטער סצענע — 70 יאָר.

**ר׳ לוי יצחק** — זייער איידעם, מאַן פון פּערל. מיטל וואוקס, מיט אַ מילד פּנים און אַ ברייטע באָרד. אין ערשטן אַקט, ערשטע סצענע — 20 יאָר. אין צווייטער סצענע — 22 יאָר. אין צווייטן אַקט, ערשטע סצענע — 32 יאָר, אין צווייטער סצענע — 34 יאָר. אין דריטן אַקט, ערשטע סצענע — 64 יאָר און אין צווייטער סצענע — 70 יאָר. אין טעקסט גערופן אויך „ריטשוואָלער רבי", „פּינסקער רבי", און „זשעליכאָווער רבי", אויך „דער רבי פון באַרדיטשעוו".

**יונגער פּירשט** — אין טעקסט אויך יאָזעף אָדער יוזעף סאַנגושקאַ און שפּעטער אברהם. אין ערשטן אַקט, ערשטע סצענע — 25 יאָר, אין צווייטער סצענע — 27 יאָר. אין צווייטן אַקט, ערשטע סצענע — 39 יאָר און אין צווייטער סצענע — 41 יאָר. אין דריטן אַקט, צווייטער סצענע — 71 יאָר. געקליידעט אין ערשטן אַקט, ערשטע און צווייטע סצענע און אויך אין ערשטער סצענע פון צווייטן אַקט ווי אַ פּוילישער פּריץ. אין ערשטער סצענע פון דריטן אַקט און אין צווייטער סצענע פון דריטן אַקט — אין אַ יידישע קאַפּאָטע און אין אַ טיכן היטל מיט אַ גלאַנצנדיקן דאַשעק.

**מאירקע** — קינד פון ר׳ לוי יצחק און פערל. אין ערשטער סצענע פון ערשטן אַקט — צוויי יאָר.

**שמשי** — שמש פון ר׳ לוי יצחק, אַ הויכער ייד מיט ברייטע פּלייצעס און אַ קליין בערדל, מיט אַ יאָר יינגער פון ר׳ לוי יצחק.

**ר׳ מאיר, ר׳ ישראל, ר׳ דוב בעריש** — זין פון ר׳ לוי יצחק און פערל. אַלע דריי רבנים.

**ר׳ שניאור זלמן** — אין טעקסט „דער ליאַדער רבי״. אין ערשטער סצענע פון צווייטן אַקט — 34 יאָר. אין צווייטער סצענע פון דריטן אַקט 65 יאָר. מיטל וואוקס. ביים ערשטן אויפטריט מיט אַ גרויסער געדיכטער געלער באָרד, ביים צווייטן אויפטריט איז די באָרד זילבער־ווייס און פיל געדיכטער ווי פריער.

**דער רבי ר׳ בער** — דער „מיטעלער רבי״, זון פון רבי שניאור זלמן.

**דער רבי ר׳ ברוך** — אַ הויכער, אַ שטאַלצער, אין די זעלבע יאָרן ווי ר׳ שניאור זלמן.

**ר׳ נחמן בראַצלאַווער** — אַ דאַרער, מיטל וואוקס, אין דיזעלבע יאָרן.

**דער קאָזשעניצער מגיד** — אין טעקסט אויך „ר׳ ישראל קאָזשעניצער״, אַ נידריקער, אַ שוואַכער, אין דיזעלבע יאָרן.

**ר׳ אברהם קאַליסקער**

**ר׳ אהרן קאַרלינער**

**הערשעלע אָסטראָפּאָליער**

**ר׳ פּנחס שו״ב** — ראש הקהל פון ריטשוואַל

**ר׳ ניסן** — ראש הקהל פון פּינסק

**ר׳ שבתי** — ראש הקהל פון זשעליכאָוו

**אביגדור** — אַ קורצע צייט רב אין פּינסק

**יונה שמש** — פון פּינסקער שול

**אידל** — יונה שמש׳ס זון, פון אַ יאָר 12

**רבקה** — דינסט ביי ר׳ ישראל פרץ

**יאָסל קצב**

**חיים קישקע**

**ערשטער אַדיוטאַנט** } (פון יונגן פירשט)
**צווייטער אַדיוטאַנט** }

**ערשטער אָרימאַן, צווייטער אָרימאַן, דריטער אָרימאַן. אַן אָרעמע בעטלערקע.**

**ערשטער, צווייטער, דריטער, פערטער, פינפטער, זעקסטער און זיבעטער חסיד.**

**ר׳ משה** } צוויי חסידים פון ר׳ לוי יצחקן
**ר׳ שלמה** }

**ר׳ אברהם קאַצענעלבויגן** — איבער 45, בריסקער רב.

**פוילישער בדחן, כלי זמרים.**

**זעליג שניידער**

**טוביה שוסטער**

**צוויי פאַרוועררס**

**ר׳ יוסף בונעם** — איידעם פון ר׳ לוי יצחק

**ר׳ יקותיאל זלמן** — זיין זון, חתן

**ביילע** — טאָכטער פון רבי ר׳ בער, כלה.

**חנה די כאַנטע**

**ר׳ יעקב** }
**ר׳ שמשון** } דריי גבאים פון זשעליכאָוו
**ר׳ יום־טוב** }

**מיידלעך** — חברטעס פון דער כלה.

**ערשטער גבאי, צווייטער גבאי**

**מבקר**

**מאַמע רחל**

**זעקס פריילינס**

**שטימען פון מלמד און אַ יינגעלע.**

**שטימע פון בערישל,** דאָס יינגסטע קינד פון ר׳ לוי יצחק און פערל.

## אָרט און צייט פון די האַנדלונגען:

**ערשטער אַקט: ערשטע סצענע:**
אין ר׳ ישראל פּרצס הויז אין ליובאַרטאָוו, יאָר תק״ך (1760).

**ערשטער אַקט: צווייטע סצענע:**
אין בית דין שטוב אין ריטשוויל, יאָר תקכ״ב (1762).

**צווייטער אַקט: ערשטע סצענע:**
אין בית דין שטוב אין פּינסק, יאָר תקל״ב (1772).

**צווייטער אַקט: צווייטע סצענע:**
אין בית דין שטוב אין זשעליכאָוו, יאָר תקל״ד (1774).

**דריטער אַקט: ערשטע סצענע:**
אין באַרדיטשעוו, יאָר תקמ״ה (1784).

**דריטער אַקט: צווייטע סצענע:**
אין זשלאָבין, יאָר תק״ע (1810).

●

## געזאַנגען:

1) קדיש.
2) אַ דודעלע.
3) מאירקע מיין זון.
4) מגידס ניגון.
5) שבת־ליד.
6) גאָט פון אברהם.
7) ברוך אלוקינו שבראנו לכבודו.
8) בעש״ט ניגון.
9) ר׳ אהרן קאַרלינערס ניגון.
10) צור משלו אכלנו, פון ר׳ אברהם קאַליסקער.
11) דעם רבס ניגון.

# פראָלאָג

(ערשטע פאָרהאַנג גייט אויף. די צווייטע פאָרהאַנג איז אַראָפּגעלאָזט. משה קומט אַן פון רעכטס, ר' שלמה — פון לינקס. ביידע קומען אָן זינגענדיק דעם מגידס ניגון „קדוש קדוש קדוש...").

**משה:** שלום עליכם, ר' שלמה! וואָס מאַכט איר?

**ר' שלמה:** עליכם שלום, משה, וואָס מאַכסטו?

**משה:** געלויבט השם יתברך, מען דאַוונט און מען לערנט און מען לויבט דעם אייבערשטן (זינגט דעם מגידס ניגון).

**ר' שלמה:** אַזוי זינגסטו דאָס, משה, דעם מגידס ניגון! עפּעס אַזוי קאַלט אָן פייער! ווייסטו כאָטש וואָס פאַר אַ ניגון עס איז?

**משה:** אודאי ווייס איך, ר' שלמה, עס איז דער ניגון פון מגיד פון מעזעריטש, זכרונו לברכה, דער גרויסער רבי ר' בער, דער יורש פון בעל־שם־טוב.

**ר' שלמה:** אָבער וואָס ווייסטו, משה, וועגן ניגון גופא?

**משה:** כ'פאַרשטיי איך נישט, ר' שלמה, וואָס איז דאָ צו וויסן וועגן אַ ניגון?

**ר' שלמה:** (קרימט אים נאָך) וואָס איז דאָ צו וויסן וועגן אַ ניגון? בהמה וואָס דו ביזט! ווייסטו כאָטש אַז דעם ניגון האָט דער מגיד געהערט פון בעל־שם־טוב אַליין? און ווייסטו פון וועמען דער בעל־שם טוב האָט געהערט דעם ניגון?

**משה:** (נייגעריק) פון וועמען?

**ר' שלמה:** דער בעל־שם־טוב האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז ער האָט געהערט דעם ניגון פון דעם מלאך, וואָס קומט צו אים יעדע נאַכט לערנען. דער מלאך האָט אים אויך געזאָגט, אַז דאָס איז דער ניגון מיט וועלכן די מלאכים זינגען שירה צום רבונו של עולם יעדן פרימאָרגן. איינמאָל האָט דער בעל־שם־טוב, דערציילט ווייטער, אַז ווען ער האָט געהאַט התגלות, האָט ער אַליין געהערט ווי די מלאכים אין זיבעטן הימל זינגען מיט דעם ניגון שירה צום כביכול און ער האָט מיטגעזונגען מיט זיי.

**משה:** (באַגייסטערט) אַ־וואַי, אַ־וואַי!

ר׳ שלמה: דעם ניגון דאַרף מען זינגען פול מיט התלהבות און השתפכות הנפש, אַט אַזוי (זינגט):

קדוש, קדו־ש, ק־דו־ש!
קדוש, קדו־ש, ק־דו־ש,
קדוש, קדו־ש, ק־דו־ש,
ה׳ צבאות!...

משה: ר׳ שלמה, זינגט נאָך אַמאָל. ווי אַזוי גייט דער ניגון?

ר׳ שלמה: (זינגט)

קדוש, קדו־ש, ק־דוש־ש...

משה: (זינגט מיט)

קדוש, קדו־ש, ק־דוש־ש...
ה׳ צב־אות

ר׳ שלמה: (זינגט)

מלוא כל הא־ר־ץ
כבודו!

משה און ר׳ שלמה: (צוזאַמען)

מלוא כל הא־ר־ץ
כבודו!

משה: כ׳האָב געהערט אַמאָל אַ מעשה וועגן בעל־שם־טוב, מכח אַ ניגון.

ר׳ שלמה: (האַקט אים איבער) מעשיות פון בעל־שם־טוב זיינען דאָ אַ סך, אָבער איך האָב נישט ליב צו רעדן וועגן בעל־שם־טוב, ווייל מיר פאַרשטייען אים לגמרי נישט.

משה: און וואָס ווייסן מיר וועגן „מגיד״?

ר׳ שלמה: טאַקע אויך ווייניק, אָבער מיר ווייסן כאָטש אַז ער איז געווען אַ מענטש. אַ געטלעכער מענטש, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט נאָכן בעל־שם־טוב צו פאַרשפּרייטן דאָס חסידות.

משה: דער מגיד איז געווען אַ מלאך.

ר׳ שלמה: דער מגיד איז נישט געווען קיין מלאך. צום מגיד פלעגט יעדע נאַכט קומען אַ מלאך און מיט אים לערנען. אָבער ער אַליין איז געווען אַ מענטש. אַ געטלעכער מענטש, אַן אדם העליון. ער האָט גע־האַט ניין און דרייסיק געקליבענע תלמידים און ער פלעגט זאָגן, אַז פון אַלע האָט ער אַמליבסטן ר׳ לוי יצחקן, ווייל אַזאַ אוהב ישראל איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.

משה: דאָס וואָס איך וויל אייך דאָ דערציילן איז טאַקע וועגן גע־בורט פון ר׳ לוי יצחקן. כ׳האָב עס געהערט פון מיין טאַטן עליו השלום: ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַלטע חסידים האָבן דערציילט, אַז ווען ר׳ לוי

יצחק איז געבוירן געוואָרן, האָט זיך דער בעל־שם־טוב שטאַרק געפרייט און האָט געהייסן געבן אַלעמען לעקאַך און בראַנפן. אַז מען האָט אים געפרעגט, וואָס איז די שמחה? האָט ער געזאָגט, אַז אַ גרויסע נשמה איז אַראָפּ אויף דער וועלט, וואָס וועט זיין דער גרעסטער מליץ יושר פאַר יידן. באַלד אָבער איז דער בעל־שם־טוב טרויעריק געוואָרן. האָט מען אים געפרעגט, פאַרוואָס איז ער געוואָרן טרויעריק, האָט ער געזאָגט אַזוי: „כ'האָב געהערט ווי מען האָט אויסגערופן אין הימל, אַז עס איז אַראָפּ אויף דער וועלט אַ נשמה וואָס מען האָט געגעבן צו איינעם, וואָס וועט הייסן לוי יצחק און אַז די נשמה איז בכח צו שאַפן אַ נייע וועלט, וואָס זאָל זיין כולו זכאי, אַ וועלט פון בלויז פרומע און גוטע יידן, אַ וועלט וואו דער יצר הרע זאָל נישט האָבן קיין שליטה. און דעמאָלט וועט מוזן קומען משיח. אָבער ווען דער יצר הרע האָט דאָס דערהערט, איז ער געקומען צום רבונו של עולם און געזאָגט: „האַר פון אַלע וועלטן, דו האָסט מיך געשאַפן, אַז כ'זאָל זיין אַ שטן, אַ פאַרפירער פון מענטשן, אָבער איצט האָב איך געהערט אַז דו האָסט אַראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד אַ גרויסע נשמה וואָס וועט שאַפן אַ וועלט פון כולו זכאי. פרעג איך דיך, רבונו של עולם, וואָס וועט זיין מיט מיר?" האָט דער רבונו של עולם צו אים געזאָגט: „האָב קיין מורא נישט, שטן, די נשמה פון לוי יצחק איז טאַקע אַזאַ גרויסע, אַז זי קאָן מאַכן, אַז אַלע זאָלן ווערן לויטער צדיקים, אָבער איך האָב פריער נאָך גוזר געווען, אַז לוי יצחק זאָל זיין אַ רב און אויב אַזוי, קאָנסטו זיין גאַנץ רואיק. אַ רב קאָן קיינמאָל נישט צופרידן שטעלן זיין קהלה. מען וועט אים דערציבער רודפן און טרייבן פון שטאָט צו שטאָט, אַזוי אַז ער וועט נישט האָבן קיין צייט אויסצובעסערן די וועלט. איז דער שטן אַרויס צופרידן פון פאַר גאָט.

**ר' שלמה:** איך געדענק אַזוי ווי היינט דעם טאָג, ווען עס איז געקומען זיין שווער, דער גרויסער גביר, ר' ישראל פּרץ, דער קצין און שאַך־מייסטער פון פירשט סאַנגושקא, אין יאַראָסלאַווער ישיבה, כדי צו שמועסן מיטן יאַראָסלאַווער עלוי, לוי יצחק, אין לערנען. איך האָב דעמאָלט אויך געלערנט אין יאַראָסלאַווער ישיבה און געדענק אַזוי ווי היינט ווי נאָכדעם ווי ר' ישראל פּרץ האָט אים פאַרהערט אין לערנען און האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו נעמען אים פאַר אַן אײדעם, פאַר זייך טאָכטער פערל, האָט ער געזאָגט צום ראש ישיבה: „ר' יעקב יוסף, איך האָב אַ סך דיאַמאַנטן אין מיין שאַך־קאַמער, אָבער אַזאַ דיאַמאַנט האָב איך נישט. איך וויל נעמען אָט דעם בחור פאַר אַן איידעם".

**משה:** און וואָס האָט דערצו געזאָגט דער ראש ישיבה?

**ר' שלמה:** אונדזער ראש ישיבה, ר' יעקב יוסף, איז אַ חוץ אַ גרויסער תלמיד חכם, אויך געווען אַ קלוגער ייד. רופט ער זיך אָפּ און זאָגט

צו אים אַזוי: „ר׳ ישראל פּרץ, איר זייט דאָך אַ ייד אַ גביר, האָט איר דאָך מן הסתם מגדל געווען אייער טאָכטער ווי אַ גביריש קינד. איר האָט צו איר געהאַלטן לערער, וואָס האָבן מיט איר געלערנט פאַרשידענע לשונות, און זי איז אודאי אַן אויפגעקלערטע, אַ משכלת, טאָ פרעג איך אייך, ווי אַזוי קומט זי צו לוי יצחקן? ווארום וויסן זאָלט איר, אַז לוי יצחק איז מיין בעסטער תלמיד. ער איז אַ חוץ אַ שאַרפער קאָפּ אין לערנען, ממש אויסגעטאָן פון דער וועלט. נו, ר׳ ישראל, זאָגט אַליין, האַלט איר באמת, אַז עס וועט זיין אַ גוטער זיווג?

**משה:** גוט געפרעגט. איז וואָס האָט אים ר׳ ישראל פרץ געענט־פערט?

**ר׳ שלמה:** ר׳ ישראל פרץ האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און גע־זאָגט אַזוי: די גמרא זאָגט „איזה אשה כשרה, כל שעושה רצון בעלה״, וועלכע הייסט אַ כשר ווייב, די וואָס טוט דעם ווילן פון איר מאַן. נו, איך בין זיכער אַז מיין פערעלע וועט טאָן דעם ווילן פון איר מאַן, פונקט אַזוי ווי זי טוט איצט אַלץ וואָס איך הייס איר טאָן. איך פאָר פון דאַנען גלייך קיין הוסיאַקאָוו און וועל דאָרטן רעדן מיט זיין פאָטער, דעם רב פון שטאָט און איך וועל נישט אָוועקפאָרן פריער, ביז כ׳וועל מאַכן אַ „וואָרט״.

**משה:** עס איז אודאי געווען אַזוי מן השמים, כדי צו ראַטעווען אַ ידישע נשמה.

**ר׳ שלמה:** דו מיינסט אודאי די מעשה מיטן יונגן פירשט. נו, בייס דיר בעסער אָפּ די צונג. בעסער רעד נישט דערפון, ווייל מיר וויסן נישט גאָטס דרכים. (פויזע) נו, לאָמיר בעסער נאָך אַ מאָל זינגען דעם מגידס ניגון. אָבער זינג מיט כונה, זאָל זיך דיר אויסדוכטן, אַז דו ביסט אַ מלאך און דו זינגסט דאָס שירה פאַרן רבונו של עולם. נו, הויב אָן:

**משה:** (זינגט)

קדוש, קדו־ש, ק־דו־ש...
קדוש, קדו־ש, ק־דו־ש...
קדוש, קדו־ש, ק־דו־ש...

**ר׳ שלמה:** (זינגט מיט באַגייסטערונג)
קדוש, קדו־ש, ק־דו־ש...
ה׳ צבאות...

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

# ערשטער אַקט

## ערשטע סצענע

אַ גרויס אויפנאַם־צימער. אַ שיין געבעטע סאָפע צווישן צוויי פענצטער. פון בײדע זייטן געבעטע שטולן, אַלע אין ראָקאָקאָ־סטיל. אַ גרויסער שפּיגל אײנגעפאַסט אין אַ גאָלדענעם ראַם הייגגט איבער דער סאָפע. אין מיטן צימער אַ טיש מיט פיר שטולן אַרום. אויף דער פּאָדלאָגע אַן אָריענטאַלער טעפּיך. איבער דעם טיש הייגגט אַראָפּ פון סופיט אַ גרויסע שיינע קריסטאַלענע קאַנדעלאַברע. אויף דער וואַנט לינקס — אַן אויסגעשטריקטער „מזרח". צו רעכט — אַ גרויסע קאָמאָדע מיט וועש און די שופלאָדן זיינען האַלב אָפן. נעבן דער קאָמאָדע — אַ קליין בענקעלע. רעכטס און לינקס — טירן, וואָס פירן אין אַנדערע צימערן.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען ווי אויפן בענקל שטייט אַן אָפענע וואַליזע, אין וועלכער עס ליגט שוין אַ ביסל אונטערוועש. אויפן טיש ליגט אַ פּאַק פון מענערשער אונטערוועש און מלבושים, גרייט צום איינפּאַקן. ישראל פּרץ פּאָרעט זיך ביים איינפּאַקן די זאַכן און מלכה נעמט אַרויס די וועש פון דער קאָמאָדע און לייגט זיי אויפן טיש.

**מלכה:** (מיט אַ ווייַנענדיקע שטימע) עס איז אַזוי פּלוצלונג, ישראל, אַז כ'ווייס נישט וואָס מען פּאַקט דיר איין. כ' ווייס דאָך אַפילו נישט וואוהין דו פאָרסט? און אויף ווי לאַנג?

**ר' ישראל פּרץ:** כ'האָב דאָך דיר נאָך נעכטן געזאָגט, מלכה־לעבן. אַז כ'הויב אַליין נישט אָן צו וויסן, וואו אַהין צו פאָרן און צו ווען צו פאָרן. אָבער איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז כ'מוז אַוועקפאָרן און טאַקע נישט שפּעטער ווי הייַנט אין אָוונט, ווייל מאָרגן איז דער דריטער טאָג, ווען כ'מוז דעם יונגן פירשט צושטעלן זעקס טויזנט דוקאַטן; אויב נישט וועט ער מיך אַרעסטירן און אַרייַנוואַרפן אין אַ גרובן, אויף ברויט און וואַסער, ווי עס איז דער שטייגער פון די פּויליש פּריצים. אָבער וואו זאָל איך נעמען ביז מאָרגן זעקס טויזנט דוקאַטן?

**מלכה:** (באַאומרואיקט) כ'פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, ישראל, וואָס פאַר זעקס טויזנט דוקאַטן דו ביסט אים דאָס שולדיק? דו פלעגסט דאָך יעדן קוואַרטאַל באַצאָלן דעם אַלטן פירשט אַלע געלטער וואָס דו האָסט איינגעמאָנט פאַר צינזן! דער אַלטע פירשט אַליין איז דאָך ערשט מיט

עטלעכע חדשים צוריק, טאַקע אַ וואָך אידער ער איז געשטאָרבן, געווען ביי אונדז אין הויז, געגעסן געפילטע פיש און צימעס און האָט געקלאַפּט דיר אויף דער פּלייצע און געזאָגט, אַז דו ביסט דער בעסטער שאַך־מייסטער וואָס ער האָט ווען אַמאָל געהאַט, איבערן גאַנצן געגענט פון ליובארטאָוו; אַז דו גיסט אים אָפּ די איינגעמאַנטע געלטער ביז אַ גראָשן און דערצו מיט אַ גענויעם חשבון. טאָ וואָס פאַר אַ זעקס טויזנט דוקאַטן ביזטו דאָס שולדיק דעם יונגן פירשט?

**ר׳ ישראל פּריץ:** כ׳זאָל אַזוי ויסן פון אַ בייזע וועטשערע ווי כ׳ווייס וואָס ער וויל פון מיר! כ׳ווייס נישט מער, אַז באַלד ווי דער יונגער פירשט איז געקומען אַהער נאָך זיין פאָטערס טויט, האָט אָט דער טייערער תכשיט וואָס האָט ביז איצט געפירט אַ הולטייסקען לעבן אין פּאַריז, מיר געזאָגט, אַז ער מוז מאַכן אַ תכלית אין פאָטערס געשעפטן, אַז ער וועט איבערקוקן אַלע געשעפטס־ביכער און אַז ער האָט אַ חשד, אַז איך בין אים שולדיק געלט. נו, האָט ער אַרויסגערופן אַהער צוויי בוכהאַלטערס אַזש פון קראָקע און זיי האָבן געחשבונט און געחשבונט און אויסגעפונען, אַז כ׳בין שולדיק געבליבן דעם אַלטן פירשט זעקס טויזנט דוקאַטן.

**מלכה:** און וואָס האָסטו אים געזאָגט דערויף, ישראל?

**ר׳ ישראל פּריץ:** וואָס האָב איך אים געקאָנט זאָגן אָט דעם שונא ישראל, דעם רשע מרושע, וואָס וואַרפט זיך אויף דיר מיט אַ ווילדע רציחה און סטראַשעט, אַז אויב כ׳וועל אים נישט ברענגען דאָס געלט תיכף ומיד וועט ער טאָן מיט מיר ווי עס טוען אַלע פּריצים צו זייערע יידן, אַז ער וועט מיך אַריינוואַרפן אין אַ גרובן און מ׳וועט מיר געבן איין מאָל אַ וואָך טרוקן ברויט מיט וואַסער און צו זיין געבורטסטאָג וועט מען מיך צווינגען צו טאַנצן מיטן בער.

**מלכה:** (מיט כעס) אַז נישט דערלעבן וועט ער עס, רבונו של עולם!

**ר׳ ישראל פּריץ:** כ׳וויל דיר זאָגן דעם אמת, מלכה לעבן, אַז אַפילו ווען דער יונגער פירשט מאָנט נישט איצט ביי מיר קיין זעקס טויזנט דוקאַטן האָב איך אויך שוין געטראַכט פון אָפּצוזאָגן זיך צו זיין ביי אים אַ שאַך־מייסטער, וואָרום עס איז אונמעגלעך מיט אים אויסצוקומען. דען פונקט ווי זיין פאָטער איז געווען אַ ליבער מענטש, אַזוי איז ער אַ גרויסער כעסן, אַ בייזער הונט און ווייס באַר איינס — צו שרייען און צו טופּען מיט די פיס.

**מלכה:** (נעמט אַרויס ווייטער וועש און בלייבט שטיין אָפּהענדיק) כ׳ווייס נישט וואָס דיר מיטצוגעבן, ישראל? זאָל איך דיר געבן בלויז זומערדיקע וועש צו אויך ווינטערדיקע? אַז כ׳ווייס נישט וואו דו פאָרסט און אויף ווי לאַנג?

**ר׳ ישראל פּריץ:** (פאַרטראַכט) כ׳וויל דיר זאָגן דעם אמת, מלכה לעבן. אין אָנהויב האָב איך געטראַכט בלויז צו באַהאַלטן זיך אַ שטיקל צייט טאַקע דאָ אין ליובאַרטאָוו. כ׳האָב גערעכנט צו זיין אַ וואָך ביי מיינע ברידער ביי משהן אָדער ביי יונהן צי גאָר ביי אריה לייבן. כ׳האָב אָבער מורא געקראָגן, אַז דער רשע וועט גראָד מיך זוכן ביי מיינע ברידער און אויב ער וועט מיך ביי זיי געפינען, וועט ער אויך זיי דערפאַר באַשטראָפן. האָב איך דעריבער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז כ׳זאָל גאָר צופאָרן קיין זלאַ־טשעוו און זיך אויסבאַהאַלטן ביים זלאָטשעווער רב, ר׳ ישכר בער, ער איז דאָך מיינער אַ ידיד. איך רעכן צו זיין ביי אים עטלעכע וואָכן. ביז דער כעס וועט ביים רשע איבערגיין, וועל איך דערנאָך צוריקקומען.

**מלכה:** (באַזאָרגט) אפשר קאָן ער זיך אַמאָל אויך נוקם זיין אָן אונדז, אָן מיר און אָן פערלען?

**ר׳ ישראל פּריץ:** (פאַרטראַכט) אודאי קאָן ער! ער איז דאָך אַ הונט מיט אויערן, כ׳טראַכט אָבער אַז ווען דו וועסט אים זאָגן אַז איך בין אַרויסגעפאָרן איבער דער מדינה כדי צו שאַפן דאָס געלט פאַר אים, וועט ער ליגן איינגעלייגט. אָבער ער טאָר פאַר קיין פאַל פערלען נישט זען. הערסט! דו זאָלסט זי פון אים אויסבאַהאַלטן, ווי איך האָב עס געטאָן די גאַנצע צייט ביז איצט! ער זאָל חלילה וחס איר נישט זען, וואָרום ווער ווייס וואָס אַזאַ הולטאַי קאָן נאָך איינפאַלן?!

**מלכה:** (פאַרזאָרגט) און וואָס וועט מען טאָן, ישראל, אויב דו ווערסט אויס שאַך־מייסטער? פון וואָנען וועט מען נעמען אויף פרנסה?

**ר׳ ישראל פּריץ:** גאָט וועט אונדז נישט פאַרלאָזן, מלכה לעבן. קודם כל האָבן מיר דאָך שוין אַלע קינדער אויסגעגעבן. נו, ווען כ׳קאָן נאָך קריגן אַ רבנות־שטעלע פאַר אונדזער איידעם ר׳ לוי יצחקן, וואָלט ער אַראָפּ פון די קעסט און מיר ביידע וואָלטן געפאָרן קיין ארץ ישראל און דאָרטן זיך אויסגעלעבט אונדזערע יאָרן.

**מלכה:** האָסט אַ דאגה צו קריגן פאַר ר׳ לוי יצחקן אַ רבנות שטעלע? ער איז דאָך אַזאַ גרויסער קאָפּ! גאַנץ פּוילן קלינגט דאָך מיט אים. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער שאָקלט אויס אין לערנען דעם היגן רב און אַפילו פיל גרעסערע רבנים אויך.

**ר׳ ישראל פּריץ:** דו גייסט מיר זאָגן וועגן ר׳ לוי יצחקן. ער איז אַ גאון עולם! היינט זיין ליבשאַפט צו יידן, עס דערגרייכט דאָך ביי אים ממש ביז משוגעת. ער קאָן דאָך אויסקושן יעדן יידן, ווער עס זאָל נישט זיין! ער איז אַ גרויסער צדיק, אונדזער לוי יצחק!

**מלכה:** טאָ פאַרוואָס האָסטו אַזאַ דאגה צו קריגן פאַר אים אַ רבנות שטעלע?

**ר׳ ישראל פּריץ:** דו זעסט דאָך אַז צוויי קהילות, וואו עס האָט שוין

געהאַלטן אַז אַט אַט ביים קריגן אַ רבנות שטעלע, האָבן אים נישט געוואָלט.

**מלכה:** פאַרוואָס?

**ר' ישראל פריץ:** איין קהילה האָט געזאָגט, אַז זי וויל נישט קיין רב וואָס איז אַ חסיד. זיי טענהנען אַז ער וועט זיך אָפּגעבן מיט חסידות מער ווי מיט דער שטאָט, פּונקט ווי עס טוט דער ריטשוואָלער רב, ר' שמעלקע הורוויץ, וואָס איז מער ביי זיין רבין, דער מגיד פון מעזעריטש, ווי ביי זיך אין שטאָט. קהל וויל דאָס נישט!

**מלכה:** זיי זיינען גערעכט אויך! אָט דערציילט מיר פערל, אַז ר' לוי יצחק האָט זיך אויפגעהויבן יענע וואָך זונטיק אין דער פרי און איר געזאָגט, אַז ער איז שוין פיר וואָכן נישט געוועזן ביים רבין אין מעזעריטש, און אַז ער מוז אים זען, האָט ער זיך איינגעפּאַקט דעם טלית און תפילין און אַ העמד און איז אַוועקגעפאָרן. יאָ, דו ווייסט עס דאָך, נאָך בעסער ווי איך, אַז עס איז טאַקע געוועזן דער ריטשוואָלער רב, וואָס האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ צו ווערן אַ חסיד און איז טאַקע מיט אים באַלד געפאָרן קיין מעזעריטש.

**ר' ישראל פריץ:** כאַפּ נישט מלכה. ער איז נישט געפאָרן באַלד מיט אים. דו דאַרפסט עס דאָך געדענקען! איך האָב אים בפירוש נישט געלאָזט פאָרן. האָט ער זיך איינגעשפּאַרט און זיך נישט געוואָלט צורירן צו קיין עסן. נו, וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? האָב איך נאָך פיר טעג פון פאַסטן אים געמוזט נאָכגעבן. אָבער כ'ווייס נישט פאַרוואָס זיי טומלען אַזוי מיטן מגיד פון מעזעריטש! אַז קיין גרויסער גאון אין לערנען איז ער נישט. דאָס גיבן זיי אַליין צו! מער נישט, זיי זאָגן, אַז ער איז אַ פרומער ייד. טאָ מה רעש? זיינען דען דאָ ווייניק פרומע יידן אויף דער וועלט??

**מלכה:** דו האָסט שוין לאַנג געדאַרפט צו רעדן מיט ר' לוי יצחקן, אַז ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אָט די נאַרישע רעיונות. זאָג אים ישראל, אַז דאָס שטערט אים צו קריגן אַ רבנות שטעלע.

**ר' ישראל פריץ:** פאָלג מיך אַ גאַנג און זאָג אים, אַז ער איז נישטאָ! אַז ער איז מער אין מעזעריטש ווי אין ליובאַרטאָוו!

**מלכה:** ער דאַרף היינט קומען. ער האָט געזאָגט פערלען אַז ער וועט קומען דאָנערשטיק פרי, כדי צו זיין ביי דער פאַרטיילונג פון די געלטער צו די אָרימע לייט לכבוד שבת. (טאָן־ענדערנדיק) נו, דאָס איז וועגן איין קהלה און וואָס איז מכח דער צווייטער?

**ר' ישראל פריץ:** זעסטו, די צווייטע קהילה קוקט שוין נישט דערויף וואָס ער איז אַ חסיד. דאָס אַרט זיי נישט! אָבער ווען די קהלה פאַרשטייער זיינען דאָ געוועזן איבערצורעדן מיט ר' לוי יצחקן, האָבן זיי

געזען אַז פערל טראָגט נאָך אירע צוויי צעפּ, האָבן זיי מיר פאַרן אַוועק־פאָרן געזאָגט אַז זיי ווילן נישט קיין רביצין וואָס גייט אין די האָר.

**מלכה:** (אויפגעבראַכט) פערל גייט נישט אין די האָר! זי טראָגט אַ טיכל אויפן קאָפּ ווי איך און אַנדערע יידישע טעכטער.

**ר׳ ישראל פריק:** אָבער די צוויי צעפּ?

**מלכה:** דאָס איז דיין שולד, מיין ליכטיקער מאַן!

**ר׳ ישראל פריק:** מיין שולד? פאַרוואָס?

**מלכה:** ווייל דו האָסט איר נישט געדאַרפט צו מאַכן אַזוי גע־בילדעט. נאָך וואָס פאַר אַ צרות דאַרף איך האָבן אַ טאָכטער וואָס זאָל לייענען פראַנצויזישע ראָמאַנען?

**ר׳ ישראל פריק:** און וואָס איז אַז זי לייענט? וואָס האָט איינס צו טאָן מיט אַנדערן?

**מלכה:** עס האָט שוין גאָר צו טאָן! זי לייענט די ביכער וועגן גוישע ליבעס און דער קאָפּ ווערט איר פאַרדרייט. אָט ערשט נעכטן בין איך געזעסן דאָ אין סאַליע און געשטריקט אַ זאָק. עס איז געווען נאָכדעם ווי דו האָסט מיר דערציילט, ווי דער יונגער פירשט, האָט דיך געמאַטערט מיט פראַגן וועגן די געלטער און ווי אַזוי ער האָט דיר גע־צאַפּט ס׳בלוט, אַז צאַפּן זאָל מען אים גאַנצע קוואַרטן בלוט, רבונו של עולם. פערל איז געזעסן אָט דאָרטן אויף דער סאָפע און געלייענט עפּעס אַ פראַנצויזיש בוך. זיץ איך אַזוי און דערצייל איר, וואָס דו האָסט געהאַט מיטן יונגן פירשט. מיינסטו אַז זי האָט זיך צוגעהערט צו וואָס כ׳האָב איר געזאָגט? אָסור מיר! זי האָט זיך אַפילו נישט אָנגערופן מיט איין וואָרט.

**ר׳ ישראל פריק:** פאַרוואָס נישט?

**מלכה:** ווייל איר קאָפּ איז געלעגן אין דעם ראָמאַן, וואָס זי האָט געלייענט. זי האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז עס איז עפּעס אַ מעשה מיט אַ ריטער, וואָס איז געקומען ביינאַכט און האָט אַרויסגעגנבעט זיין געליבטע אין איין העמד און איז מיט איר אַוועק אויף זיין ווייסן פערד אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

**ר׳ ישראל פריק:** נאַרישקייטן!

**מלכה:** נאַרישקייטן זאָגסטו, אָבער דו האָסט געדאַרפט צו זען, ווי זי האָט זיך פאַסמאַקעוועט מיט דער מעשה און ווי זי האָט יענע גע־ליבטע מקנא געווען! זי האָט מיט מיר גערעדט שפּעטער וועגן דעם און מיר געזאָגט, אַז ביי גויים איז דאָ ליבעס מיט ריטער, אָבער ביי יידן איז גאָר נישטאָ. נישט קיין ליבעס, נישט קיין ריטער. גאָרנישט.

**ר׳ ישראל פריק:** (פאַרוואונדערט) איך פאַרשטיי נישט, וואָס האָט

פערל צו טאָן מיט ליבעס? זי האָט דאָך שוין אַ מאַן! מיינסטו מיר צו זאָגן, אַז פערל האָט נישט ליב לוי יצחקן?

**מלכה:** חס ושלום! אָבער דאָך, מיין טייערער מאַן, מוז איך דיר זאָגן, אַז דו האָסט איר איבערגעפירט. דו האָסט נישט געדאַרפט האַלטן צו איר ספּעציעלע לערער! צו וועלכע צרות האָט מען עס געדאַרפט? איצט טראַכט זי נאָר וועגן אָט די נאַרישקייטן, ווי דו רופסט עס אָן!

**ר' ישראל פּרץ:** רעד נישט אַזוי, מלכה לעבן. פערל איז אַ כשרע יידישע טאָכטער און זי איז געטריי איר מאַן.

**מלכה:** אָבער פאַרוואָס וויל זי נישט אָפּשערן אירע צוויי צעפּ? אי־בער אירע צעפּ דאַרף ר' לוי יצחק אָנווערן אַ גוטע רבנות שטעלע? איך וועל איר באַלד אַריינרופן און כ'וועל איר אָפּשערן די צוויי קאַלטענעס, צי זי וויל עס, צי נישט! (רופט) פערל! פערל!

**פערל:** (קומט אריין) האָסט מיך גערופן, מאַמע?

**מלכה:** יאָ. ר' לוי יצחק איז שוין געקומען?

**פערל:** ניין. ער האָט געזאָגט אַז ער וועט היינט קומען באַצייטנס צו זיין נאָך ביים טיילן געלט צו די אָרימע לייט לכבוד שבת.

**מלכה:** (צו ישראלן) כ'וועל דיר באַלד ווייזן, ישראל, אַז פערל ווייסט גאָר נישט וואָס עס קומט ביי אונדז פאָר (צו פערלען) דו ווייסט, פערל, אַז דער יונגער פירשט מאָנט ביי דיין טאַטן זעקס טויזנט דוקאַטן?

**פערל:** אודאי ווייס איך. דו האָסט דאָך עס מיר נעכטן נאָך גע־זאָגט!

**מלכה:** איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט נישט געהערט.

**פערל:** איך האָב אַלץ געהערט.

**מלכה:** און דו ווייסט אויך, אַז דער טאַטע מוז עוקר זיין און אַז ער פאָרט נאָך היינט ביי נאַכט אַוועק?

**פערל:** יאָ, כ'ווייס דאָס אויך. דער טאַטע האָט מיר דאָס געזאָגט היינט אין דער פרי.

**מלכה:** ער פאָרט קיין זלאָטשעוו.

**פערל:** קיין זלאָטשעוו איז גוט. דער יונגער פירשט האָט דאָרטן קיין שליטה נישט.

**ר' ישראל פּרץ:** (צו מלכהן) טאָ וואָס ווילסטו פון איר האָבן, זי ווייס דאָך אַלץ!

**פערל:** (בייזלעך) אודאי ווייס איך.

**מלכה:** ווייסטו אויך, פערל, אַז עס האַלט דערביי, אַז דער טאַטע זאָל איינגאַנצן ווערן אויס שאַץ־מייסטער. און אַז עס איז דעריבער נייטיק אַז ר' לוי יצחק זאָל תיכף קריגן אַ רבנות שטעלע.

**פערל:** עס זיינען דאָך עפּעס דאָ געווען פאַרשטייער פון אַ קהלה.

**מלכה:** יאָ, דיין מאַן איז זיי גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן, אָבער דו נישט!

**פערל:** איך גאָר? וואָס האָט עס צו טאָן מיט מיר?

**מלכה:** אודאי. אַז דיין מאַן וועט זיין אַ רב, וועסטו דאָך זיין די רביצין. נו, ווילן זיי נישט אַ רביצין מיט צעפּ.

**פערל:** (ענערגיש) מאַמע, איך וועל מיינע צעפּ נישט אָפּשערן!

**מלכה:** (בייז) דיינע צוויי קאַלטענס טאָרן נישט שטיין אין וועג דיין מאַן! (נעמט אַרויס אַ שער פון דער קאָמאָדע) פערל, קום אַהער, וועל איך דיר אָפּשערן די צוויי צעפּ!

**פערל:** (לאָזט אַרויס אַ קוויטש, אַז אַלע דערשרעקן זיך) מאַמע, דו זאָלסט דיך נישט צורירן מיט דער שער צו מיינע האָר אויב דו ווילסט נישט אַז איך זאָל דיר גראָב פאַרקומען!

**מלכה:** זיי נישט איינגעשפּאַרט, מיין קינד. (גייט צו איר נענטער).

**פערל:** (אַנטלויפט פון דער מוטער. שרייט) דו זאָלסט דיך נישט דערוועגן!

**מלכה:** (יאָגט איר נאָך, זיי יאָגן זיך איבער די סאַליע).

**פערל:** (לויפט צו מיט כעס צו דער מוטער, רייסט אַרויס פון אירע הענט די שער און צושרייט זיך) לאָז מיך אָפּ! איך וועל די צעפּ נישט אָפּשניידן!

**מלכה:** נו, ישראל, פאַרוואָס שווייגסטו? פאַרוואָס זאָגסטו איר גאָרנישט?

**ר' ישראל פריץ:** מלכה, לאָז איר אָפּ!

**מלכה:** (קרימט אים נאָך) לאָז איר אָפּ! דער גוטער טאַטע! הייסט עס אַז איך בין די שלעכטע! דאָס איז דאָך ס'אומגליק, וואָס דו גיסט איר אַלץ נאָך! די שמד גיסטו דאָך איר נאָך! איך וועל איר אָפּשערן די האָר נאָך היינט ביי נאַכט, ווען זי וועט שלאָפן.

**פערל:** מאַמע, דו זאָלסט דיך נישט דערוועגן דאָס צו טאָן. אַז נישט, וועל איך מיט דיר זיין ברוגז דאָס גאַנצע לעבן. (אָפּ).

**ר' לוי יצחק:** (קומט אַריין אין שטריימל און אַן אַטלאַסענע זשיביצע. ער טראָגט אַ בינטל היי אויפן אַקסל) אַ גוטן טאָג שוועער און שוויגער. (לייגט דאָס בינטל היי אַוועק אין מיטן פון דער סאַליע)

**ר' ישראל פריץ:** שלום עליכם, לוי יצחק! (גיט אים די האַנט) ווען ביסטו געקומען?

**ר' לוי יצחק:** אָט נאָר וואָס, עס וועלן דאָך באַלד קומען די אָרימע לייט און מען וועט זיי דאַרפן טיילן געלטער לכבוד שבת. איך האָב זיך דעריבער געאיילט אַהיים צו קומען.

**מלכה:** (פאַרוואונדערט) פאַרוואָס שלעפּסטו עפּעס אַ בינטל היי? וואָס איז דאָס פאַר אַ דרך??

**ר׳ לוי יצחק:** עס איז פאַר די אָרימע יידן, שוויגער! יענע וואָך האָבן עטלעכע אָרימע לייט געוואָלט ביי אונדז איבערנעכטיקן אָבער עס איז נישט געווען וואו זיי אָוועקצולייגן. האָב איך דעריבער גלייך ווי כ׳בין אַראָפּ פון דער פור געקויפט אַבינטל היי כדי זיי זאָלן קאָנען דאָ שלאָפן.

**מלכה:** וואָס פעלט דיר אַיין? וואו וועלן זיי שלאָפן? מיר האָבן נישט קיין אָרט פאַר אָרימע לייט.

**ר׳ לוי יצחק:** זיי וועלן שלאָפן דאָ אין דער סאליע.

**מלכה:** (אויפגעקאָכט) דאָ אין דער סאליע? אַ, ניין! וואָס מיינסטו דיר עפּעס? דו ווילסט מאַכן אַ תל פון מיין הויז! ווילסט מאַכן דער־פון אַ הקדש? טראָג שוין צוריק אַרויס דאָס בינטל היי!

**ר׳ לוי יצחק:** שוויגער לעבן, נאָך וואָס דאַרף מען א סאליע? צו וואָס טויג עס? איז דען נישט בעסער, אַז מען זאָל אָוועקלייגן היי אויף דער פּאָדלאָגע און אַריינלאָזן דאָ אָרימע יידן, אַז זיי זאָלן האָבן וואו דעם קאָפּ אָוועקצולייגן?

**מלכה:** ווי געפעלן דיר אָט די רייד, ישראל? פאַרוואָס ענטפערסטו אים נישט! נאָך זיינע רייד נאָך וואָלט מען געדאַרפט צו מאַכן פון אונ־דזער הויז אַ חסידיש שטיבל!

**ר׳ ישראל פּריץ:** (צו מלכהן) וואָס טויגן איצט די רייד! (טאָן ענדערנדיק) לוי יצחק, — זאָג מיר, דו האָלסט איצט ביים ווערן אַ רב, נו נעמסטו און טראָגסט אַליין אויף דער פּלייצע אַ בינטל היי? פּאַסט דאָס פאַר אַ רב?

**ר׳ לוי יצחק:** פאַרוואָס נישט? עס איז דאָך אַ מצווה. עס איז אַ בינטל היי פאַר יידן, אַז יידן זאָל האָבן וואו צו שלאָפן. עפּעס אַ קליי־ניקייט הכנסת אורחים!

**ר׳ ישראל פּריץ:** האָסטו דאָך געקאָנט נעמען אַ גוי און געבן אים עטלעכע פּיאַים, אַז ער זאָל דיר צוטראָגן אַהער דאָס בינטל היי?

**ר׳ לוי יצחק:** וואָס? אָוועקגעבן אַ גוי אַזאַ מצווה! ניין, אַזאַ גרויסע מצווה וויל איך אַליין האָבן.

**ר׳ ישראל פּריץ:** אָבער זאָג מיר לוי יצחק פאַרוואָס האָסטו עפּעס אין מיטן דערינען זיך אויפגעכאַפּט און געפאָרן צום מגיד? וואָס האָסטו זיך דאָרטן אַזוינס דערוואוסט?

**ר׳ לוי יצחק:** שווער לעבן, דאָרטן האָב איך זיך דערוואוסט אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

**ר׳ ישראל פּריץ:** (פאַרוואונדערט) דאָס גאָר? דערצו האָסטו גע־

דאַרפט פאָרן קיין מעזעריטש? דאָס האָט דיר מיין דינסט־מיידל געקאָנט זאָגן. וואַרט נאָר אונטער, וועסטו באַלד הערן (רופט) רבקה! רבקה!

**רבקה:** (קומט אַריין) דער בעל הבית האָט מיך גערופן?

**ר׳ ישראל פּריץ:** יאָ. זאָג מיר כ׳בעט דיך, ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט?

**רבקה:** אודאי! וואָס איז דאָס גאָר פאַר אַ פראַגע?

**ר׳ ישראל פּריץ:** האָסטו געהערט! נו, האָסטו געדאַרפט פאָרן צו־ליב דעם אַזש קיין מעזעריטש?

**ר׳ לוי יצחק:** פון זאָגן ביז ליב האָבן גאָט איז אַ גרויסער מהלך, שווער לעבן. אַלע זאָגן אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. אָבער נישט אַלע פילן גאָט אין זיך; נאָך אַנדערע האָבן מורא פאַר גאָט, אָבער גאָר ווייניק האָבן ליב גאָט. דערויף, צו לערנען זיך ווי אַזוי ליב צו האָבן גאָט, דאַרף מען פאָרן צום מגיד פון מעזעריטש! (צוזינגט זיך):

רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, כ׳וועל דיר אַ דודעלו זינגען:
דו־דו־דו, דו־דו־דו
א. אז. וו.

**מלכה:** (צו רבקהן) טראָג אַרויס דאָס בינטל היי און רוים צוריק אויף די סאַליע. (אָפּ).

**פּערל:** (קומט אַריין מיט אַן אימפּעט) איר זיצט דאָ און שמועסט און אין דרויסן זיינען דאָ שוין פיל אָרימע לייט, וואָס זיינען געקומען כדי צו קריגן געלט אויף שבת.

**ר׳ לוי יצחק:** (מיט התלהבות) יידן זיינען געקומען כדי צו האָבן אויף שבת! יידן! טייערע יידן! גאָטס־פּאַרכטיגע יידן! כ׳מוז שוין אַרויסלויפן צו זיי!

**פּערל:** (בייזלעך) וואָס מאַכסטו אַזאַ צימעס פון זיי? ווער זיינען זיין דען? דאָס זיינען אַ באַנדע שנאָרערס, קבצניאָקעס!

**ר׳ לוי יצחק:** פּערל, רייד נישט אַזוי! דאָס זיינען וואוילע יידן, זיי זיינען נישט קיין אָרימע לייט, יעדער איינער פון זיי איז רייך אין מצוות און מעשים טובים. מען טאָר אַזוי נישט רעדן וועגן יידן!

**פּערל:** זאָג מיר טאַקע, לוי יצחק, זיינען אַלע יידן גלייך? זיינען אַלע די זעלבע יידן? זיינען אַלע יידן לויטער צדיקים?

**ר׳ לוי יצחק:** (מיט באַגייסטערונג) אַזוי שטייט געשריבן „ועמך כולם צדיקים״, אַלע יידן זיינען הייליקע! שוין דאָס אַליין וואָס דער רבונו

של עולם האָט אונדז אויסגעקליבן פאַר זיין פאָלק ווייזט, אַז מיר זיינען הייליק. און אַזוי ווי דער אויבערשטער האָט אונדז אויסגעקליבן פון אַלע אַנדערע פעלקער, איז דעריבער דער וואָס רעדט קעגן יידן, רעדט קעגן גאָט!

**פערל:** אָבער עס זיינען דאָך דאָ יידן וואָס זיינען גנבים.

**ר׳ לוי יצחק:** אַפילו אַ ייד אַ גנב ווען ער גייט גנבענען, בעט ער צו גאָט און זאָגט: „רבונו של עולם, העלף מיר!" האָט ער שוין דער־מיט מקדש השם געווען.

**פערל:** אָבער וואָס האָבן מיר דערפון? גיט אַזאַ ייד צו כבוד צו יידן? און וואָס האָט דער רבונו של עולם פון אים, אויב ער היט נישט אָפּ זיינע געבאָטן?

**ר׳ לוי יצחק:** אַלע יידן דאַוונען, אַפילו אַ גנב דאַוונט אויך, און ווען אַ ייד גייט אין שול אַריין און רופט אויס: „שמע ישראל, ה׳ אלוקינו ה׳ אחד", הער אויס ישראל, אונדזער גאָט איז איין גאָט!" האָט ער דערמיט אויסגערופן און אָנגעזאָגט דער גאַנצער וועלט, אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט אויף דער וועלט, דער וואָס האָט אַלץ געשאַפן און וואָס איז דער האַר איבער אַלעם. ער זאָגט אָן דער וועלט, אַז גאָט דאַרף הערשן איבער מענטשן אָבער נישט אַ מענטש! אַ מענטש טאָר נישט הערשן אי־בער אַנדערע מענטשן! קיין מענטש איז נישט אַזוי גרויס, אַז ער זאָל מעגן הערשן איבער אַנדערע און קיין מענטש איז נישט אַזוי קליין אַז מען זאָל מעגן הערשן איבער אים. וואָרעם וויסן זאָלסטו, פערל, אַז אַלע צרות פון דער וועלט נעמען זיך דערפון, וואָס עס זיינען דאָ מענטשן וואָס ווילן הערשן איבער אַנדערע און דערפון וואָס עס זיינען דאָ אַנ־דערע מענטשן, וואָס ווילן, אַז מען זאָל הערשן איבער זיי. אַ מענטש טאָר נישט ווערן הערשן און אַ מענטש טאָר נישט וועלן באַהערשט ווערן! (טאָן ענדערענדיק) אָבער כ׳מוז אַרויסגיין צו די יידן! (אָפּ).

**פערל:** טאַטע, אפשר וואָלט מען היינט נישט געטיילט קיין געלט! מען ווייסט דאָך איצט נישט, ווי אַזוי אונדזער מאָרגן וועט זיין?

**ר׳ ישראל פרץ:** אַזוי לאַנג ווי מען רופט מיך דער שר ר׳ ישראל פרץ פון ליובאַרטאָוו, דער שאַץ־מייסטער פון פירשט, וועל איך נישט ענדערן מיין דרך צו טיילן יעדן דאָנערשטיק געלט פאַר אָרימע לייט לכבוד שבת! זעסטו מיין קינד, ווען כ׳וועל דאָ נישט זיין, קאָנסטו טאָן ווי דו ווילסט. נו, קום, לאָמיר אַלע אַרויסגיין העלפן לוי יצחקן. (ר׳ ישראל פרץ און פערל אָפּ).

(פון דרויסן טראָגן זיך קולות און געשרייען: „מיר דאַרף מען געבן פריער!" „מיר קומט היינט אַ טאָפּעלע פּאָרציע!" „שטופּט זיך נישט", „וואָס שטויסטו מיך").

**מלכה:** (קומט אַריין מיט אַן אימפּעט) **לאָמיך גיך אַוועקרוימען די וועש פון טיש** (פּאַקט אַריין גיך די וועש אין די שופלעדער) **מיין „וצדקתך" גייט שוין ווידער אַריינרופן די אָרימע לייט אין דער סאַליע אַריין! זיי וועלן שוין ווידער מאַכן אַ חזיר שטאַל פון הויז, אָבער וואָס קאָן איך זיך העלפן? לאָמיך בעסער אַלץ אַוועקרוימען. זיי קאָנען נאָך צוגנבענען די וועש און די מלבושים אויך!**

**ר' לוי יצחק:** (קומט אַריין מיט אַ כאַפּטע אָרימע לייט פון פיר מענער און איין פרוי, ווענדעט זיך צו זיי) **זעצט זיך אויף די געבעטע שטולן און אויף דער זאָפע! האָט נישט קיין מורא! איר קאָנט זיצן אויף זיי בריוח. עס וועט זיי גאָר נישט געשען! עס וועט פון זיי גאָרנישט אָפּקומען!**

**מלכה:** (סאַרקאַסטיש) **געוויס, וואָס אַרט עס דען אים? ער רוימט דען אויף דאָס הויז?**

**ר' לוי יצחק:** **און די שוויגער רוימט דען יאָ? דאָס טוט דאָך גאָר רבקה!**

**מלכה:** **און אַז רבקה איז וואָס? אויף איר דאַרף מען קיין רחמנות נישט האָבן?**

**ר' לוי יצחק:** **נישקשה. רבקה וועט האָבן אַ גרויסע מצווה! אויפ־צורוימען נאָך אָרימע לייט, וואָס זיינען געקומען קריגן געלט אויף שבת איז אַ גרויסע מצווה! איך אַליין וואָלט גענומען אַ בעזים און אויפגע־רוימט דאָס הויז! כ'לעבן די שוויגער מעג עס אויך טאָן! אַזאַ מצווה!!**

**מלכה:** (בייזלעך) **כ'בין דיר מוחל די מצווה! כ'האָב שוין גענוג מצוות אויף אַן דעם! דו זע בעסער, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן אַ תל פון אַלעם!** (אָפּ).

**ר' ישראל פּריק:** (קומט אַריין מיט צוויי זעקלעך געלט) **שלום עליכם, יידן! וואָס מאַכן יידן?**

**אָרימע לייט:** (מיט באַנומענע קולות) **שלום עליכם דעם שר ר' ישראל פּריק, דער שאַץ־מייסטער פון פירשט...**

**ר' ישראל פּריק:** **שאַ! שאַ! שאַ! זאָל זיין שטיל! האַלט זיך רו־איק! דערווייל זע איך נאָר פינף, אָבער עס וועלן זיכער באַלד קומען די איבעריקע, אַזוי ווי אַלע וואָך. זאָל מען וואַרטן?**

**ערשטער אָרימאַן:** **ניין. זיי זיינען זיכער, אַז מען וועט זיי נישט פאַרטיילן, איילן זיי זיך נישט. אָבער מען דאַרף נישט וואַרטן.**

**צווייטער אָרימאַן:** (כראַקעט אויף דעם טעפּיך) **מען דאַרף קומען אין צייט! פאַרוואָס בין איך שוין דאָ איבער אַ שעה.**

**דריטער אָרימאַן:** (ווישט זיך אָפּ די נאָז מיט אַ טייערער סערוועטקע וואָס ליגט אויף אַ טישעלע) **נישט אַלע אָרימע לייט זיינען גלייך.**

**פערטער אָרימאַן:** (שטייט אויף פון דער געבעטעטער שטול און גייט אַרום איבער דער סאַליע מיט זיינע בלאַטיקע שטיוול) נו, אודאי אַזוי, עס זיינען דאָ שנאָרערס וואָס זיינען גבירים.

**אָרימע פרוי:** (צום פערטן אָרימאַן) דאָס מיינסטו אודאי מיך! דו זאָלסט דאָס האָבן אויף דיינע ביינער, וואָס איך פאַרמאָג!

**פערטער אָרימאַן:** גוט. איך וועל זיך אַפילו טיילן מיט דיר.

**מלכה:** (רייסט זיך אַריין מיט אימפעט) ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. מען כראָקעט אויף די טייערע טעפּיכער און מען מאַכט אַ תילי־תל פון הויז!

**ר׳ לוי יצחק:** (מיט התלהבות) פאַרוואָס זאָרגט זיך אַזוי די שוויגער וועגן הויז און וועגן די טעפּיכער? וואָס איז דען אַ הויז און צו וואָס זיינען דען טעפּיכער אָן מענטשן און דער עיקר אָן יידן? די יידן גיבן דאָך אַ תיקון צום הויז און צו די טעפּיכער. נו, זיינען געקומען אַהער יידן כדי צו קאָנען אָנגרייטן לכבוד שבת, כדי צו קאָנען מקיים זיין די גרויסע מצווה פון זיין ליבן נאָמען, טייערע יידן! גאָלדענע יידן! רבונו של עולם, קוק אַראָפּ פון הימל און קלייב נחת פון דיינע יידן. דו האָסט זיי געהייסן טייער האַלטן דעם טאָג שבת. נו, זע וואָס טוען זיי נישט פאַר דיר! זיי פאַסטן אַ גאַנצע וואָך, אָבער אויף שבת מוז זיין. זיי זיינען זיך אַפילו מבזה אָנצוקומען צו מענטשן לכבוד שבת! נו, זע, גאָט אין הימל, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו האָסט!

**מלכה:** (אָפּ)

**ר׳ ישראל פּרץ:** נו, איצט וועלן מיר צו טיילן די געלטער. ווער איז געווען דער ערשטער?

**ערשטער אָרימאַן:** איך! אָבער ר׳ ישראל פּרץ, גיט מיר היינטיקע וואָך נאָך אַ גילדן, ווייל מיין ווייב גייט צום קינד.

**ר׳ ישראל פּרץ:** מיר דוכט זיך, אַז יענע וואָך האָסטו אויך אַזוי געזאָגט.

**ר׳ לוי יצחק:** שווער לעבן, יידן זיינען קיין ליגנער נישט. מן הסתם דאַרף ער! גיט אים נאָך אַ גילדן!

**ר׳ ישראל פּרץ:** (דערלאַנגט אים) נו, ווער איז דער צווייטער?

**צווייטער אָרימאַן:** איך. ר׳ ישראל פּרץ, איך מאַך די וואָך חתונה אַ טאָכטער.

**דריטער אָרימאַן:** אַזאַ ליגנער! ער האָט דאָך גאָר קיין קינדער נישט, טאָ ווי אַזוי קאָן ער חתונה מאַכן אַ טאָכטער?

**צווייטער אָרימאַן:** מיין צווייטע ווייב האָט אַ טאָכטער פון איר ערשטן מאַן און די וואָך איז די חתונה.

**ר׳ לוי יצחק:** נו, שווער לעבן, זיינען נישט יידן אַ טייער פאָלק?!

זיין שטיף טאַכטער איז ביי אים ווי אַן אייגן קינד. גיט אים, שוועך, עפּעס מער.

**ר׳ ישראל פּריץ:** (דערלאַנגט אים) ווער איז דער דריטער?

**דריטער אָרימאַן:** איך, ר׳ ישראל פּריץ, איר מעגט מיר אויך געבן עפּעס מער.

**פערטער אָרימאַן:** וואָס איז אויף אים די שמחה? ער איז דאָך גאָר אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק! ער פאַרדינט אויף פּרנסה! איך קען אים זייער גוט.

**ר׳ לוי יצחק:** מסתמא פאַרדינט ער נישט גענוג צו האָבן אויף שבת. אַז אַ ייד שטעקט שוין אויס די האַנט דאַרף ער שוין צו האָבן זייער נויטיק.

**ר׳ ישראל פּריץ:** (דערלאַנגט אים) און ווער איז דער פערטער?

**פערטער אָרימאַן:** איך.

**דריטער אָרימאַן:** איך בין אַ לאַטוטניק, אָבער וואָס איז ער? ער האָט דאָך אַ שלל מיט גאָלד. ער באַרגט דאָך געלטער אויף פּראָצענט! ער איז נאָר אַ קאַרגער, וואָס האָט נישט קיין שליטה איבער זיין געלט.

**ר׳ לוי יצחק:** נו, אַז ער האָט נישט קיין שליטה איבער זיין געלט איז ער דאָך אַ גרויסער אָרימאַן. דער גרעסטער אָרימאַן!

**ר׳ ישראל פּריץ:** (דערלאַנגט אים) און ווער איז דער פינפטער?

**אָרימע פרוי:** איך.

(אַ טומל צווישן די אָרימע לייט: „די גנבטע, די גנבטע, וואָס טוט זי דאָ״).

**ר׳ ישראל פּריץ:** זאָל זיין שטיל! איר קענט זי? ווער האָט געזאָגט אַז זי איז אַ גנבטע?

**ר׳ לוי יצחק:** (שפּאַסיק) אַ גנבטע? עס הויבט זיך נישט אָן! אויב זי איז אַ גנבטע, האָט זי דאָך געקאָנט גנבענען צו האָבן אויף שבת. אָבער, אַפילו ווען זי איז אַ גנבטע און האָט נישט געוואָלט גנבענען אויף צו האָבן אויף שבת, כדי די מצווה זאָל נישט קומען דורך אַן עבירה, פאַרדינט זי דערמיט אַליין, אַז מען זאָל איר העלפן.

**ר׳ ישראל פּריץ:** (דערלאַנגט איר אַ מטבע).

**דער יונגער פּריץ:** (מיט צוויי אַדיוטאַנטן מיט אַ גרויסן הונט קומען אַריין) אַ! אַט דאָס וואָס איר טוט, זשידקעס! אַט אַזוי פאַרשווענדסטו סראָליק מיין געלט! דו רופסט צו דיר אַריין אַ כאָפּטע יידישע שנאָרערס און מאַכסט זיך פריילעך און דערצו נאָך טיילסטו זיי אויך געלט. מיין געלט! הע? נישט בחינם האָסטו נישט צו באַצאָלן דיינע חובות (מיט כעס) איך וועל אייך אָנלערנען, זשידקעס, אַז איר זאָלט וויסן ווער איך בין. איך בין איצט דער הערשער פון גאַנצן געגנט!

אַרויס פון דאַנען! שנאָרערס! גיכער! (צו די אַדיוטאַנטן) טרייבט זיי אַרויס פון דאַנען.

**ערשטער אַדיוטאַנט:** (פּאַטשעט מיט דעם בייטש איבער די קעפּ פון די אָרימע לייט) אַרויס, זשידקעס! אַרויס!

**צווייטער אַדיוטאַנט:** (שלאָגט מיט דער בייטש וואו נאָר ער טרעפט) גיכער, מאַרש! אַרויס!

(אָרימע לייט לויפן מיט באַנומענע קולות צום אַרויסגאַנג פון רעכטער זייט פון צימער, געשרייען: אוי וויי מיר! רבונו של עולם! ראַטעוועט! געוואַלד! אַלע אָפּ).

**ר' ישראל פּרץ:** יאַסני וויעלמאַזשני פּירשט יאָזעף סאַנגושקאַ, איך בעט אייער אַנטשולדיקונג. איך...

**יונגער פּירשט:** מיט דיר, סראַליק, וועל איך רעדן שפּעטער (צו די אַדיוטאַנטן) טרייבט אויך דעם ראַבין אַרויס! (ווייזט אויף ר' לוי יצחק).

**ביידע אַדיוטאַנטן:** (מיט אַמאָל) אַרויס! מאַרש! גיכער!

**ר' לוי יצחק:** (דערשראָקן, אָפּ).

**יונגער פּירשט:** איצט הער מיך אויס, סראַליק, מיינע בוכהאַלטערס האָבן געפונען אין אַ בוך פון מיין טאַטן, אַז עס קומט פון דיר נאָך פון פריערדיקע צייטן אַ חוב פון פיר טויזנט דוקאַטן. דאָס איז אַ חוץ די זעקס טויזנט דוקאַטן וואָס דו ביסט מיר שולדיק און וועגן וועלכע איך האָב מיט דיר שוין נעכטן גערעדט. דו האָסט באַראַבעוועט, זשיד, מיין טאַטן און ווער ווייסט וויפל נאָך געלטער דו ביסט אים שולדיק געבליבן. מיין טאַטע איז געווען אַ גרויסער שכור, אַ הולטאַי און האָט קיינמאָל נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. אָבער מיך וועסטו נישט גענאַרן, דו קומסט מיר איצט צען טויזנט דוקאַטן. דו ווייסט וואָס פאַר אַ ריזיקע סומע עס איז! איך וויל אַז דו זאָלסט מיר שוין אַרויסגעבן די סומע וואָס דו ביסט מיר שולדיק, אַז נישט וועל איך דיך אַריינוואַרפן אין אַ גרובן און דו וועסט האָבן אַ מוראדיקן סוף!

**ר' ישראל פּרץ:** יאַסני וויעלמאַזשני פּירשט סאַנגושקאַ, איר האָט דאָך מיר געגעבן דריי טעג צייט אויף אָפּצוגעבן די זעקס טויזנט דוקאַטן, גיט מיר נאָך אַ ביסל צייט פאַר די אַנדערע פיר טויזנט.

**יונגער פּירשט:** דו ווילסט ווידער צייט. איך האָב דיר שוין געגעבן דריי טעג צייט פאַר די זעקס טויזנט דוקאַטן און מאָרגן איז דער טאָג. איצט ווילסטו נאָך צייט. נו, איך וועל דיר געבן פאַר די אַנדערע פיר טויזנט נאָך עקסטראַ דריי טעג ביז מאָנטיק. נו, איז עס שיין פון מיר?

**ר' ישראל פּרץ:** זייער! יאַסני וויעלמאַזשני פּאַן.

**יונגער פירשט:** אָבער געדענק, אויב דו ברענגסט מיר נישט מאָרגן די זעקס טויזנט דוקאַטן און מאַנטיק די פיר טויזנט, וועל איך טאָן צו דיר, וואָס נאָר איך וועל וועלן. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין אויף מיינע גיטער אַ הערשער, פונקט אַזוי ווי אַ קעניג. איך קאָן אַרעסטירן ווען איך וויל און איך קאָן פאַרשמייסן אויך יעדן שולדיקן אַפילו ביז טויט. מיין פאָטער האָט אין זיינע יונגע יאָרן נישט איין זשידעק אַזוי אַרום אָנגע־לערנט דרך ארץ.

**ר' ישראל פריק:** (געבויגן אין דרייען) יאַסני וויעלמאָזשני...

**יונגער פירשט:** וואָס ווילסטו?

**ר' ישראל פריק:** יאַסני וויעלמאָזשני, אפשר קאָן דער פירשט מיר געבן אַ ביסל מער צייט, לאָמיר זאָגן אַ חודש.

**יונגער פירשט:** אַהאַ! נו, איך וועל דיר באַלד ווייזן, וואָס עס וועט מיט דיר געשען, אויב איך וועל נישט האָבן מאָרגן די זעקס טויזנט דוקאַטן, און מאָנטיק די איבעריקע פיר טויזנט. (צום ערשטן אַדיוטאַנט) דערצייל אים וועגן דעם גרובן, וואו מען וואַרפט אַריין די שולדיקע.

**ערשטער אַדיוטאַנט:** עס איז אַ טיפער גרוב פאַרדעקט פון אויבן מיט ברעטער און אין מיטן איז דאָ אַ לאָך. דורך דער לאָך גיט מען אַריין דעם אַרעסטאַנט איינמאָל אַ וואָך ברויט מיט וואַסער און ער מוז עס האָבן פאַר אַ גאַנצער וואָך.

**ר' ישראל פריק:** יאַסני וויעלמאָזשני!...

**יונגער פירשט:** (צום צווייטן אַדיוטאַנט) און דו זאָג אים, ווי אַזוי עס פירט זיך ביי מיין געבורטסטאָג־פייערונג.

**צווייטער אַדיוטאַנט:** צום יאַסני וויעלמאָזשניס געבורטס־טאָג ווערט צוגעגרייט אַ גרויסע פייערונג. עס פאַרזאַמלען זיך אַלע פירשטן, גראַפן און פריצים פון גאַנצן געגענט צו אַ גרויסער מאָלצייט. נאָכדעם ווי אַלע האָבן שוין אָפּגעגעסן די גוטע מאכלים און געטרונקען פון די טייערע ווינען, הייסט דער יאַסני וויעלמאָזשני, אַז מען זאָל אַריינברענגען די אַרעסטירטע זשידקעס פון די גרובנס. איך טו זיי דאָן אָן אַ פעל פון אַ בער און הייס זיי טאַנצן צום ריטם פון אַ ניגון, וואָס איינער פון די פריצים זינגט. דער בער ווערט דערביי געפירט פון מיר אויף אַ קייט און, פאַרשטייט זיך, כ'שמייס אים אונטער מיט דער בייטש, וואָס איך האָב אין האַנט, אַז ער זאָל טאַנצן ריכטיק.

**יונגער פירשט:** און וואָס געשעט ווייטער? (צום ערשטן אַד־יוטאַנט) זאָג דו עס אים!

**ערשטער אַדיוטאַנט:** ווען דער זשידעק הויבט אָן צו טאַנצן אין דעם פעל פון בער, טאַנץ איך קעגן אים לויטן זעלבן ניגון. אויב דער זשידעק טאַנצט בעסער פאַר מיר, דאָן ווערט ער באַפרייט און ער קאָן

טאָן מיט מיר וואָס ער וויל, אָבער אויב איך טאַנץ בעסער פון אים, הייסט דער יאַסני וויעלמאַזשני, אַז כ׳זאָל אים אַרויספירן צו טאַנצן מיט די בייזע הינט אויפן הויף.

**יונגער פירשט:** (מיט פרייד) און זיי צורייסן אים אויף שטיקער! אַזוי פירן זיך אַלע פריצים. אַזוי האָט זיך געפירט ביי מיין טאַטן און אַזוי וועל איך זיך אויך פירן.

**ר׳ ישראל פריץ:** יאַסני וויעלמאַזשני! האָט רחמנות אויף מיר.

**יונגער פירשט:** איך וויל פריער זען וואָס פאַר אַ טענצער דו ביסט. (צום צווייטן אַדיוטאַנט) יאַ, הייס דעם זשידעק אַריינקריכן אין דעם פעל פון בער און טו אים אָן אַ קייט אויפן האַלדז. איך וועל זינגען אַ פּאָלקאַ. (צום ערשטן אַדיוטאַנט) און דו מאַטשעק, זאָלסט צופייפן אויף דער פייפל און וועסט טאַנצן קעגנאיבער דעם זשידעק, וועט מען זען ווער עס קאָן בעסער. (צולאַכט זיך) כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי! כע־כע־כע! (הירזשעט פון געלעכטער).

**ערשטער אַדיוטאַנט:** (הירזשעט אויך) כאַ־כאַ־כאַ! כי־כי־כי!

**צווייטער אַדיוטאַנט:** (הירזשעט נאָך מער) כי־כי־כי! כע־כע־כע!

**ר׳ ישראל פריץ:** (פאַלט דעם פירשט צו די פיס) יאַסני וויעלמאַזשני! יאַסני וויעלמאַזשני! האָב רחמנות אויף מיר!

**יונגער פירשט:** (בייז) קיין וואָרט נישט מער. אַ נו, שטיי אויף, זשידעק, און קריך אַריין אין די פעל פון בער! סראַליק, פּאַרגעס נישט, אַז איך בין דער הערשער פון גאַנצן געגנט! איך האָב באַפוילן (צום ערשטן אַדיוטאַנט) גיב יאַנען די פעל!

**ערשטער אַדיוטאַנט:** (נעמט אַרויס די פעל פון בער פון אַ טעקע, וואָס ער האָט מיט זיך און גיט עס צום צווייטן אַדיוטאַנט).

**צווייטער אַדיוטאַנט:** (צו ר׳ ישראל פרצן, וועלכער ליגט נאָך אַלץ אויף דר׳ערד צו די פיס פון פירשט) אַ נו, זשידעק, שטיי אויף און קריך אַריין אין דער פעל פון בער.

**ר׳ ישראל פריץ:** (שטויסט אָפּ דעם אַדיוטאַנט פון זיך).

**יונגער פירשט:** (צום ערשטן אַדיוטאַנט) דערלאַנג אים מיט דער בייטש, אַז ער זאָל עס האָבן צו געדענקען.

**ר׳ ישראל פריץ:** (שלאָגט ר׳ ישראל פרצן מיט דער בייטש איבערן לייב).

**ר׳ ישראל פריץ:** (לאָזט אַרויס אַ הויכן קוויטש, אַזש דאָס הויז ציטערט).

**פּערל:** (רייסט זיך אַריין) וואָס איז דאָ געשען? ווער האָט דאָס אַזוי געשריען? (בלייבט שטיין דערשראָקן).

**יונגער פירשט:** (דערשטוינט) ווער ביסטו דאָס, מיין שיינהייט?

**פּערל:** איך בין דעם זשידעק סראַליקס טאָכטער.

**יונגער פּירשט:** סראַליקס טאָכטער? און וואו ביסטו געווען, מיין שיינהייט די גאַנצע צייט?

**פּערל:** אָבער ווער זיינט איר?

**יונגער פּירשט:** איך בין דער יונגער פּירשט יאָזעף סאַנגושקאָ, דער יורש פון מיין פאָטער פּאוועל סאַנגושקאָ. צו מיר געהערט איצט ליובאַרטאָוו און אומגעגנט.

**פּערל:** (מאַכט אַ ניקס צו אים) יאַסני ווועלמאָזשני!

**יונגער פּירשט:** אָבער וואו ביסטו געווען די גאַנצע צייט? פאַר־וואָס האָב איך דיך נישט געזען?

**פּערל:** דער יונגער פּירשט איז אודאי געווען פאַרנומען מיט פירן זיינע געטרייע אַנגעשטעלטע אויף אַ קייט אין אַ פעל פון אַ בער.

**יונגער פּירשט:** דו האָסט מיר אַריינגעזאָגט! אָבער איך בעט דיך, טראַכט נישט אַזוי וועגן מיר. דאָס איז אייגענטלעך דאָס ערשטע מאָל וואָס איך טו עס. מיין פאָטער פלעגט עס טאָן זייער אָפט. איך האָב עס געטאָן אויך נאָר דערפאַר, ווייל דיין פאָטער איז מיר שולדיק צען טויזנט דוקאַטן און וויל מיר נישט באַצאָלן. איך האָב אים בלויז געוואָלט ווייזן, וואָס איך קאָן טאָן צו אים! (צו ר׳ ישראלקן) אָבער פאַרוואָס האָסטו סראַליק באַהאַלטן דיין טאָכטער פון מיר? פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז דו האָסט אַזאַ שיינע טאָכטער?

**ר׳ ישראל פּריץ:** (ענטפערט נישט).

**יונגער פּירשט:** (בייז) פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט, זשידעק?

**ר׳ ישראל פּריץ:** לויט אייער אָנקומען נאָך, בין איך דאָך אַ בער און אַ בער קאָן נישט רעדן.

**יונגער פּירשט:** פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז דו האָסט אַזאַ שיינע טאָכטער?

**ר׳ ישראל פּריץ:** אַ בער האָט נישט קיין טאָכטער.

**יונגער פּירשט:** (כאַפּט אַרויס די בייטש פון ערשטן אַדיוטאַנט און שלאָגט אים) איצט וועסטו שוין זאָגן?

**פּערל:** אויב אייך געפעלט אַזוי שטאַרק די טאָכטער, מעגט איר דאָך שאַנעווען דעם פאָטער פון דער טאָכטער!

**יונגער פּירשט:** (גיט צוריק די בייטש דעם ערשטן אַדיוטאַנט) דו ביסט גערעכט!

**פּערל:** (וויל אַוועקגיין).

**יונגער פּירשט:** גיי נישט אַוועק, מיין שיינהייט.

**פּערל:** איז עס אַ באַפעל?

**יונגער פּירשט:** יאָ!

פערל: אויב אַזוי וועל איך דאָ בלייבן, אָבער לאָזט מיין פאָטער אַריינגיין אין זיין שלאָף־צימער, וואו ער זאָל זיך אָנקלייגן און אָפּרוען פון די פייניגונגען.

יונגער פירשט: (צו ר' ישראל פּרצן) קענסט גיין!

ר' ישראל פּריץ (אָפּ).

פערל: און איצט שיקט אַוועק אויך די צוויי אַדיוטאַנטן מיטן הונט!

יונגער פירשט: (צו די אַדיוטאַנטן) איר קענט גיין אַ היים.

(ערשטער און צווייטער אַדיוטאַנט אָפּ).

פערל: איצט זיינען מיר אַליין אויג אויף אויג. וועל איך רעדן צו אייך, יאַסני וויעלמאָזשני, פון וועגן מיין פאָטערס חוב. וויפל קומט ער אייך?

יונגער פירשט: צען טויזנט דוקאַטן. אָבער איך וויל ריידן פריהער מיט דיר וועגן עפּעס אַנדערש.

פערל: דהיינו?

יונגער פירשט: וועגן דיין שיינהייט. דו געפעלסט מיר זייער שטאַרק. דו ביסט אַן אויסנאַם צווישן פרויען.

פערל: אַ דאַנק, יאַסני וויעלמאָזשני פּאַן.

יונגער פירשט: רייד צו מיר אַן טיטלען. זאָג מיר נישט אַלעמאָל „יאַסני וויעלמאָזשני פּאַן".

פערל: אָבער דאָס איז דאָך אייער טיטל.

יונגער פירשט: יאָ, אָבער נישט פאַר דיר. דו רופ מיך נישט מיט קיין טיטל, אָן טיטל איז בעסער. (טאָן־ענדערנדיק) קום אַהער צו מיר און גיב מיר אַ קוש.

פערל: יונגער פירשט, איך בעט אייך...

יונגער פירשט: (שלאָגט איר איבער די רייד) דו בעט מיך גאָר־נישט! קום אַהער צו מיר און לאָמיך טרינקען פון זאַפט פון דיינע ליפּן.

פערל: איז עס אַ באַפעל?

יונגער פירשט: יאָ

פערר: אַ באַפעל פון אַ הערשער מוז מען פאָלגן. אַזוי לערנט אונדז די הייליקע תורה. אַ באַפעל פון אַ הערשער איז ווי אַ באַפעל פון גאָט. און איר זייט דאָך דער הערשער פון דער געגנד.

יונגער פירשט: אַזוי? דו מוזט, הייסט עס, פאָלגן אַלע מיינע באַ־פעלן, אַזוי זאָגט אייער תורה?

פערל: יאָ, אָבער נאָר ביז אַ געוויסער גרעניץ.

יונגער פירשט: און וואו איז די גרעניץ?

פערל: עס זיינען דאָ דריי געבאָטן, ווען אַ ייד דאַרף בעסער אויס־קלייבן דעם טויט ווי צו פאָלגן דעם הערשער. זיי זיינען: צו דינען

פרעמדע געטער; צו באַגיין אַ מאָרד און צו טאָן אויסגעלאַסענהייט. אָבער איר זאָגט דאָך, אַז איך געפעל אייך?

יונגער פירשט: יאָ, זייער שטאַרק.

פּערל: אויב אַזוי, דאַרפט איר מיר נישט באַפעלן, ווייל ווען מען באַפעלט, טוט מען זאַכן נאָר אויס מורא. אָבער ווען מען געפעלט עמיצן טוט מען אַלץ פון אייגענעם ווילן און נישט פון מורא וועגן.

יונגער פירשט: דו ביסט נישט נאָר שיין, נאָר אויך קלוג! אָבער כ'האָב גאָר פאַרגעסן צו פרעגן דיך, ווי דו הייסט. ווי איז דיין נאָמען?

פּערל: פּערל.

יונגער פירשט: ביסט טאַקע אַ פּערל! אַן אמתע פּערל!

פּערל: אַ דאַנק.

יונגער פירשט: אַלזאָ, וואָס איז וועגן אַ קוש, דיין ערשטער קוש?

פּערל: איז עס אַ באַפעל?

יונגער פירשט: ניין, עס איז נישט, איך וויל דו זאָלסט עס טאָן פון אייגענעם ווילן.

פּערל: אויב אַזוי, קומט עס נישט מיט אַ מאָל. דערויף דאַרף מען וואַרטן.

יונגער פירשט: וואַרטן... ווי לאַנג?

פּערל: ביז דאָס האַרץ וועט וועלן. ביז עס וועט זיך וועקן דער אינערלעכער פאַרלאַנג. ווי עס שטייט אין שיר השירים „אַל תעירי ואַל תעוררי... עד שתחפץ...” נישט וועקן די געפילן, ביז זיי וועלן זיך וועקן אַליין.

יונגער פירשט: (בייזלעך) אַזוי גאָר! ביז... ביז... נו, לאָמיר בעסער רעדן וועגן דיין טאַטן.

פּערל: ריכטיק. וואָס איז וועגן מיין טאַטן?

יונגער פירשט: דיין טאַטע איז מיר שולדיק געלט, כ'האָב דיר שוין געזאָגט, אַז ער איז מיר שולדיק צען טויזנט דוקאַטן. אַזוי ווייזן די ביכער. ווען וועט ער מיר באַצאָלן דעם חוב?

פּערל: לאָזט אָפּ מיין טאַטן. איך וועל אייך באַצאָלן דעם חוב.

יונגער פירשט: דו?

פּערל: יאָ, איך. מיין טאַטע האָט דאָס געלט אויסגעגעבן פאַר מיר, אויפצוציען מיך, דאַרף איך באַצאָלן דעם חוב.

יונגער פירשט: גוט. איך באַשטיי, אָבער ווען?

פּערל: גיט מיר צייט.

יונגער פירשט: ווי לאַנג?

פּערל: זאָגט איר עס.

יונגער פירשט: זעקס חדשים.

**פערל:** דאָס איז צו ווייניק פאַר אַזאַ גרויסע סומע.

**יונגער פירשט:** נו, אַ יאָר.

**פערל:** נאָך אַלץ צו ווייניק צייט.

**יונגער פירשט:** וויפל דען?

**פערל:** צוויי יאָר.

**יונגער פירשט:** צוויי יאָר... צוויי יאָר... נו, גוט. און אויב דו וועסט נישט באַצאָלן די סומע אין פאַרלויף פון די צוויי יאָר? וואָס זאָל דעמאָלט זיין?

**פערל:** (מיט שרעק אין די אויגן) וואָס זאָל דעמאָלט זיין?

**יונגער פירשט:** דעמאָלסט וועסטו געהערן צו מיר!

**פערל:** צו איך?

**יונגער פירשט:** יאָ, צו מיר, דו וועסט ווערן מיינע?

**פערל:** אייערע?

**יונגער פירשט:** יאָ, און דו וועסט זיך שמדן.

**פערל:** (שפרינגט אויף) שמדן זיך? איך?

**יונגער פירשט:** יאָ, טייערע!

**פערל:** דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען! קיינמאָל נישט!! קיינמאָל נישט!!!

**יונגער פירשט:** (בייז) עס האָט נאָך קיינער קיינמאָל מיר נישט אָפּגעזאָגט מיינעם אַ פאַרלאַנג.

**פערל:** (מיט שרעק אין די אויגן) אָבער וואָס האָט איר אַזוינס דערזען אין מיר? פעלן דען שיינע פרויען אויף דער וועלט? האָט דער יונגער פירשט גאָר קיין שיינע פרויען נאָך נישט געזען?

**יונגער פירשט:** געזען פיל, זייער פיל שיינע פרויען. פאַריז איז פול מיט זיי, אָבער נישט אַזאַ ווי דו!

**פערל:** ווי איך? מיט וואָס בין איך דען אַנדערש?

**יונגער פירשט:** דו ביסט אַנדערש! דו ביסט אַזוי צנועהדיק, דו האַלסט דיינע אויגן אַלע מאָל אַזוי אַראָפּגעלאָזן; דו וועסט רויט פון יעדן נישט אָנשטענדיקן וואָרט, וואָס מ'זאָגט דיר; דו ביסט אַזוי שעמעוודיק־אײדל; דו ביסט אַזוי אומשולדיק ריין!... ניין, דו ביסט נישט אַזוי ווי יענע... נישט אַזוי ווי יענע!

**פערל:** (נייגעריק) איר האָט געהאַט אַ סך פרויען?

**יונגער פירשט:** יאָ, אַ סך!... זייער פיל!... אָבער אַזוינע קאַליע־געמאַכטע... פאַרדאָרבענע...

**פערל:** (נייגעריק) פאַרדאָרבענע?

**יונגער פירשט:** (מיט פאַראַכטונג) יאָ, פאַרדאָרבענע!

**פּערל:** (פּאַרטראַכט) דאָס איז די שולד פון די מענער. זיי האָבן זיי אַזוי געמאַכט.

**יונגער פירשט:** מעגלעך, אָבער נישט אין גאַנצן. זיי זיינען געווען אַזוי! זיי זיינען אַזוי געבוירן געוואָרן... פאַרדאָרבענע!

**פּערל:** און איר זענט גאָר נישט שולדיק?

**יונגער פירשט:** מעגלעך. דערפאַר רייצט מיך אַזוי דיין גאַנצקייט; די ריינקייט וואָס שטראַלט אַרויס פון דיר. כ׳וואָלט אַפילו געזאָגט די הייליקייט.

**פּערל:** יונגער פירשט, מאַכט מיך נישט פאַר קיין הייליקע!

**יונגער פירשט:** דו ווייסט אַליין נישט וואָס דו ביסט! (טאָן־ענ־דערנדיק) אָבער דו האָסט מיר נאָך אַלץ קיין קוש נישט געגעבן? טו עס איצט, מיין קינד!

**פּערל:** יונגער פירשט, אייערע רייד האָבן געקלונגען אין מיינע אויערן ווי באַפעל.

**יונגער פירשט:** עס איז נישט קיין באַפעל, פּערעלע, איך וויל אַז דו זאָלסט מיך ליב האָבן פון גאַנצן האַרצן...

**פּערל:** יונגער פירשט, איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז דערויף מוז מען וואַרטן, מען מוז האָבן געדולד ביז עס וועט קומען די צייט. מען קאָן קיין האַרץ נישט באַפעלן. אַפילו אַ קעניג קאָן עס נישט.

**יונגער פירשט:** נו, וויל איך, אַז דו זאָלסט זיך אונטערשרייבן.

**פּערל:** (אויפגעטעטערט) אונטערשרייבן אויף וואָס?

**יונגער פירשט:** אויף צו באַצאָלן מיר דעם חוב.

**פּערל:** יאָ, דאָס קאָן איך טאָן.

**יונגער פירשט:** און אויך, אַז אויב דו וועסט נישט קאָנען באַצאָלען מיר דעם חוב אין צוויי יאָר, זאָלסטו געהערן צו מיר.

**פּערל:** קיינמאָל נישט! דאָס שרייב איך נישט אונטער! איך פאַר־קויף נישט מיין האַרץ צו קיינעם און קיינער דאַרף עס אויך נישט וועלן קויפן ביי מיר! פע! עס איז אַ מיאוסער האַנדל!

**יונגער פירשט:** נו, אויב אַזוי, זאָל דער אַנדערער טייל פון קאָנ־טראַקט בלייבן מינדלעך. איך געטרוי דיר! (ער שרייבט עפּעס אויף אַ בויגן פּאַפּיר און ווייזט עס איר).

**פּערל:** (ליינט עס איבער) אָבער צו וואָס דאַרף דער הערשער אין גאַנצן מיין אונטערשריפט? איך בין דען אימשטאַנד צו לייקענען דעם חוב?

**יונגער פירשט:** דאָס איז בלויז צו ווייזן, אַז דער חוב גייט איבער פון דיין פאָטער צו דיר. דאָס וועט באַפרייען דיין פאָטער פונעם חוב

און עס וועט אים קיינער גאַר נישט קאָנען טאָן. אַ מענטש ווייס קיינמאָל נישט, וואָס עס קאָן געשען מיט אים. נו, טאָמער שטאַרב איך, זאָלן די יורשים וויסן, אַז זיי דאַרפן נישט טשעפּען דיין פאָטער. דו ווילסט דאָך דאָס? יאָ?

**פּערל:** יאָ.

**יונגער פירשט:** טאָ שרייב אונטער דאָס פּאַפּיר.

**פּערל:** (שרייבט אונטער).

**יונגער פירשט:** און דאָס איבעריקע בלייבט מינדלעך. איך וויל דיך נישט צווינגען דאָס אונטערצושרייבן, ווייל איך וויל עס זאָל קומען ביי דיר פון האַרצן. אויסער דעם בין איך דאָך דער הערשער פון גאַנצן געגענט און ווען איך וועל דיך וועלן צווינגען, קאָן איך עס דאָך אַלע מאָל טאָן.

**פּערל:** יונגער פירשט, פאַרגעסט דאָך נישט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסער גאָט איבער אונדז און אַז זיין ווילן איז שטאַרקער פון אונדזער אַלעמענס ווילן.

**יונגער פירשט:** געוויס, געוויס. הייסט עס אַז איצט דאַרף איך וואַרטן פאַר דיר, מיין טייערע, צוויי יאָר און ביז דעמאָלט... (פאַרענדיקט נישט).

**פּערל:** (נערוועז) ביז דעמאָלט?

**יונגער פירשט:** ביז דעמאָלט וועל איך געניסן פון פּראָצענט פונעם געלט. איך וועל אַלע מאָל אויסקושן דיינע ליכטיקע אויגן, דיינע זיסע ליפּן און דיינע שיינע לאַנגע צעפּ. (גייט צו נעענטער צו איר און נעמט איר אַרום).

**פּערל:** (פאַרשטעלט זיך איר אויגן מיט אירע הענט).

**יונגער פירשט:** (נעמט אַוועק אירע הענט און קושט זי).

**פּערל:** יונגער פירשט, טוט עס נישט! טוט עס נישט! איך בעט אייך, טוט עס נישט!

**יונגער פירשט:** (נעמט אָן אירע צעפּ) און איצט — די צעפּ, אָט די וואָס האָבן מיך אַזוי שטאַרק צוגעצויגן צו דיר. די צעפּ, וואָס האָבן דאָס ערשטע מיך אַזוי גערייצט, ווען איך האָב דיך דערזען! דיינע כשופדיקע צעפּ! (קושט זיי ליידנשאַפטלעך).

**פּערל:** ביטע, ביטע, ניין! טוט עס נישט!

**יונגער פירשט:** (פאַרחלומט) און צו די ענדע פון די צוויי יאָר, וועל איך קומען איינמאָל ביינאַכט צו דיר און איך וועל זינגען דיר אַ ליד אונטער דיין פענצטער און כ׳וועל דיך אַרויסגנבענען פון דיין בעט אין דיין ווייסער זיידענער העמד און וועל מיט דיר אַוועקגאַלאָפּירן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

**פּערל:** פּונקט אַזוי ווי אין פראַנצויזישן ראָמאַן: „רודאָלף און דעלפינע".

**יונגער פּירשט:** אַזוי, דו לייענסט פראַנצויזישע ראָמאַנען אויך. אויב אַזוי ביסטו ביי מיר נאָך פיל טייערער.

**פּערל:** אָבער איך בין נישט קיין גרעפין און מיין פאָטער איז נישט קיין ריטער און ער וועט נישט פאַרפירן אַ דועל מיט אייך וועגן מיר, מיט קיינעם.

**יונגער פּירשט:** דו געדענקסטו אַלץ אַזוי גוט, מיין שיינהייט, אָבער איך וועל איצט גיין. מיר וועלן זיך אין גיכן, ווידער זען. מיר וועלן זיך פון איצט אָן זייער אָפט זען. (וואַרפט איר אַ לופט קוש) אַ גוטן טאָג, מיין שיינהייט! אַ גוטן טאָג.

**פּערל:** אַ גוטן טאָג!

**יונגער פּירשט:** (אָפּ).

**פּערל:** (פאַלט אַוועק אויף דער סאָפע אַ פאַרשמאַכטע און ברעכט אויס אין אַ היסטעריש געוויין) רבונו של עולם, איך ווייס אַז איך האָב געזינדיקט איצט צו דיר. איך האָב נישט געטאָרט לאָזן דעם יונגן פּירשט אַוועקגיין מיטן געדאַנק, אַז נאָך צוויי יאָר ווען כ'וועל נישט האָבן צו באַצאָלן דעם חוב, וועל איך ווערן זיינע; אַז כ'וועל איבערטרעטן דיין געבאָט און גיין דינען פרעמדע אָפּגעטער. אָבער, רבונו של עולם, דו ביסט דאָך אַ יודע מחשבות, ווייסטו דאָך אַז איך האָב עס געטאָן נאָר מיטן מויל און נישט מיטן האַרצן; דו ווייסט דאָך אויך, אַז כהאָב עס געטאָן נאָר צו ראַטעווען מיין טאַטן פון יסורים און אפשר פון טויט און נישט צוליב זיך. נאָר, גאָט אין הימל, אויב עס האָט זיך יאָ דערביי אַריינגע־גנבעט צו מיר אין האַרצן, אַ פונק פון הנאה, אויב עס האָבן מיך אפשר אַ ביסל געפלאַטערט זיינע זיסע רייד, אויב איך האָב מעגלעך געגלוסט ווען עס איז אין דער שטיל, אין די חדרי חדרים פון מיין האַרץ, צו אַזאַ איבערלעבונג, נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען דאָס ווייב פון מיין גרויסן מאַן, ר' לוי יצחק; אויב איך האָב געזינדיקט אין מיין מחשבה, אַלס אַן אשת איש, זאָלסטו, רבונו של עולם, נאָר מיך דערפאַר באַשטראָפן, נאָר מיך און נישט קיין אַנדערן; זאָל די שטראָף פאַלן אויף מיין קאָפּ און נישט אויפן קאָפּ פון מיינע עלטערן און אויך נישט אויפן קאָפּ פון מיין הייליקן מאַן; רבונו של עולם, דו קאָנסט אַלץ טאָן, דעריבער בעט איך דיך, מאַך אַזוי, אַז מיין האַרץ זאָל צו אים נישט גלוסטן; אַז די הענט זאָלן פון זיינע קושן גאָר נישט פילן און, אַז די צעפּ וואָס זיינען געווען ביז איצט דער קרוין פון מיין קאָפּ און וועלכע ער האָט אַזוי פאַראומ־רייניקט, זאָלן ביי מיר פאַרמיאוסט ווערן! (טאָן־ענדערנדיק) האַר פון אַלע וועלטן, איך בעט דיר, גרויסער גאָט, אַז דו זאָלסט מיך שטאַרקן און נישט

לאָזן פאַרגיין אין נעץ פון תאוה וואָס דער יצר הרע האָט אויסגעשפּרייט אַרום מיר! מאַך מיך שטאַרק צו היטן דיינע געבאָטן און גיב מיר כח צו פאַרטרייבן דעם שטן. אוי, גאָט, פון אָבות און פון די אמהות, העלף מיר! (ברעכט אויס אין אַ היסטעריש געוויין).

**מלכה:** (לויפט אַריין אין אַן אימפּעט) וואָס איז געשען, פּערל? וואָס איז געשען, מיין קינד?

**פּערל:** (כליפּעט) עפּעס שרעקליכעס, מאַמע, איז געשען! עפּעס שרעקליכעס!

**מלכה:** (דערשראָקן, בלאַס) רייד, מיין קינד, זאָג מיר, האָט דער יונגער פירשט דיר חלילה עפּעס געטאָן! ווי איז מיר, זאָג מיר!

**פּערל:** (כאַפּט זיך וואָס די מוטער מיינט) ניין, מאַמע, ער האָט מיך נישט געטשעפּעט!

**מלכה:** (אַביסל באַרואיקט, אָבער דאָך ציטערנדיק) וואָס דען, מיין קינד, איז געשען? זאָג מיר, רעד!

**פּערל:** איך האָב אים געגעבן אַ שריפט צו באַצאָלן דעם חוב אין פאַרלויף פון צוויי יאָר. ער האָט אַנדערש נישט געוואָלט.

**מלכה:** טאָ וואָס איז דער אומגליק? האָסט דאָך בעסער געמאַכט ווי דער טאַטע. ער האָט דאָך אים אַפילו אַ וואָך נישט געוואָלט געבן.

**פּערל:** אָבער נאָך צוויי יאָר, אויב כ'באַצאָל אים נישט דעם חוב...

**מלכה:** (אומגעדולדיק) נו, אויב דו באַצאָלסט נישט דעם חוב, טאָ איז וואָס?

**פּערל:** מוז איך זיך שמדן...

**מלכה:** (אין גאַנצן ציטערנדיק) פּערל... אַזאַ פּאַפּיר האָסטו אים געגעבן?

**פּערל:** ניין, דאָס לעצטע איז נישט אין פּאַפּיר, נאָר אַזוי האָט ער זיך מיט מיט אויסגערעדט.

**מלכה:** (אָטעמט שווער אָפּ) נו, ביז צוויי יאָר איז נאָך גאָט אַ גוטער, ביז צוויי יאָר קאָן ער נאָך איינעמען אַ מיתה משונה!

**פּערל:** אָבער כ'האָב געזינדיקט, מאַמע, איך האָב נישט געטאָרט אים לאָזן אַוועקגיין מיטן געדאַנק אַז עס קאָן זיין, אַז איך זאָל זיך אַמאָל שמדן.

**מלכה:** רעד נישט קיין נאַרישקייטן, פּערל, דו וועסט זיך נישט שמדן! קיינמאָל נישט! ווי לאַנג קריינקט ער!

**פּערל:** אָבער ער מיינט דאָך אַז איך וועל עס טאָן.

**מלכה:** וואָס איז דיין עסק וואָס ער מיינט! זאָל ער מיינען! נו, האָסטו אים אָפּגענאַרט! ווען אַ גזלן באַפאַלט אַ מענטשן מעג מען אַלץ

טאָן. איבערהויפּט צו ראַטעווען דיין טאַטן! דו האָסט אונדז אַלע גע־ראַטעוועט!

**ר׳ ישראל פּריץ:** (קומט אַריין) וואָס איז געשען?

**מלכה:** זי האָט געפּועלט ביים פּירשט צו באַצאָלן אים דעם חוב אין פאַרלויף פון צוויי יאָר.

**ר׳ ישראל פּריץ:** אין פאַרלויף פון צוויי יאָר! דאָס איז אַן אמתע ישועה!

**פּערל:** פאַרוואָס, מאַמע, זאָגסטו נישט דעם טאַטן דעם אמת, וועגן תנאי, וואָס ער האָט זיך מיט מיר אויסגערעדט?

**ר׳ ישראל פּריץ:** וואָס פאַר אַ תנאי?

**פּערל:** אַז אויב איך וועל אים נישט באַצאָלן דעם חוב נאָך צוויי יאָר, מוז איך זיך שמדן.

**ר׳ ישראל פּריץ:** (גיט אַ געשריי) שמדן זיך! (כאַפּט זיך ביים קאָפּ) האָסטו אונטערגעשריבן אַזאַ פּאַפּיר?

**פּערל:** כ׳האָב דאָס נישט אונטערגעשריבן. איך האָב אונטערגע־שריבן בלויז צו באַצאָלן אים דעם חוב ביז צוויי יאָר. דער תנאי וועגן שמדן זיך האָט ער מיר נאָר געזאָגט, אָבער ר׳האָט עס נישט אויפגעשריבן.

**ר׳ ישראל פּריץ:** (אויפגעקאָכט) פּערל, אַפילו אַזוי האָסטו עס אויך נישט געטאָרט טאָן! אַ ייד טאָר נישט געבן אַ גוי אין קאָפּ אַריין אַפילו אַ רעיון, אַז ער וועט אַמאָל ווערן אַן אַפּטריניקער און פאַרלאָזן אונדזער גאָט! (רייסט זיך די האָר פון קאָפּ) פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן? איך וועל שוין אַהין גיין צו אים און וועל אים זאָגן, אַז ער זאָל מיך בעסער וואַרפן אין גרובן אַריין אויף ברויט און וואַסער, ווי צו טראַכטן אַפילו איין מינוט, אַז איך אָדער עמיצער פון מיין משפחה וועט אָפּטרעטן פון יידישן גלויבן! בעסער דער טויט איידער זינדיקן צו גאָט, אַפילו מיטן געדאַנק.

**מלכה:** משוגענער! וואָס גייסטו טאָן? דו ווייסט וואָס דו רעדסט? דו דאַרפסט דאָך דאַנקען דיין טאָכטער דערפאַר, וואָס זי האָט מיט איר חכמה אונדז אַלעמען אָפּגעראַטעוועט פון טויט! זי האָט דערמיט נישט געזינדיקט, אַפילו קיין איין מינוט אויך נישט. זי האָט אים בלויז אָפּ־גענאַרט און וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? נו, און ווען אַ גזלן באַפאַלט דיך אין מיטן וואַלד און פרעגט דיך, וואו דו האָסט דיין געלט באַ־האַלטן, מוסטו דען אים זאָגן דעם אמת?

**ר׳ לוי יצחק:** (קומט אַריין זיגנענדיק, פאַרטראַכט, אין אַ געהויבענער שטימונג).

**מלכה:** נו, אדרבה, לאָמיר פרעגן ר׳ לוי יצחקן, ער איז דאָך אַ

רב (טאָן־ענדערנדיק) ר׳ לוי יצחק, ווען אַ גזלן באַפאַלט עמיצן אין וואַלד מעג מען אים זאָגן אַ ליגן, כדי צו ראַטעווען זיך דאָס לעבן?

**ר׳ ישראל פריך:** דו פרעגט נישט גוט: מעג מען לאָזן אַ גוי גלויבן, אַז מען וועט זיך שמדן אין צוויי יאָר אַרום, כדי ער זאָל דיך איצט אָפּלאָזן?

**ר׳ לוי יצחק:** זאָגט מיר בעסער, וואָס עס איז געשען?

**ר׳ ישראל פריך:** דיין פּערל האָט כדי אָפּצוראַטעווען מיך פון פּירשטס הענט אים געגעבן אַ שריפט צו באַצאָלן אים דעם חוב אין פאַרלויף פון צוויי יאָר און דערצו אויך אַ צוזאָג, בלויז מיטן מויל, אַז אויב זי וועט נישט האָבן צו באַצאָלן דאָס געלט נאָך צוויי יאָר, וועט זי זיך שמדן.

**פּערל:** דו זאָגסט עס אויך נישט ריכטיק, טאַטע. איך האָב אים אַזאַ צוזאָג נישט געגעבן. ער האָט עס געמאָנט ביי מיר. אָבער איך האָב געשוויגן.

**ר׳ לוי יצחק:** לאָמיר זען, שווער, וואָס זי האָט דאָ באמת געטאָן: זי האָט מיט איר קלוגשאַפט געפּועלט ביים פּירשט צו באַצאָלן אים דעם חוב אין צוויי יאָר צייט און זי האָט אים דערויף געגעבן אַ פּאַפּיר. דאָס איז דאָך נישט קיין פאַרברעכן.

**מלכה:** געוויס נישט.

**ר׳ לוי יצחק:** דערנאָך האָט ער געזאָגט צו איר אַז אויב זי וועט נישט האָבן צו באַצאָלן דעם חוב אין פאַרלויף פון צוויי יאָר, וועט זי מוזן זיך שמדן און זי האָט דערויף געשוויגן. זי האָט אים דאָס נישט צוגעזאָגט.

**ר׳ ישראל פריך:** אָבער זי האָט דאָך אים געגעבן אַ רעיון אין קאָפּ אַריין, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך!

**ר׳ לוי יצחק:** אַפילו אַזוי, האָט זי קיין שום שלעכטס נישט געטאָן. לויטן דין מוז מען זיך לאָזן אומברענגען און גיין אויף קידוש השם, ווען מען צווינגט אַ יידן שוין צו פאַרלאָזן דעם יידישן גלויבן, אָבער ווען עס איז אויף צוויי יאָר שפּעטער, ווען מען זאָגט אַפילו דאָס צו, מיינט עס אויך גאָרנישט. דעם כביכולס וועגן זיינען פיל און ער קאָן אין די צוויי יאָר טאָן זייער אַ סך זאַכן. מילא, וואָס עס קאָן אַלץ פּאַסירן אין צוויי יאָר!

**מלכה:** ביז די צוויי יאָר וועלן זיך ענדיקן, קאָן ער נאָך זיין אַ שיינע ריינע כפּרה פאַר אַלע יידן.

**ר׳ לוי יצחק:** שוויגער, שעלט נישט קיינעם, אַפילו אַ גוי אויך נישט. אַפילו אַ גוי איז גאָטס אַ באַשעף.

**מלכה:** (מיט ניצחון) אָבער נו, וואָס האָב איך איך געזאָגט, האַ?

**פערל:** (מיט טרערן אין די אויגן) אָבער, לוי יצחק, זאָג מיר, כ'האָב טאַקע נישט געזינדיקט? דו מיינסט עס אויף אַן אמת??

**ר' לוי יצחק:** ניין, מיין קינד, דו האָסט נישט געזינדיקט!

**מלכה:** איצט דאַרף מען נאָר טראַכטן ווי אַזוי אָפּצוצאָלן דעם יונגן פּירשט דעם חוב און פון אים אין גאַנצן פּטור צו ווערן.

**ר' לוי יצחק:** איך האָב אַן עצה. איך וועל אַרויספאָרן איבער דער מדינה און וועל קלייבן געלט ביי יידן. עס איז דאָך אַזוי ווי פּדיון שבויים.

**ר' ישראל פּריץ:** (מיט כעס) וואָס? פאַר ישראל פּרצן וועט מען צונויפנעמען נדבות? קיינמאָל נישט!

**פערל:** און צו ליגן ביי די פיס פון פירשט איז יאָ גוט? ניין! שוין בעסער אָנצוקומען צו יידן ווי צום בעסטן גוי!

**ר' ישראל פּריץ:** עס איז נישט אַזוי! דער פירשט איז מלכות און מלכותא דארעא כמלכותא דרקיע. דאָס מלכות פון דר'ערד איז אַזוי ווי דאָס מלכות פון היכל. מען דאַרף זיך דערצו בוקן. אָבער בוקן זיך צו יעדן יידן פאַר נדבות? דאָס נישט!

**ר' לוי יצחק:** איך פאַרשטיי עס נישט, שווער. די גאַנצע וועלט געהערט דאָך צום רבונו של עולם. גאָט האָט געזאָגט: „לי הכסף ולי הזהב", צו מיר געהערט דאָס גאַנצע גאָלד און דאָס גאַנצע זילבער. און דער רבונו של עולם גיט אַלעמען. דער רבונו של עולם האָט אויך אונדז אויסדערוויילט צו זיין פאָלק און ער רופט אונדז זיינע קינדער „בנים אתם למקום", איר זענט קינדער צו גאָט. נו, זיינען מיר אַלע יידן גאָטס קינדער, איין גרויסע משפחה, און אין אַ משפחה רעכנט מען זיך נישט, שעמט מען זיך נישט. היינט נעם איך ביי דיר, מאָרגן בעמסטו ביי מיר. עס איז אייגענע. נו, פאַרשטייט מיך, שוועער. ווען איר האָט געהאַט, האָט איר געגעבן. איצט ווען איר האָט נישט מער וועט מען אייך געבן. עס איז אייגן בלוט.

**ר' ישראל פּריץ:** אפשר ביסטו גערעכט, לוי יצחק!

**פערל:** לוי יצחק, ביסטו זיכער, אַז כ'האָב נישט געזינדיקט, אַפילו אין מחשבה אויך נישט?

**ר' לוי יצחק:** אַפילו אין מחשבה אויך נישט.

**פערל:** אָבער די צעפּ, די צעפּ לאָזן מיך נישט רוען. ער האָט זיי געקושט מיט זיין טרפה מויל און ער האָט זיי פאַראומרייניקט. ער האָט געזאָגט, אַז זיי כשופן אים און רייצן אים. איך וויל דעריבער פון זיי פּטור ווערן! לוי יצחק, איך וויל אַז דו זאָלסט זיי מיר אָפּשערן! (צו דער מוטער) גיב מיר די שער, וועט מיר לוי יצחק אָפּשערן די צעפּ!

**מלכה:** (גיט איר די שער).

**פּערל:** (גיט די שער צו לוי יצחקן. זעצט זיך אַוועק נעבן אים און לייגט אַוועק איר קאָפּ אויף זיינע קני) **איך ברענג מיינע שיינע צוויי צעפּ אויף דער עקדה פון דיינע קני כדי צו הייליקן גאָטס נאָמען און דו טו מיט זיי וואָס דו ווילסט** (כליפּעט).

**ר׳ לוי יצחק:** (שערט איר אָפּ די צוויי צעפּ און זיי פאַלן אויף דער פּאָדלאָגע און ער זינגט).

**מזרח דו, מערב דו,**
**צפון דו, דרום דו,**
**דו־דו, דו! דו־דו, דו!**

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

## צווישן־שפּיל

### (פֿאַר דעם פֿאָרהאַנג)

**משה:** עס איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפֿאַלן, אַז כ׳וועל דיך שלמה טרעפֿן דאָ אין ריטשוואָל! ווי אַזוי קומסטו דאָ אַהער?

**ר׳ שלמה:** איך וואוין איצט אין ריטשוואָל.

**משה:** מיינסטו מיר צו זאָגן, אַז דו האָסט זיך געצויגן אַהער?

**ר׳ שלמה:** יאָ.

**משה:** פֿאַרוואָס עפּעס?

**ר׳ שלמה:** צוליב געשעפֿט.

**משה:** (דרייט מיט דער נאָז) געשעפֿט?! וואָס האָסטו אַ טשייניק. וואָס געשעפֿט? ווען געשעפֿט? דו פֿירסט דאָך ניט קיין געשעפֿטן. דיין רייכער טאַטע האַלט דאָך דיך כסדר אויס, ער גיט דאָך דיר געגנוג געלט, אַז דו זאָלסט זיצן און לערנען. טאָ וואָס דערציילסטו מיר אַ מעשה וועגן געשעפֿט?

**ר׳ שלמה:** אַז דו ביסט אַזאַ וויסער, טאָ וואָס פֿאַרשטייסטו נישט. איך בין דאָ אין ריטשוואָל, ווייל איך דאַרף דאָ צו זיין.

**משה:** אָט אַזוי רעד... מעג איך וויסן צוליב וואָס?

**ר׳ שלמה:** צוליב ר׳ לוי יצחקן.

**משה:** צוליב ר׳ לוי יצחקן?

**ר׳ שלמה:** יאָ.

**משה:** וואָס דהיינו? איך טאָר עס נישט וויסן? עס איז אַ סוד אויך פֿאַר מיר?

**ר׳ שלמה:** (קווינקעלט דיך) כ׳וועל עס דיר פֿאַרטרויען, דו זאָלסט דאָס אָבער קיינעם נישט זאָגן. עס מוז בלייבן אַ סוד אַזוי לאַנג ווי...

**משה:** (נייגעריק) כ׳בין שוין נייגעריק צו וויסן וואָס איז עס?

**ר׳ שלמה:** איך בין זיין שומר.

**משה:** זיין שומר? ר׳ לוי יצחקס שומר?

**ר׳ שלמה:** יאָ.

**משה:** ווי אַזוי?

ר׳ שלמה: דער מגיד הקדוש האָט דאָס געוואָלט פון מיר.

משה: דער מגיד הקדוש פון מעזעריטש?

ר׳ שלמה: יאָ. ער האָט מיך אַמאָל אַריינגערופן צו זיך און צו מיר געזאָגט בהאי לישנא: „שלמה, עס איז גלוי וידוע פאַר מיר אַז ר׳ לוי יצחק, די קרוין פון מיינע תלמידים וועט האָבן אויסצושטיין פיל צרות. ער וועט אויפגענומען ווערן אַלס רב אין פיל קהלות און מען וועט אים פון דאָרטן אַרויסטרייבן, ביז עס וועט קומען די צייט, ווען ער וועט קומען אין אַ קהלה, וואו ער וועט לעבן אין כבוד און אין נחת. וויל איך פון דיר, שלמה, אַז דו זאָלסט זיין זיין שומר. ער דאַרף דערפון נישט וויסן. אָבער וואו ער וועט זיין, זאָלסטו אויך זיין און דו זאָלסט כסדר שיצן איבער אים. זאָלסט אַלעמאָל זוכן צו געפינען מענטשן וואָס זאָלן זיין גוט צו אים און זאָלסט נישט לאָזן טאָן אים קיין שלעכטס. נישט בחינם ביסטו געווען זיין חבר אין דער יאַראָסלאַווער ישיבה. מען האָט דיך מן השמים צוגעגרייט דערפאַר. אָבער דו זאָלסט עס האַלטן בסוד". אָט דאָס זיינען געווען זיינע ווערטער ממש.

משה: (כאַפּט אָפּ דעם אָטעם) הייסט עס, אַז דו ביסט אין ריטשוואָל ווייל ר׳ לוי יצחק איז איצט דער רב פון ריטשוואָל.

ר׳ שלמה: געטראָפן.

משה: און ווען ר׳ לוי יצחק איז אַרומגעפאָרן איבער דער מדינה צו קלייבן געלט פאַר זיין שווער, ביסטו אויך מיט אים מיטגעפאָרן?

ר׳ שלמה: זאָל דיר זיך דוכטן, אַז יאָ. איך האָב אים באַגלייט די גאַנצע צוויי יאָר. וואו ער איז געווען, בין איך אויך געווען.

משה: און ער האָט דערפון נישט געוואוסט?

ר׳ שלמה: כ׳ווייס נישט, אפשר יאָ. איך האָב עס אָבער אַזוי גע־מאַכט, אַז ער זאָל נישט וויסן. צוויי יאָר בין איך געווען נע ונד מיט אים צוזאַמען און וויפיל מיינסטו האָט ער צונויפגעזאַמלט דורך דער גאַנ־צער צייט? — צוויי טויזנט דוקאַטן.

משה: און ער האָט געגעבן דאָס געלט זיין ווייב, די רביצין פּערל, אַז זי זאָל עס געבן דעם פירשט אויפן חוב.

ר׳ שלמה: יאָ.

משה: און דערמיט איז מען שוין פטור געוואָרן פון פירשט?

ר׳ שלמה: עס הויבט זיך נישט אָן. דער פירשט וויל עס נישט נעמען. ער וויל די גאַנצע סומע. אָבער איך וועל פון אים פטור ווערן, איך וועל פטור ווערן פון דער סטרא אחרא.

משה: און ווי אַזוי האָט ר׳ לוי יצחק געקראָגן די רבנות שטעלע אין ריטשוואָל?

**ר׳ שלמה:** פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? ר׳ שמעלקע האָט אים געגעבן זיין שטעלע.

**משה:** ר׳ שמעלקע הורוויץ, דער געוועזענער רב פון ריטשוואָל, וואָס איז איצט רב אין ניקעלסבערג?

**ר׳ שלמה:** יאָ. ער האָט דאָך אים דער ערשטער געבראַכט צום מגיד הקדוש.

**משה:** אַזוי? מן הסתם האָט דער מגיד אים דאָס געהייסן טאָן.

**ר׳ שלמה:** ווי פאַרשטייסטו!

**משה:** און ווי גייט עס אים דאָ אין ריטשוואָל? זיינען די היגע יידן צופרידן מיט אים?

**ר׳ שלמה:** עס איז אַזוי: די לומדים און די חסידים האַלטן פון אים אַ וועלט, אָבער די מתנגדים זיינען קעגן אים. ראשית ווילן זיי אַ רב, וואָס איז נישט קיין חסיד.

**משה:** און שנית?

**ר׳ שלמה:** שנית, האָבן זיי נישט קיין דרך ארץ פאַר אים, ווייל ער גיט זיך אָפּ צו פיל מיט די גראָבע יונגען. ער איז כסדר מלמד זכות אויף יעדן איינעם.

**משה:** אַזוי? ר׳ לוי יצחק איז נאָך אַלץ ווייטער אַזוי מלמד זכות אויף יידן?

**ר׳ שלמה:** מלמד זכות זאָגסטו! ער זאָגט דאָך, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין שלעכטע יידן אויף דער וועלט.

**משה:** כ׳געדענק אַז ווען ער איז נאָך געווען אין ליובאַרטאָוו, איז ער איינמאָל אַ תשעה באָב אין דער פרי געגאַנגען דאַווענען אין שול אַריין. אויפן וועג האָט ער געטראָפן יאַנקל וואַסער־טרעגער, ווי ער גייט און קייט אַ בייגל. זאָגט ר׳ לוי יצחק צו אים: „יאַנקל, האָסט אודאי פאַרגעסן אַז היינט איז תשעה באָב“. ענטפערט אים יאַנקל: „ניין, רבי, כ׳האָב נישט פאַרגעסן“. זאָגט צו אים ר׳ לוי יצחק ווייטער: „אויב אַזוי ביסטו אודאי שוואַך און דאַרפסט צו עסן“. רופט זיך אָן יאַנקל: „ניין, רבי, איך בין נישט שוואַך, נאָר כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען פאַר חנהס בשמים קראָם, זיינען דאָרטן געלעגן פרישע בייגל. האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ חשק צו זיי, האָב איך געקויפט זיך אַ בייגל. אָט דאָס איז דער אמת“. ווען ר׳ לוי יצחק האָט דאָס געהערט, האָט ער אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל און אויסגעשריען: „רבונו של עולם, זע נאָר וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו האָסט. יאַנקל האָט דאָך מיר געקאָנט זאָגן אַ ליגן, אַז ער האָט פאַרגעסן, אַז עס איז היינט תשעה באָב, אָדער ער האָט אויך געקאָנט זאָגן אַז ער עסט, ווייל ער איז שוואַך, ער האָט אָבער קיין ליגן נישט געוואָלט

זאָגן, ער האָט מיר געזאָגט דעם ריינעם אמת. זעסטו שוין, רבונו של עולם, וואָס פאַרא טייער פאָלק יידן זיינען, אַז אַפילו ווען זיי זינדיקן, זאָגן זיי אויך דעם אמת".

**ר׳ שלמה:** אַזעלכע מעשיות וועגן ר׳ לוי יצחקן קאָן איך דערציילן אַ סך, אָבער די שענסטע איז אַ מעשה שוין פון דאַנען פון ריטשוואַל. די מעשה האָט מיר דערציילט נישט קיין אַנדערער ווי דעם רבס משמש, שמשי, דו קענסט דאָך אים, ער איז דאָך אַ ייד אַ תלמיד חכם און אַ קלוגער קאָפּ, אָן אמתער פיקח. און די מעשה גייט אַזוי: מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז געקומען צו פאָרן אַהער אַ מגיד, איינער פון יענע פייעכאַטנע מגידים, און האָט געוואָלט האַלטן דאָ אַ דרשה שבת נאָכמיטאָג אין שול. איז ער אַוועק צו ר׳ לוי יצחקן אַז ער זאָל אים דאָס דערלויבן. האָט אים ר׳ לוי יצחק גוט אויפגענומען און צו אים געזאָגט, אַז ער וועט אים דערלויבן צו האַלטן די דרשה אין שול שבת נאָכמיטאָג אָבער בתנאי, אַז ער זאָל נישט מוסרן די יידן. ער זאָל נישט זאָגן זיי קיין שום שטראָף־רייד. שבת נאָכמיטאָג האָט דער מגיד טאַקע געהאַלטן די דרשה, אָבער אַזוי ווי ער האָט געהאַט נאָר איין צוגעגרייטע דרשה וואָס איז געווען פול מיט מוסר און שטראָף רייד, האָט ער נישט געוואוסט ווי אַזוי זי צו ענדערן און האָט געזאָגט די דרשה אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען.

**משה:** טאָ וואָס איז געשען?

**ר׳ שלמה:** טאָ הער מיך אויס. שבת פאַרן נאַכט, דער רב קומט אַריין אין שול צו דאַוונען מנחה, הערט ער ווי דער מגיד שטראָפט די יידן, אַז זיי זיינען זינדיק, זיי האַנדלען נישט ערלעך, היטן נישט אָפּ שבת און נאָך אַזעלכע זאַכן. איז ר׳ לוי יצחק גלייך צוגעלאָפן צום באַלעמער און געהייסן דעם מגיד מער נישט רעדן און זיך דערנאָך אַוועקגעשטעלט ביים באַלעמער און געזאָגט: „רבונו של עולם, דו ביסט דאָך אַ יודע מחשבות, וויסטו דאָך, אַז דער מגיד האָט נישט געטאָרט שטראָפן די יידן. ער האָט זיי נישט געדאַרפט זאָגן קיין מוסר, ווייל זיי זיינען נישט זינדיק. וואָרום זאָגן מוסר דאַרף מען גאָר דיר, רבונו של עולם, דו פירסט זיך נישט גוט אויף מיט דיינע יידן! דו האָסט אונדז אויסגעקליבן פאַר דיין פאָלק — און דו האַלסט אונדז אין גלות. דו האָסט געזאָגט, אַז מיר זיינען דאָס בעסטע פאָלק פון אַלע פעלקער און מיר ליידן מער פון אַלע, ווי אַ שטיגער מיר וואָלטן געווען דאָס ערגסטע פאָלק פון אַלע פעלקער. נו, רבונו של עולם, וועמען דאַרף מען זאָגן מוסר די יידן אָדער דיר? דעריבער קוק נישט אויף די רייד פון מגיד, ווייל ער האָט עס נישט געמיינט. אָמן, כן יהי רצון.

**משה:** כ'האָב געוואָלט זען ר' לוי יצחקן.

**ר' שלמה:** ער איז אין מעזעריטש, אָבער ער דאַרף שוין באַלד קומען צוריק. מען זאָגט אַז נאָך היינט ביינאַכט, די נאַכט פון הושענא רבא, נאָר ווער ווייסט. אָבער אָט זע איך דאָרטן פון ווייטן זיין שווער, ר' ישראל פּרץ. איך וועל צולויפן אים פרעגן. נו, אַ גוטן טאָג, משה.

**משה:** אַ גוטן טאָג, ר' שלמה, אַ גוטן טאָג!

(ביידע אָפּ).

# ערשטער אַקט

## צווייטע סצענע

אַ גרויסע בית דין שטוב. אין מיטן אַ לאַנגער טיש און אַרום אים צוויי לאַנגע בענק פון ביידע זייטן. אויבן אָן, צו רעכטס אַ שטול מיט אַ הויכן געזימס. אין הינטערגרונד — אַן אָרון קודש און שענק מיט ספרים. רעכטס אַן אַריינגאַנג צו אַנדערע צימערן. הויפּט אַריינגאַנג — לינקס. נעבן אַריינגאַנג עטלעכע שטולן.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זיצן ר׳ ישראל פּרץ, מלכה, פּערל און שמשי פאַרטיפט אין אַ שמועס.

**מלכה:** הער מיך אויס, פּערעלע, ווען אונדז האָסטו זיך נישט וואָס צו זאָרגן. זייט מיר האָבן זיך געצויגן קיין זלאָטשעוו, גייט אונדז דאָרטן, גאָט זיין דאַנק, נישט שלעכט. פאַרן יונגן פירשט האָבן מיר קיין מורא נישט. ער קאָן אונדז דאָרטן גאָרנישט טאָן. ווייטער איז אַזוי: מיט דעם ביסל פאַרמעגן וואָס מיר האָבן אַרויסגעראַטעוועט פון ליובאַרטאוו האָבן מיר זיך געקויפט אַ הויז, וואו מיר וואוינען און מיין ישראל האָט איצט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט בשמים און מיר ווען מיט השם יתברכס הילף האָבן פּרנסה. פון די אַנדערע קינדער האָבן מיר אויך נחת. בלויז פון דיר פּערל האָבן מיר נישט קיין מנוחה. פריער איז געווען דער יונגער פירשט. דערנאָך האָט דיין מאַן נישט געקאָנט קריגן קיין רבנות שטעלע און איצט אַז ער האָט שוין אַ רבנות שטעלע, איז ווידער צרות.

**פּערל:** וואָס פאַר אַ צרות, מאַמע? וואָס מיינסטו?

**מלכה:** וואָס באַהאַלסטו, פּערל, מיר ווייסן אַלץ, מיר ווייסן אַז מיט דיין מאַנס רבנות שטעלע האַלט נישט גוט. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מען וויל אים אָפּזאָגן פון רבנות.

**שמשי:** אָפּזאָגן? ווער האָט עס געזאָגט? און אַז אַ פאָר גראָבע יונגען טומלען זיך איז וואָס? גייט שוין די וועלט אונטער?! ווייסט איר שוויגער אַז עס איז אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ נאָך אַ ר׳ לוי יצחק?

**ר׳ ישראל פּרץ:** דאָס ווייסן מיר גאַנץ גוט, שמשי. דאָס דאַרפט איר אונדז נישט זאָגן, אָבער וואָס טויג צו באַהאַלטן דעם אמת?! איר האָט געדאַרפט צו זיין היינט אין שול און הערן וואָס פאַר אַ טומל די

קצבים־יונגען האָבען דאָרטן געמאַכט, דערפאַר וואָס דער רב איז נאָך נישטאָ צוריק. יאָסל קצב האָט זיך צושריען: „וואו איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַ רב זאָל נישט זיין אין שול די גאַנצע ימים נוראים און אַפילו איצט אין דער באַכט פון הושענא רבא זאָל ער נאָך אַלץ נישט האָבן געקומען צוריק? עס איז נאָך אַזוינס אין ריטשוואָל נישט גע־ווען״!

**שמשי:** (רואיק) כ'וויס דערפון, אָבער פאַרוואָס דערציילט איר נישט, ר' ישראל, אַז ר' פנחס שו״ב, דער ראש הקהל, האָט אויף יאָסלען אָנגעשריען. ווייסט איר אַז ר' פנחס האַלט זייער שטאַרק פון ר' לוי יצחקן?

**ר' ישראל פּריך:** אמת, ער האָט טאַקע אויף אים אָנגעשריען, אָבער ווען יאָסל האָט אים געפרעגט, ווען דער רב קומט, האָט ר' פנחס אים נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. נו, טאַקע אַזוי. וואָס האָט ער אים גע־קאָנט זאָגן?

**שמשי:** האָט איר דאָך געקאָנט זאָגן, אַז דער רב וועט קומען נאָך היינט ביינאַכט.

**ר' ישראל פּריך:** נו, מאַלט איך, שמשי, אַז כ'האָב עס געזאָגט, אָבער זיי גלויבן נישט מער. מ'האָט זיי שוין אַזוי פיל מאָל געזאָגט, אַז אָט־אָט־אָט קומט ער צופאָרן, אַז זיי גלויבן שוין נישט מער.

**מלכה:** כ'פאַרשטיי נישט, וואָס האָט איר אַזוי מורא פאַר יאָסלען? יאָסל האָט געשריען, נו האָט ער געשריען. ער איז נאָך אַלעם נישט מער ווי איין מענטש, איין יאָסל.

**פּערל:** איין מענטש זאָגסטו מאַמע? איין יאָסל, ער איז נישט אַליין. דאָס זיינען אַלע קצבים־יונגען און אויך אַלע בעלי עגלות. דער רב חברט זיך דאָך מיט זיי און האַלט זיי אין איין זאָגן, אַז זיי זיינען וואוילע יידן. דערפאַר האָבן זיי אַזאַ חוצפה צו רעדן קעגן רב.

**ר' ישראל פּריך:** יעדער רב האָט אַ צד אין שטאָט וואָס איז פאַר אים, און אַ צד וואָס איז קעגן אים.

**פּערל:** דאָס קאָן זיין אמת, אָבער לוי יצחק האָט איצט קעגן זיך כמעט די גאַנצע שטאָט און שולדיק אין דעם איז נישט קיין אַנדערער ווי ער אַליין.

**מלכה:** אַזאַ יאָר אויף מיר ווי פּערל איז גערעכט!

**ר' ישראל פּריך:** (פאַרוואונדערט) פאַרוואָס איז זי דאָס אַזוי גע־רעכט, מלכה?

**פּערל:** ווייל די צרה מיט מיין מאַן איז דאָס וואָס ער פירט זיך נישט אויף ווי אַ רב. ער ווייזט נישט אַרויס גענוג שטאָלץ צו קיינעם.

מיט יעדן איינעם איז ער אַ גוטער ברודער און דאָס מאַכט קאַליע! דער־פאַר האָבן זיי נישט קיין דרך ארץ פאַר אים!

שמשי: כ'ווייס נישט וואָס איר ווילט פון אים האָבן! וואָס ווילט איר זאָל ער טאָן? ער זאָל בלאָזן פון זיך? און אַז מען קאָן שוין לערנען איז וואָס? דאַרף מען טומלען מיט זיך? און אַז מען פירט זיך ווי אַ פרומער ייד דאַרף זיך פירן, דאַרף מען דערפאַר טרייבן פון זיך מענטשן?

ר' ישראל פריץ: ריכטיק. איר קענט דאָך מיך אַלע. ביי מיר איז דאָך געווען אַ הויז וואו עס איז געווען תורה וגדולה במקום אחד. נו, האָב איך ווען עס איז געבלאָזן פון זיך?

פערל: דו ביסט עפּעס אַנדערש, טאַטע. קודם כל ביסטו דאָך נישט געווען קיין רב. אַ רב איז גאָר אַן אַנדערע זאַך. אַ רב דאַרף פירן שטאָט. אַ חוץ דעם, געדענק איך גאַנץ גוט, אַז דו האָסט טאַקע נישט אַלעמען צוגעלאָזן צו זיך. דו האָסט געוואוסט וואו איין און וואו אויס, אַזוי אַז מען זאָל האָבן פאַר דיר אַפּשיי, אָבער מיינער חברט זיך דאָך מיטן סאַמען פּראָסטן נאַראָד.

מלכה: פערל איז גערעכט! דער רב פירט אַליין איבער זיין מערכה. ער לאָזט זיך אַראָפּ צופיל צום פּראָסטן פאָלק. כ'פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז מען דאַרף נישט זיין קיין בעל גאוה. דאָס נישט. אָבער צופיל זיך אָפּ־געבן מיטן פּראָסטן עולם, דאָס טויג נישט. אַ רב דאַרף אָפּהיטן זיין חשיבות און נישט צולאָזן צו זיך יעדן איינעם.

שמשי: ר' לוי יצחק איז אַ גרויסער אוהב ישראל. ס'זהות גייט אים ממש אויס פאַר אַ יידן. ער האָט ליב יידן אהבת נפש! אָט אַזוי איז ער! מען קאָן אים נישט איבערמאַכן! און מען טאָר אויך אים נישט וועלן איבערמאַכן.

מלכה: איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס עס מיינט אהבת ישראל, אָבער יעדע זאַך האָט דאָך אַ גרעניץ. ביי מיין איידעם גייט עס שוין אַריבער אַלע גרעניצן, ער איז פשוט מבזה די תורה.

ר' ישראל פריץ: (אויפגעצייטערט) מבזה די תורה?! וואָס רעדסטו מלכה, פאַר אַ נאַרישקייטן? פאַרקערט, ער הויבט דעם כבוד פון דער תורה. ער ווייזט אַלעמען ווי אַזוי מען דאַרף נישט זיין קיין בעל גאוה.

מלכה: דו ישראל, האָסט מיר אַמאָל געזאָגט אַז די גמרא זאָגט אַז אַ תלמיד חכם דאַרף צו האָבן אַ „שמינית שבשמינית" פון גאוה. אַן אַכטל פון אַן אַכטל, דאָס הייסט, כאָטש עפּעס. אונדזער איידעם האָט אָבער גאָר־נישט! לגמרי גאָרנישט! און ווייסט איר, אַז אַ תלמיד חכם איז פּונקט אַזוי ווי אַ ספר תורה. נו, מעג מען נעמען אַ ספר תורה און לייגן עס אין דער בלאָטע?

ר' ישראל פריץ: ווי דו רעדסט דאָס היינט מלכה? ווען לוי יצחק

זאָל עס הערן, וואָלט ער געשריען געוואַלד. ווי אַזוי קאָנסטו גאָר פאַר־גלייכן יידן צו בלאָטע? אַפילו פּראָסטע יידן זיינען אויך פול מיט מצוות און מעשים טובים. יידן, פּראָסטע יידן, פשוטע יידן דאַוונען יעדן טאָג, זאָגן תהילים און מאַכן יעדן טאָג הונדערט ברכות. איך בין נישט מסכים אין גאַנצן מיט לוי יצחקן, אָבער אַזוי צו רעדן איז דאָך שרעקלעך. שימו שמים!

**פּערל:** טאַטע, די מאַמע איז גערעכט און נאָך ווי גערעכט. וואַרט אונטער וועל איך דיר דערציילן עפּעס פון מיין מאַן, וועסטו שטוינען. אַגומלט אין דערפרי, איך שטיי אויף פון בעט און זע אַז לוי יצחק איז נישטאָ. זוך איך אים אַרום. ערשט איך געפין אים אין דרויסן שטיין און האַקן האָלץ. וואַרט איך שוין צו, צו זען וואָס ער וועט טאָן מיטן האָלץ. ערשט ער מאַכט דערפון אַ פּעקל און לייגט עס אַוועק אויפן פּלייצע און גייט עס אַוועקטראָגן צו אַן אָרימאַן. האָב איך גענומען שרייען אויף אים און אים נישט געלאָזט דאָס טאָן. נו פרעג איך אייך, דאַרף אַ רב טראָגן האָלץ אויף דער פּלייצע צו עפּעס אַ פּראָסטן יידן? איז עס שיין? פּאַסט עס פאַר אים?

**מלכה:** פאַר דער קורצער צייט וואָס איך בין דאָ, קאָן איך אייך דערציילן נאָך אַ שענערע זאַך. אָבער איידער איך גיי אייך דערציילן די מעשה, וויל איך אייך עפּעס וויזן (נעמט אַרויס אַ צעריסענע קורטקע פון הינטער דער טיר) איר זעט אָט די צעריסענע קורטקע! דאָס איז אַ מלבוש פאַר אַ בעל עגלה. אָבער ווי וואָלט אייך געפעלן אַז דער רב פון ריטשוואָל, זאָל גיין אין דעם מלבוש אין שול אַריין דאַוונען? איצט הערט אַ מעשה. יענע וואָך זע איך איינמאָל איינדערפרי אַז דער רב גרייט זיך אין שול אַריין, אָבער אַנשטאָט אַנצוטאָן דעם שיינעם טוליפּ וואָס קהל האָט אים געגעבן, נעמט ער און טוט זיך אָן גאָר אָט די צעריסענע קורטקע. פרעג אים אים: „לוי יצחק, וואו איז דער טוליפּ?“ זאָגט ער צו מיר: „יאַנ־קעל בעל עגלה איז דאָ געווען און זיך באַקלאָגט, אַז עס איז אים קאַלט אין דער צעריסענע קורטקע און אַז ער האָט נישט קיין געלט צו מאַכן זיך אַן אַנדער מלבוש, האָב איך זיך געטראַכט, איך פאַר דאָך נישט אַרום אויף די וועגן און ער יאָ. זאָל ער בעסער האָבן דעם טוליפּ. עס איז מיר געווען פשוט אַ רחמנות אויף אים און איך האָב עס אים אָפּגעגעבן; כ'לעבן ער דאַרף צו האָבן דעם טוליפּ גיכער ווי איך!“ ווער איך שוין אין כעס און זאָג צו אים: „לוי יצחק, אַ רב גייט נישט דאַוונען אין שול אַריין אין אַ צעריסענע קורטקע! עס פּאַסט נישט! און אַ חוץ דעם, קהל האָט אייך געגעבן אַ טוליפּ, האָט איר עס נישט געטאָרט אַוועקגעבן. קהל האָט דאָך אייך געגעבן דעם טוליפּ און נישט דעם בעל עגלה!“ קורץ איך בין גלייך אַוועק צו יאַנקל בעל עגלה און ביי אים צוריקגענומען דעם

טוליפּ. דאָס שענסטע דערביי איז אָבער דאָס, וואָס יאַנקל האָט אַ גוטע בורקע און ער האָט אַפילו נישט געוואָלט צוריקנעמען די צעריסענע קורטקע.

**ר׳ ישׂראל פּריץ:** אויב אַזוי, מלכה, פאַרוואָס זיינען גראָד די גראָבע יונגען דאָ אין שטאָט אַזוי קעגן אים? ער איז דאָך צו זיי אַזוי גוט, האָבן זיי דאָך געדאַרפט צו האַלטן פון אים שטאַל און אייזן? פאַרוואָס בורטשען זיי גראָד קעגן אים מער ווי אַלע?

**שמשי:** איך וועל אייך זאָגן. עס איז צוליב צוויי זאַכן. ערשטנס, איז עס טאַקע צוליב דעם, וואָס ער איז צו גוט צו זיי. דערפאַר וואָס ער איז מיט זיי צופיל חבר. זיי האָבן צוליב דעם אַנגעוואוירן דעם דרך ארץ פאַר אים. איר ווייסט דאָך, פּראָסטע מענטשן זיינען אַזוי ווי קליינע קינדער. שפּיל זיך אַביסל מיט זיי, גיב זיך מיט זיי אַביסל אָפּ און זיי וועלן דיר באַלד קריכן אויפן קאָפּ; צווייטנס איז עס צוליב... צוליב... אָבער לאָמיך בעסער נישט רעדן וועגן דעם.

**ר׳ ישׂראל פּריץ:** רעדט! רעדט! שמשי, פאַרוואָס זאָגט איר נישט וואָס איר ווייסט?

**שמשי:** עס איז בעסער צו שווייגן.

**מלכה:** (נערוועז) איר טאָרט נישט שווייגן! וואָס איז די חכמה פון פאַרשווייגן זאַכן? מיר זיינען דאָך אייגענע מענטשן! לאָמיר וויסן, וואָס עס קומט פאָר!

**שמשי:** עס האָט עמיצער אַ האַנט אין דער זאַך.

**ר׳ ישׂראל פּריץ:** (פאַרוואונדערט) אַ האַנט אין דער זאַך? ווער, למשל?

**שמשי:** איך וויל בעסער נישט רעדן.

**ר׳ ישׂראל פּריץ:** איר מוזט רעדן, שמשי, איר מוזט!

**שמשי:** (אונגערן) נו, איר ווייסט דאָך... דער יונגער פּירשט.

**ר׳ ישׂראל פּריץ:** (דערשראָקן) ער? ער איז דען דאָ הי?

**שמשי:** ר׳איז געווען! כ׳האָב אַפילו געהערט, אַז ער האָט געטיילט געלטער צו די קצבים יונגען און בעלי עגלות אַז זיי זאָלן אַרויסטרעטן קעגן רב.

**ר׳ ישׂראל פּריץ:** (כאַפּט זיך) אָט דאָס איז די מעשה! (צו פּערלען) ווען וועט ווערן צוויי יאָר?

**פּערל:** (אונווילקיק) ס׳איז שוין געוואָרן.

**ר׳ ישׂראל פּריץ:** (שטיל) אַזוי? (טאָן־ענדערנדיק) און וואָס איז מיט די צוויי טויזנט דוקאַטן, וואָס לוי יצחק האָט געזאַמלט?

**פּערל:** כ׳האָב זיי.

**ר׳ ישׂראל פּריץ:** האָסט זיי אים נישט אָוועקגעגעבן?

**פּערל:** (אומוויליק) ניין.

**ר׳ ישראל פּריך:** פאַרוואָס? האָסטו אים געזען לעצטנס?

**פּערל:** (אָראָפּהייענגדיק דעם קאָפּ) יאָ!

**ר׳ ישראל פּריך:** און פאַרוואָס האָסטו אים נישט געגעבן דאָס געלט?

**פּערל:** ער האָט עס נישט געוואָלט נעמען.

**ר׳ ישראל פּריך:** (אונרואיק) נישט געוואָלט נעמען! פאַרוואָס?

**פּערל:** ער וויל אָדער די גאַנצע צען טויזנט דוקאַטן מיט אַמאָל, אָדער...

**מלכה:** (בייז) אַז נישט דערלעבן וועט ער עס!

**פּערל:** כ׳האָב אָבער מורא פאַר אים!...

**ר׳ ישראל פּריך:** דו האָסט נישט, דאָ אין ריטשוואָל, וואָס מורא צו האָבן פאַר אים. די סאַנגושקאָס האָבן דאָ קיין שליטה נישט.

**פּערל:** כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר אים. כ׳האָב מורא פאַר זיך אַליין.

**ר׳ ישראל פּריך:** (דערשראָקן און מיט כעס) פּערל! וואָס פאַר אַ רייד זיינען דאָס. האָסט פאַרגעסן, אַז דו ביסט די רביצין פון ריטשוואָל! דאָס ווייב פון ר׳ לוי יצחקן!

**פּערל:** (צעוויינט זיך) טאַטע! טאַטע! (כליפּעט אין דער שטיל, אָפּ).

**מלכה:** כ׳גיי זען וואָס דאָס קינד מאַכט (אָפּ).

**ר׳ פּנחס שו״ב:** (קומט אַריין מיט אַ שטורם) דער רב איז נאָך אַלץ נישטאָ! איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן פון די גראָבע יונגען! זיי רייסן דאָך שטיקער פון מיר! יעדע מינוט קומט צו מיר צו אַן אַנ־דערער און פרעגט מיך: „וואו איז דער רב? ווען וועט ער שוין קו־מען?"

**ר׳ ישראל פּריך:** און אַז ער וועט קומען נאָך יום טוב איז וואָס? פאַרוואָס גייט עס זיי אַזוי אין לעבן?

**ר׳ פּנחס שו״ב:** זאָל גאָט אָפּהיטן! עס וועט ווערן אַן אמת פייער! זיי זאָגן אַז אַפילו ווען ער וועט קומען איצט ווילן זיי שוין אים אויך נישט מער פאַר אַ רב. זיי ווילן אים אַרויסטרייבן מיט שטעקנס.

**שמשי:** (בייזלעך) ר׳ לוי יצחקן טרייבט מען נישט מיט קיין שטעקנס! זאָלן זיי קומען צו אים בעסער לערנען צו פאַרשטיין גאָטס תורה! זאָלן זיי פריער וויסן, ווער ר׳ לוי יצחק איז!

**ר׳ פּנחס שו״ב:** דאָס איז דאָך די צרה, וואָס זיי זיינען גראָבע יונגען. וואָס זיי וויסן נישט! ווי זאָגט איר, שמשי, זיי פאַרשטייען דען דעם רב? זיי וויסן דען ווער ר׳ לוי יצחק איז! אָבער נישקשה, איך

וועל זיי האַלטן אין צוים. אָבער איז עס אמת, אַז דער רב קומט נאָך היינט ביינאַכט?

**ר׳ ישראל פּרץ:** יאָ, ער וועט באַלד קומען. איך בין זיכער אין דעם.

**ר׳ פּנחס שו״ב:** נו, גוט. איך מוז צוריק לויפן אין שול אַריין. אָבער ווי נאָר דער רב וועט קומען, לאָזט עס מיר באַלד וויסן. (אָפּ).

**מלכה:** נו, איצט האָט איר עס געהערט פון ר׳ פּנחסן אַליין. איך האָב עס פריער נישט געוואָלט זאָגן, ווייל פּערל האָט געהערט. כ׳בין געווען אין דער ווייבער שול האָב איך געהערט אַז די גראָבע יונגען זיינען געקומען אין שול אַריין גרייט אויף אַ געשלעג. די קצבים־יונגען זיינען געקומען מיט שטעקנס און די בעלי עגלות מיט בייטשן. (טאָן־ענדערנדיק) מען מוז זאָגן לוי יצחקן, אַז ער זאָל ווערן אַנדערש! ער מוז זיך בייטן, אַז נישט טויג נישט!

**ר׳ ישראל פּרץ:** דו ביסט גערעכט, מלכה, אָבער ווער זאָל עס זאָגן? אפשר שמשי?

**שמשי:** ניין. איך קאָן עס אים נישט זאָגן. איך האָב ליב דעם רב אהבת נפש, און עס קאָסט מיר צופיל געזונט ווען איך זע ווי די גראָבע יונגען רעדן אים אַנטקעגן, ווי זיי מאַכן פון אים חוזק! דאָס האַרץ פּלאַצט אין מיר! אָבער איך קאָן דאָך עס אים נישט זאָגן.

**פּערל:** (קומט צוריק אַריין מיט אויסגעוויינטע אויגן).

**מלכה:** פּערל מען האָט דאָ גערעדט דערפון אַז עמיצער דאַרף זאָגן לוי יצחקן, אַז ער מוז ווערן אַנדערש, אפשר וועסטו עס אים זאָגן?

**פּערל:** (ציטערנדיק) איך קאָן דאָס אים נישט זאָגן. ער וועט זיך צו מיר נישט צוהערן. (צום פאָטער) טאַטע, דו וועסט דאָס אים זאָגן!

**ר׳ ישראל פּרץ:** וואָס ווילסטו פון מיר? איך זאָל זאָגן מוסר לוי יצחקן?

**שמשי:** ס׳איז נישט קיין מוסר! מען דאַרף אים פּשוט זאָגן דעם אמת, ווער די גראָבע יונגען זיינען און אַז ער זאָל אויפהערן צו חברן זיך מיט זיי. ער זאָל זיך פון זיי אָפּטרייסלען.

**ר׳ ישראל פּרץ:** דאָס קאָן איך אים זאָגן, אָבער איך בין נישט זיכער, צי ער וועט מיך פאָלגן. ער האָט דאָך זיין דרך!

**ר׳ לוי יצחק:** (קומט אַריין מיט אַ זאַק אויף דער פּלייצע פול מיט פרייד זינגענדיג „ברוך אלוקינו שבראנו לכבודו״).

**שמשי:** (שטעלט זיך אויף) דער רב איז דאָ! דער רב איז גע־קומען! שלום עליכם רבי! (דערלאַנגט אים די האַנט).

**ר׳ ישראל פּרץ, מלכה און פּערל:** (שטעלן זיך אויף פון זייערע פּלעצער).

**פּערל:** גוט וואָס דו ביסט שוין געקומען, מיין מאַן. דו ביסט אוודאי הונגעריק. מען דאַרף דיר ברענגען עפּעס עסן. (אָפּ).

**ר' ישראל פּריץ:** שלום עליכם ר' לוי יצחק (דערלאַנגט אים די האַנט).

**ר' לוי יצחק:** שלום עליכם, שווער, וואָס הערט זיך?

**ר' ישראל פּריץ:** (נעמט זיך אַן מיט מוט) לוי יצחק, קהל קוקט שוין אויס אויף דיר, ווי מיט ליכט. ר' פּנחס, דער ראש הקהל האַלט זיך אין איין נאָכפרעגן אויף דיר. ער איז ערשט דאָ געווען געוואָר ווערן ווען דו קומסט!

**ר' לוי יצחק:** גלויבט מיר, שווער, אַז עס איז מיר אַפילו איצט נישט גרינג געווען אָפּצורייסן זיך פון מגיד הקדוש און צו פאָרן אַהיים, וואָרום דאָרטן זעט מען באַשיינפּערליך ווי עס רוט די שכינה, אָבער כ'האָב דאָך געמוזט אַהיים פאָרן צו ווייב און קינד, און טאַקע צו קהל אויך, צו אונדזערע טייערע יידן.

**ר' ישראל פּריץ:** מען האָט תרעומות אויף דיר, לוי יצחק, פאַר־וואָס דו האָסט איבערגעלאָזט די גאַנצע עדה יידן אַליין איבער אַלע ימים נוראים.

**ר' לוי יצחק:** דערפאַר בין איך טאַקע געלאָפן אַהיים צו זיין כאָטש מיט זיי דעם לעצטן טאָג הושענא רבה, ווען מען גיט אַרויס די גמר חתימה טובה.

**פּערל:** (קומט צוריק מיט ברויט און זאַלץ און מעסער לעפל און גאָפּל און אַ טישטיכל און גרייט צום טיש) איך האָב אָפּגעקאָכט גוטע פיש אויף יום טוב, כ'וועל דיר ברענגען אַ שטיקל, גיי וואַש זיך! (אָפּ).

**ר' ישראל פּריץ:** זיי האָבן געמיינט אַז דו וועסט קומען אויף יום כפּור. זיי בונטעווען זיך קעגן דיר.

**ר' לוי יצחק:** בונטעווען זיך? ווער דאָס?

**ר' ישראל פּריץ:** נו, דאָס פּראָסטע פאָלק, די קצבים און בעלי עגלות, די פּראָסטע חברה, מיט וועלכע דו גיסט זיך אַזוי פיל אָפּ!

**ר' לוי יצחק:** (שטורמיש) פּראָסטע חברה, שווער לעבן, רעדט נישט אַזוי! עס זיינען נישטאָ קיין פּראָסטע יידן. אַלע יידן זיינען גוטע יידן.

**ר' לוי יצחק:** און די קצבים יונגען און די בעלי עגלות זיינען אויך גוטע יידן?

**ר' לוי יצחק:** אַוודאי. וואָס ווילן זיי דען? — זיי ווילן אַז כ'זאָל זיין דאָ מיט זיי און לערנען מיט זיי די וועגן פון כביכול, ווי אַזוי אָפּצו־היטן יידישקייט. זיי ווילן דינען דעם רבונו של עולם בשלמות און אָפּ־

היטן אַלע זיינע געבאָטן; אויב אַזוי זיינען זיי דאָך טייערע יידן, אַ טייער פאָלק יידן!

**ר׳ ישראל פּריץ:** נו, אוודאי זיינען יידן אַ טייער פאָלק, אָבער עס איז דאָך דאָ אַ חילוק צווישן יידן און יידן.

**ר׳ לוי יצחק:** ניין, שוועֶר, עס איז נישטאָ קיין שום חילוק! עס איז דאָך אַ דבר ידוע אַז דער סאַמער עיקר פון דער וועלט זיינען יידן, ווייל אָן די יידן וואָלט די וועלט קיין וועלט נישט געווען. אָבער די יידן אַליין דאַרפן זיין חטיבה אחת, איין שטיק, זיי דאַרפן צו האָבן אַ שטאַרקע אהבה איינער צום אַנדערן, ממש אהבת נפש און דעמאָלט וועט דער שטן נישט קאָנען שולט זיין צווישן אונדז. אָבער אהבת ישראל מיינט, ליב צו האָבן אַלע יידן און נישט בלויז אַ טייל יידן, ווייל אויב אַזוי, איז עס שוין נישט אהבת ישראל, נאָר אהבת יחידי ישראל. מען דאַרף דעריבער ליב האָבן אַלע: די צדיקים און אויך די רשעים, ווייל יעדער ייד איז דאָך מקדש השם. יעדער ייד רופט אויס שוין דערמיט אַליין וואָס ער איז אַ ייד, אַז עס איז דאָ איין גאָט אויף דער וועלט. ווען אַ גוי זעט אַ יידן ווייס ער גלייך, אַז דער ייד דינט נישט צו קיין שום אַנדערע געטער, נאָר בלויז צו אונדזער פאָטער אין הימל, אַפילו ווען דער ייד איז נישט אַזוי פרום. נו, זעט איר דאָך שוין דערפון אַליין, אַז יעדער ייד איז גרויס!

**ר׳ ישראל פּריץ:** דו אודאי, אודאי. אָבער דאָס מיינט דאָך נישט אַז מען דאַרף זיך אַרומכאַפּן און טאַנצן מיט יעדן יידן?

**ר׳ לוי יצחק:** פאַרוואָס טאַקע נישט? דער זוהר זאָגט „אורייתא קודשא בריך הוא וישראל חד הוא“. די תורה, דער רבונו של עולם און די יידן זיינען איין זאַך. פאַרוואָס? ווייל עס איז געגליכן צו אַ לאָמפּ פון אייל. דער רבונו של עולם איז די קנויט וואָס ברענט. די תורה איז דער בוימעל און די יידן זיינען דאָס פייער, די ליכט וואָס באַלייכט די וועלט. כביכול איז די קנויט, ווייל ער האָט דאָך אַלץ געשאַפן, די תורה איז דער בוימעל, וואָס ברענט אייביק אָבער ישראל איז דאָס ליכט פון דער וועלט, ווייל ישראל איז דער עיקר און אָן ישראל וואָלט נישט געווען קיין תורה, וואָרום די גויים האָבן זי דאָך נישט געוואָלט נעמען און לאָמיך אייך זאָגן ווייטער אַז עס וואָלט אויך נישט געווען קיין רבונו של עולם אָן די יידן, ווייל ווער וואָלט דער אויסגערופן זיין נאָמען איבער דער וועלט? ווער וואָלט געוואוסט פון אים? דאָס ליכט אין דעריבער די יידן, דאָס הייסט, אַלע יידן. עס שטייט נישט געשריבן אַז נאָר די לומדים אָדער די גאָר פרומע זיינען יידן. עס שטייט: כל ישראל — אַלע יידן, אַלע ווי איינער.

**ר׳ ישראל פּריץ:** ווילסטו מיר זאָגן, לוי יצחק, אַז עס איז גאָר

נישטאָ קיין אונטערשיד למשל, צווישן דעם מגיד פון מעזעריטש און יאָסל קצב?

**ר' לוי יצחק:** נו, אַוודאי, אַוודאי. עס זיינען דאָ מדרגות.

**ר' לוי יצחק:** (מיט אַ נצחון טאָן) נו, זעסטו שוין אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד.

**ר' לוי יצק:** נו, געוויס איז דאָ אַן אונטערשייד. דערפאַר פאַר איך דאָך צום מגיד און נישט צו יאָסל קצב.

**ר' לוי יצחק:** אָט דאָס טענה איך דאָך מיט דיר, אַז עס איז דאָ אַן אונטערשייד, דעריבער טאָר מען זיך נישט אַראָפּלאָזן צום המון! (טאָן־ענדערנדיק) איך וועל דיך דעריבער בעטן, לוי יצחק, אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן אַז דו וועסט זיך אויפהערן חברן מיט אָט דער חברה, אַז דו וועסט זיי טרייבן פון דיר.

**ר' לוי יצחק:** (אויפגעציטערט) שווער לעבן, איר זאָלט אַזוי רעדן! וואָס הייסט איך זאָל אויפהערן צו חברן מיט יידן? און וואָס הייסט אַז איך זאָל טרייבן פון זיך יידן? ווי קאָן מען גאָר דאָס זאָגן? און אַז אַ ייד איז אַן אָרימאַן, טאָר איך אים דערפאַר נישט מקרב זיין? כ'פאַרשטיי נישט, וואָס וויל דער שווער פון מיר, אַז איך זאָל מקרב זיין נאָר רייכע? און אַז אַ ייד קאָן נישט לערנען קיין בלאַט גמרא, איז וואָס? נו, קאָן ער מעביר זיין די סדרה, קאָן ער זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, קאָן ער דאַווענען, היט ער אָפּ שבת. אַלע יידן זיינען יידן, אַלע גלייך. עס שטייט געשריבן, „בנים אתם למקום", איר זענט קינדער פון כביכול. אַלע זיינען זיינע קינדער, אַלע גלייך.

**ר' ישראל פּרין:** לוי יצחק, וויל מיך פאַרשטיין, אַ רב טאָר נישט זיין אַזוי היימיש מיט די פּראָסטע מענטשן. מי לנו גדול ממשה, ווער איז נאָך גרעסער ווי משה רבנו. פונדעסטוועגן שטייט ביי משהן געשריבן „וישם את אהלו מחוץ למחנה", ער האָט געשטעלט זיין געצעלט מחוץ פון דער מחנה. אַ רב קאָן אין דער מחנה נישט זיין. ער מוז זיין אַביסל אָפּגעזונדערט!

**ר' לוי יצחק:** (לויפט איבער דעם צימער מיט האַסטיקע באַוועגונגען) דער שווער פאַרשטייט נישט דעם גאַנצן עניין. משה רבנו האָט זיך חס ושלום קיינמאָל נישט אָפּגעזונדערט פון יידן. פאַרקערט, ער האָט געלעבט מיט די יידן, ער האָט געצויגן זיין גאַנצן חיות פון די יידן. אָבער דער פסוק מיינט אונדז דאָ צו זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש. משה רבנו איז געווען פיל גרעסער ווי אַלע יידן. ווי די גמרא זאָגט: „שקול משה כנגד ששים רבוא". משה רבנו איז געווען גרעסער ווי אַלע יידן וואָס זיינען אַרויס פון מצרים. דערפאַר זאָגט דער פסוק „וישם את אהלו" ער האָט געטאָן זיין געצעלט, זיין רוחניותדיקער געצעלט, „מחוץ למחנה",

אויסער דער מחנה, עס איז געווען איבער דער מחנה „והיה כל מבקש את ה׳״, ווער עס האָט געפאָרשט גאָט „ויצא אל משה מחוץ למחנה״, האָט זיך געמוזט אויפהויבן צו משהן, ער האָט געמוזט שטייגן צו אים.

**ר׳ ישראל פּרץ:** לוי יצחק, אַז דו ווילסט דיר אַזוי טייטשן דעם פּסוק איז געזונטערהייט. איך טייטש דעם פּסוק אַנדערש. איך טייטש איב פּשוט. (באַמערקט ווי מלכה ווינקט צו אים) אָבער צו וואָס טויגן מיר אַלע רייד? (טאָן ענדערנדיק) ר׳ פּנחס, דער ראש הקהל איז דאָ געווען און האָט אונדז געזאָגט, אַז די קצבים יונגען און די בעלי עגלות גרייטן זיך אַרויסצוטרייבן דיך מיט שטעקנס.

**ר׳ לוי יצחק:** (גייט אַרויף און אַראָפּ איבער דעם בית דין שטוב) ווייס איך וואָס? ר׳ פּנחס האָט געהאַט אַ טעות! (בלייבט שטיין פאַרטראַכט אַ וויַל) כ׳גיי אין שול אַריין.

**שמשי:** (ענערגיש) רבי, גייט נישט איצט אַהין! מען האָט זיי אויפגעהעצט קעגן אייך!

**ר׳ ישראל פּרץ:** לוי יצחק, שמשי איז גערעכט. און עס איז די זעלבע חברה פאַר וועלכע דו נעמסט זיך אַזוי אַלעמאָל אָן. (טאָן ענדערנדיק) איך וועל פון איצט אָן בפירוש אָנזאָגן אַז מען זאָל אָט די באָד יונגען אַהער מער נישט אַריינלאָזן.

**ר׳ לוי יצחק:** (אויפגעשטורמט) שווער, וואָס עפּעס נישט אַריינ־לאָזן צו מיר קיין יידן? אויב אַזוי וועל איך גיין צו זיי! איך וועל זיך אַריינציען אין פּאַליש און דאָרטן וואוינען...

**פּערל:** (צו לוי יצחקן) האָסט זיך נאָך נישט געוואַשן? פאַרוואָס? ווילסט נישט עסן?

**ר׳ לוי יצחק:** ניין פּערל. כ׳וויל איצט נישט עסן. כ׳בין נישט הונגעריק.

**פּערל:** מאירקע האָט דיך געהערט רעדן, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און וויל דיך זען. ער בעט מיך אַז כ׳זאָל אים אַריינפירן צום טאַטן. ער וויל אַז דער טאַטע זאָל זינגען מיט אים דאָס ליד „מאירקע מיין זון״.

**ר׳ לוי יצחק:** ברייגג אים אַריין! גאָר פאַרגעסן, וואָס מאַכט טאַקע מאירקע? וואָלסט אפשר בעסער געדאַרפט אים לאָזן שלאָפן. ס׳איז דאָך אַזוי שפּעט אין דער נאַכט.

**פּערל:** ער וויל דיך זען. ער איז סיי ווי וואַך.

**ר׳ לוי יצחק:** ברייגג אים אַריין.

**פּערל:** (אָפּ, קומט צוריק מיט מאירקען אויף דער האַנט).

**מאירקע:** טאַטע! טאַטע! זאָל דער טאַטע זינגען „מאירקע מיין זון״.

**ר׳ לוי יצחק:** קום אַהער מיין טייער קינד (נעמט אים אויפן שויס) ווילסט כ׳זאָל זינגען „מאירקע״?

**מאירקע:** יאָ, און טאַנצן אויך.

**ר׳ לוי יצחק:** (זינגט און טאַנצט מיט אים איבער דער בית דין שטוב).

מאירקע, מיין זון,

מאירקע, מיין זון, א. א. וו.

**ר׳ פנחס שו״ב:** (קומט אַריין, זעט ווי דער רב זינגט און טאַנצט מיט דיין קינד. מאַכט אַ קרומע מינע) שלום עליכם, רב!

**ר׳ לוי יצחק:** אַ, ר׳ פנחס. שלום עליכם. וואָס מאַכט איר?

**ר׳ פנחס שו״ב:** גאָט צו דאַנקען. כ׳האָב עפּעס געוואָלט רעדן אייך, רבי.

**ר׳ לוי יצחק:** גוט, מיר קאָנען שוין רעדן. (גיט דאָס קינד צו פּערלען).

**פּערל:** (מיטן קינד אָפּ).

**ר׳ פנחס שו״ב:** זאָל איך רעדן מיט אייך אָט דאָ אָדער אונטער פיר אויגן?

**ר׳ ישראל פּריץ:** מיר ווייסן וועגן וואָס איר ווילט רעדן, עס איז וועגן די גראָבע יונגען. איר קאָנט רעדן אָט דאָ פאַר אונדז אַלע. איך ווייס אַלצדינג און שמשי אויך.

**שמשי:** עס איז נישטאָ וואָס צו באַהאַלטן, ר׳ פנחס. מען דאַרף וועגן אַלעס רעדן אָפן.

**ר׳ פנחס שו״ב:** אויב אַזוי איז גוט. (צו ר׳ לוי יצחקן) רבי, איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אייערער אַ פריינט, וויל איך אַז איר זאָלט ווייסן, אַז מען האָט אויפגעהעצט דעם עולם קעגן אייך. זיי האָבן אויסגענוצט דאָס וואָס איר זענט דאָ נישט געווען די גאַנצע צייט פון די ימים נוראים, צו פירן אַ העצע קעגן אייך. (טאָן־ענדערנדיק) רבי, האָט איר טאַקע גע־מוזט פאָרן צום מגיד פון מעזעריטש און זיין דאָרטן אַזוי לאַנג? וואָס האָט איר דאָס געלערנט פון אים? אַז לערנען קענט איר דאָך בעסער פון אים. איר זענט אויך נישט ווייניקער פרום ווי ער. טאָ וואָס ציט אייך צו אים? וואָס לערנט איר אַזוינס ביי אים?

**ר׳ לוי יצחק:** כ׳לערן דאָרטן אהבת ישראל לערן איך און אהבת ישראל איז אַ גרויסע זאַך. עס דאַרף אַריינגיין אין בלוט. מען דאַרף עס געדענקען יעדע מינוט און אויף אהבת ישראל שטייט די וועלט.

**ר׳ פנחס שו״ב:** נו, איז גענוג אַז מען איז ביים מגיד עטלעכע וואָכן. מען דאַרף דאָך נישט זיין ביי אים חדשים לאַנג? איר, רבי, זענט

געפאָרן אַהין אויף שבת נחמו. נו, קומט מען צוריק אויף ראש השנה, כדי צו זיין מיט אייער קהלה אין די ימים נוראים.

**ר' לוי יצחק:** צו וואָס דאַרפט איר מיך צו האָבן די ימים נוראים? און צו וואָס דאַרפט איר בכלל אַ רב? איז דאָך נאָר כדי צו זיין אייער מדריך! נישט אַזוי?

**ר' פנחס שו"ב:** נו, אַוודאי, אַוודאי.

**ר' לוי יצחק:** אָבער אויף צו זיין אַ מדריך, איז נישט אַזאַ גרינגע זאַך. מען דאַרף זיך עס לערנען. פאַראַן צוויי וועגן ווי אַזוי צו זיין אַ מדריך פון אַ קהל. איין וועג איז צו זאָגן זיי שטראָף רייד, צו זידלען און טאַדלען זיי אַז זיי טוען שלעכטס. זאָגן זיי אַז זיי זינדיקן קעגן גאָט און קעגן לייט און ערשט צום סוף אָגן זיי זייערע מעלות. אָבער דער וואָס טוט דאָס גייט אויף אַ פאַלשן וועג, ווייל ער האַלט כסדר אין איין שטראָפן די יידן. ער רעדט שטענדיק שלעכטס אויף יידן, ער איז אַלע מאָל אַ קטיגור אויף יידן און אַפילו דאָס ביסל גוטס וואָס ער זאָגט זיי, האָט שוין אויך נישט קיין גרויסן ווערט. עס איז אָבער פאַראַן אַן אַנדערער וועג צו רעדן נאָר גוטס אויף יידן, צו לויבן זייערע מעשים און כסדר מלמד זכות צו זיין אויף זיי און ערשט צום סוף זאָגן זיי אַ ביסעלע מוסר וועגן זייערע חסרונות. דאָס איז שוין אַ בעסערער וועג. אָבער אויף צו קאָנען זיין אַזאַ מדריך דאַרף מען זיך לערנען און אָט דעריבער זיץ איך טאַקע ביים מגיד פון מעזעריטש חדשים לאַנג. איך לערן זיך ביי אים ווי אַזוי צו זיין אַן אמתער מדריך פון יידן.

**ר' ישראל פריץ:** (רוימט עפעס איין ר' פנחסן אין אויער, אַז דער רב זאָל נישט הערן).

**ר' פנחס שו"ב:** מיר האָבן אויך אַ טענה קעגן אייך פאַרוואָס איר חברט זיך אַזוי פיל מיטן פראָסטן פאָלק. איר גיט זיך אָפּ מיט זיי צו פיל און זיי האָבן דעריבער נישט קיין דרך ארץ פאַר אייך און טאַקע פאַר אונדז, ראשי הקהל, אויך נישט. פראָסטע מענטשן דאַרף מען האַלטן אין צוים.

**ר' לוי יצחק:** (אויפגעציטערט) אין צוים? האַלטן יידן אין צוים? וואָס רעדט איר ר' פנחס? וואָס טוט זיך מיט אייך? וואָס ווילט איר פון מיר, אַז איך זאָל נישט רעדן צו פראָסטע יידן? פאַרוואָס זאָל איך נישט רעדן צו זיי? בין איך נישט זייער רב, זייער מדריך? עס איז דאָך עפעס עם ישראל קדושים. יידן זיינען אַ הייליק פאָלק. אַלץ איז דאָך געשאַפן געוואָרן צוליב די יידן. ר' פנחס, רעדט נישט קיין שלעכטס אויף יידן! לאָזט עס איבער פאַר די גויים! זאָלן זיי רעדן שלעכטס אויף אונדז.

**פערל:** (קומט אַריין מיט צושראָקענע אויגן) לוי יצחק, מיר דוכט

זיך אַז מאַירקע האָט היץ. קום נאָר אַריין און גיב אַ קוק, קומט איר אויך אַריין, ר׳ פּנחס, איר זייט דאָך אַ שטיקל מבקר. קומט איר אויך טאַטע און מאַמע.

**ר׳ לוי יצחק, ר׳ פּנחס, ר׳ ישראל פריץ, מלכּה און פּערל:** (אָפּ) (אַ געפּילדער ביי דער אַריינגאַנגס טיר).

**שמשי:** (לויפט אַהין גיך) ווער איז דאָרטן?

**יאָסל קצב און חיים קישקע:** (קומען אַריין מיט אַ חוצפּהדיקן גאַנג).

**שמשי:** (בייז) וואָס ווילט איר?

**יאָסל קצב:** מיר ווילן זען דעם רב. וואו איז דער רב?

**שמשי:** נאָך וואָס דאַרפט איר דעם רב?

**יאָסל קצב:** נאָך וואָס מען דאַרף דעם רב? מען דאַרף דעם רב אַז ער זאָל זיין אין שול אין די הייליקע טעג, אַז נישט דאַרף מען אינ־גאַנצן קיין רב נישט.

**חיים קישקע:** מען צאָלט אים געלט און ער איז גאָר נישטאָ!

**שמשי:** גייט געזונטערהייט! טראָגט זיך שוין אָפּ פון דאַנען!

**יאָסל קצב:** און אַז נישט?

**חיים קישקע:** קוק נאָר אָן דעם יאָלד! ער וועט אונדז נישט לאָזן זען דעם רב!

**שמשי:** (בייז) אַרויס פון דאַנען, שקצים, אַז נישט ברעך איך אייך האַלדז און נאַקן! (ענערגיש) אַרויס! אַרויס האָב איך געזאָגט! (כאַפּט אַ שטעקן וואָס שטייט אין אַ זייט).

**חיים קישקע:** איר וועט אונדז נישט אָפּשרעקן! קוקט אַרויס דורכן פענצטער וועט איר זען, וואָס פאַר אַן עולם עס שטייט אין דרויסן, די גאַס איז דאָך שוואַרץ פון מענטשן.

**שמשי:** טאָ וואָס ווילט איר?

**יאָסל קצב:** מיר ווילן זאָגן דעם רב, אַז ער זאָל זיך איינפּאַקן די זאַכן און גיין פון דאַנען! ער איז נישט קיין רב!

**שמשי:** ער איז נישט קיין רב? פון וואַנען ווייסט איר דאָס? איר האָט אים פאַרהערט אין לערנען?

**יאָסל קצב:** כ׳מיין, ער איז נישט קיין אמתער רב.

**שמשי:** פאַרוואָס איז ער נישט קיין אמתער רב?

**יאָסל קצב:** אַ רב איז עפּעס אַנדערש! כ׳מיין עפּעס, פאַר אַ רב דאַרף מען מורא האָבן! אַז אַ רב גיט נאָר אַ קוק אויף אונדזערס איינעם דאַרף אים איינפאַלן די קישקעס. אָבער מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר אים! אַ רב איז אַ רב, אָבער ער איז נישט קיין רב.

**חיים קישקע:** אַ רב דאַרף געבן אַמאָל אַ געשריי אויך! אַז אַ

רב רעדט מיט עמיצן פון אונדזערע, דאַרף עס זיין ביי אים אַ גרויסע זכיה, אָבער אונדזער רב רעדט מיט אַלע! ער שרייט נישט איבער קיי־נעם און ער כאַפּט זיך דאָך אַרום מיט יעדן פּראָסטן יונג! ער איז נישט קיין רב! (פאַרקרימט זיך) אויך מיר אַ רב!

**יאָסל קצב:** מיר וועלן פריער נישט רוען ביז מען וועט אים אַרויסטרייבן פון אונדזער שטאָט! מיר וועלן נעמען דאָס מעבל און עס אַרויסוואַרפן אין גאַס.

**שמשי:** אויב איר וועט זיך צורירן צו עפּעס פון דעם הויז, וועל איך אייך צוברעכן די ביינער אַזוי אַז איר וועט מיך האָבן צו געדיי־קען.

**יאָסל קצב:** (צעלאַכט זיך) קוקט נאָר אָן מיין גבור!

**שמשי:** (לאָזט אים אַראָפּ אַ פייערדיק פּאַטש, וואָס קלינגט אָפּ הויך) מיר דוכט זיך אַז אַזאַ לשון וועסטו בעסער פאַרשטיין! מאַרש! גע־גאַנגען!

**יאָסל קצב:** (וויל זיך וואַרפן אויף אים).

**שמשי:** (דערלאַנגט אים מיטן שטעקן איבערן קאָפּ).

**חיים קישקע:** דו קהלשער פּרעסער דו! דו וועסט שלאָגן בעלי־הבתישע יידן! (פאַרקאַטשעט זיך די אַרבל און לאָזט זיך צו צו אים).

**שמשי:** (פאָכעט מיטן שטעקן) אַרויס פון דאַנען, יונגאַטשעס!

**חיים קישקע:** (לויפט צו צום פענצטער, לייגט אַריין צוויי פינ־גער אין מויל און גיט אַ פייף, שרייט) קומט אַלע אַרויף! מען שלאָגט אונדז!

(עס ווערט אַן אָנלויף פון מענער, פרויען און קינדער, וועלכע בלייבן שטיין ביי דער טיר אָבער מען הערט זייערע קולות): „מיר וועלן נישט לאָזן שלאָגן אונדזערע מענטשן!‟ „מיר ווילן נישט דעם רב‟! „זאָל ער אַוועק פון דאַנען‟!

**ר' פנחס שו"ב:** (קומט אַריין, קוקט זיך אַרום פאַרוואונדערט, רופט:) שמשי, וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס ווילן זיי, די שקצים, די יונגאַ־טשעס? וואָס פאַר אַ קולות הער איך דאָ?

**יאָסל קצב:** (גייט צו נענטער צו ר' פנחסן) מיר ווילן נישט דעם רב! מיר ווילן אַן אמתן רב!

**חיים קישקע:** (גייט אויך צו נענטער, קריגט מוט) מיר ווילן נישט קיין חסידישן רב! זיי זיינען שמדניקעס!

**ר' פנחס שו"ב:** (שרייט) ווי קומט איר גאָר צו מישן זיך אין קהלשע זאַכן! איך בין דער ראש הקהל פון ריטשוואָל. איך האָב צו זאָגן וועגן די זאַכן און נישט איר, גייט פון דאַנען!

**חיים קישקע:** (לייגט אַריין ווידער צוויי פינגער אין מויל אַריין

און דערלאַנגט אַ שאַרפן פייף. רופט) „קומט אַלע אַריין! (אַ רייסעניש און אַ שטופעניש ביי דער טיר. שמשי שליסט גיך צו די טיר. דער המון איין דרויסן שטויסט און שטופט די טיר און וויל זי אויפברעכן).

**יאָסל קצב:** מיר קאָנען זיך נישט מער פאַרלאָזן אויף אייך, גבירים. איר ווילט אונדז פאַרשאַכערן.

**חיים קישקע:** מיר ווילן זיך מער פון אייך נישט לאָזן פירן. איר וועט מער נישט זיין די רעדל־פירער!

(די טיר ברעכט אויף פון שטאַרקן דרוק און די מאַסע לאָזט זיך אַריין אויף אַ ווילדן אופן און ליאַרמט): „מיר ווילן נישט דעם רב״!

**ר׳ פנחס שו״ב:** שמשי, פאַרוואָס שוויגסטו? וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם! דערלאַנג זיי מיטן שטעקן איבער די קעפּ!

**שמשי:** (פאַכט מיטן שטעקן רעכטס און לינקס און שרייט) אַרויס! אַרויס פון דאַנען! קיינער זאָל נישט סמייען אָנצורירן דעם רב אָדער די רביצין.

**חיים קישקע:** (גייט צו צום פענצטער, רופט) הערט מענטשן, מיר וועלן אויסדרייען דעם דישל! לאָמיר אַלע גיין אין שול און זאָל נאָר דער רב פּרובירן קומען אַהין, וועט ער נישט זיין זיכער מיט זיין לעבן. קומט אַלע אין שול אַריין!

**יאָסל קצב:** (רופט אויס הויך) אַלע אין שול אַריין! דאָרטן וועט מען האָבן אַן אַסיפה. און זאָל נאָר דער רב פּרובירן קומען אַהין. נאָך היינט וועט מען אים אַרויסטרייבן פון דאַנען!

**חיים קישקע:** און די רביצין אויך! מיר ווילן נישט קיין רביצין וואָס איז אַ שמדניצע.

**ר׳ פנחס שו״ב:** (מיט כעס) שווייג! דו גראָבער יונג! אויב נישט וועל איך דיר אויסהאַקן אַלע ציין.

**יאָסל קצב** און **חיים קישקע** (אָפּ, און מיט זיי גייט אויך אַוועק דער אָנגעלאָפענער עולם).

**ר׳ לוי יצחק:** (קומט אַריין, צו ר׳ פנחסן) איר זענט נאָך דאָ?

**ר׳ פנחס שו״ב:** יאָ, כ׳האָב געוואַרט אויף אייך, רבי. כ׳האָב אייך געוואָלט זאָגן, אַז איך גיי אין שול אַריין צו זען, וואָס דאָרטן קומט פאָר. איך וויל האָבן אַז איר זאָלט היינט דאַווענען אין שול. איך וועל באַלד קומען צוריק נאָך אייך (אָפּ).

**ר׳ לוי יצחק:** (צו שמשין) נו, קום לאָמיר גיין אין מקוה אַריין, כדי זיך מכין צו זיין צום דאַווענען. (אָפּ מיט שמשין).

**פערל:** (קומט אַריין, קוקט אַרויס אין דרויסן און ציטערט אויף) ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. דער פּירשט! ער דרייט זיך הינטערן פענצטער, ער זאָל נאָר נישט איצט אַריינקומען.

(מען קלאַפּט אין טיר).

**פּערל:** (גייט צו מיט אַ ציטעריק האַרץ) ווער איז דאָרטן?

**יונגער פירשט:** (פון דרויסן) פּערעלע, עפן מיר די טיר! דאָס בין איך יאָזעף.

**פּערל:** (עפנט אַביסל דיר טיר) נישט איצט, מיינע עלטערן זיינען דאָ און מיין קינד איז קראַנק.

**יונגער פירשט:** (רייסט זיך אַריין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן) נאָר אויף אַ פּאָר מינוט, כדי צו זען וואָס עס מאַכט מיין טייבעלע, מיין טייער פּערעלע? איך גיי דאָך אויס פון בענקשאַפט נאָך דיר.

**פּערל:** (נערוועז) רעדט נישט אזוי, פירשט, צו מיר. איך בין אַ כשרע יידישע טאָכטער, אַ פאַרהייראַטע פרוי, אַ רביצין און דערצו אַ מוטער פון אַ קינד. טוט מיר אַ טובה און גייט אַוועק פון דאַנען.

**יונגער פירשט:** איך ווייס אַלץ פּערעלע, אָבער איך וויל פון גאָר־נישט וויסן! ליבע ווייס פון קיין שום גרעניצן נישט! וואָס מיר ווייב, ווען מיר ווייב, וואָס מיר מאַן, ווען מיר מאַן און וואָס מיר קינד, ווען מיר קינד! (שפּרייט אויס דיינע הענט די אָרומצונעמען)).

**פּערל:** (מיידט אויס דיינע הענט און רוקט זיך אָפּ פון אים).

**יונגער פירשט:** (ביידלעך) דו אַנטלויפסט אַלץ פון מיר! ווייסטו דען נישט אַז דו געהערסט איצט צו מיר?

**פּערל:** (ערנסט) איך געהערט בלויז צו מיין מאַן און צו מיין קינד.

**יונגער פירשט:** האָסטו פאַרגעסן אַז עס איז שוין אַריבער די צוויי יאָר און דו האָסט נישט באַצאָלט דיין חוב צו מיר. עס איז געווען צען טויזנט דוקאַטן אָדער דו!

**פּערל:** איך האָב דערויף ליגן צוויי טויזנט דוקאַטן, איך האָב דאָס געלט אייך שוין לאַנג געוואָלט געבן, אָבער איר ווילט עס נישט נעמען.

**יונגער פירשט:** ביין, און כ'וועל עס נישט נעמען. עס איז אָדער צען טויזנט דוקאַטן אָדער דו.

**פּערל:** איך?

**יונגער פירשט:** יאָ, אַזוי איז געווען דער אָפּמאַך.

**פּערל:** און אַז כ'האָב נישט די צען טויזנט דוקאַטן, וואָס וועט דער יונגער פירשט מיר טאָן?

**יונגער פירשט:** איך וועל דיך צונעמען פון דאַנען און דיך מאַכן פאַר דער קרוין פון מיין קאָפּ. דו וועסט זיין די פירשטין פון גאַנצן געגנט פון ליובאַרטאָוו! איך וועל דיך קליידן אין סאַמעט און אין זיידנס, אין זילבער און אין גאָלד! דו זאָלסט האָבן די שענסטע קליידער פון אַלע פירשטינס פון גאַנצן לאַנד און דיין צירונג זאָל לייכטן העלער און שטאַרקער פון דער צירונג פון אַלע שענסטע פרויען פון גאַנץ פּוילן!

אָבער דו אַליין וועסט זיין מיין גרעסטע צירונג! ווען דו וועסט עפענען דיין קליין מוילכל און מען וועט הערן דיינע קלוגע רייד, וועלן אַלע פאַרגאַפּט ווערן! און פון גאַנצן לאַנד וועלן קומען מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, נאָר בלויז צו זען דיך און צו באַוואונדערן דיין שיינהייט און אויך דיין קלוגהייט.

**פּערל:** (אונרואיק) איר טרייבט איבער, פירשט! מיין שיינהייט איז נישט אַזוי געוואַלדיק און מיין קלוגהייט איז נישט אַזוי גרויס!

**יונגער פירשט:** אָבער איך זע עס אַזוי! נישט אומזיסט דריי איך זיך אַרום דאָ אין דעם שטעטל שוין צוויי וואָכן און קום יעדע נאַכט היניטער דיין פענצטער.

**פּערל:** (בייזלעך) און איר טיילט געלטער צו די גראָבע יונגען אַז זיי זאָלן אַרויסטרייבן מיין מאַן פון שטאָט.

**יונגער פירשט:** פון וואַנען ווייסטו עס?

**פּערל:** מען האָט מיר דערציילט!... פאַרוואָס טוט איר עס?

**יונגער פירשט:** ווייל... כ'קאָן נישט צוזען ווי ער באַזיצט דיך. ווייל איך קאָן נישט פאַרטראָגן דעם געדאַנק אַז ער וואוינט מיט דיר, אַז ער שלאָפט מיט דיר! עס ברענט אין מיר ווי אַ העליש פייער!

**פּערל:** אָבער איר וועט דאָך עס נישט אויספירן. די גראָבע יונגען וועלן נישט זיין בכח אַרויסצוטרייבן מיין מאַן פון דאַנען. די שטאָט וויל אים האָבן!

**יונגער פירשט:** טאַקע? אַזוי מיינסטו? נו, וועסטו זען! זיי וועלן נאָך היינט אים אַרויסטרייבן פון דאַנען.

**פּערל:** נאָך היינט?

**יונגער פירשט:** נאָך היינט. זיי האָבן מיר עס הייליק צוגעזאָגט.

**פּערל:** איר מיינט אַז אַזוי אַרום וועט איר מיך געווינען פאַר זיך. ניין, גראָד אָט דאָס ווירקט אויף מיר פאַרקערט. עס מאַכט מיר צו זיין קעגן אייך.

**יונגער פירשט:** מיינסטו מיר צו זאָגן אַז דו וועסט נישט איבערגיין אויף מיין גלויבן?

**פּערל:** קיינמאָל נישט!

**יונגער פירשט:** קיינמאָל נישט?

**פּערל:** קיינמאָל נישט! אַפילו ווען מען זאָל שניידן שטיקער פון מיר.

**יונגער פירשט:** נו, אויב אַזוי וועל'ך קומען צו דיר, וועל איך איבערגיין צו דיין גלויבן.

**פּערל:** וואָס רעדט איר פאַראַ נאַרישקייטן? איר וועט ווערן אַ ייד?

**יונגער פירשט:** איך טראַכט ערנסט דערפון.

**פערל:** איך וויל בעטן דעם יונגן פירשט שוין אוועקצוגיין, ווייל מיין מאן קאן יעדע מינוט אנקומען.

**יונגער פירשט:** נו גוט, גיב מיר א קוש, וועל איך גיין פון דאַ־נען.

**פערל:** פירשט, איך בעט אייך, פארלאנגט דאס נישט פון מיר.

**יונגער פירשט:** טא וועל איך דיר געבן צוויי קושן (כאפט איר ארום און גיט איר צוויי שטארקע קושן אויףביידע באקן) **א גוטן טאג, פערעלע!** (אפ).

**פערל:** (בלייבט שטיין אין מיטן שטוב א פארצווייפלטע און רייבט זיך די באקן מיט א טיכל) **כ'פיל איצט ווי אפצורייסן שטיקער פון מיינע באקן, די וועלכע ער האט באריכט מיט זיין טרפה־פיסק.** (פארוואַרפט דעם קאפ אויפן טיש און וויינט).

**ר' לוי יצחק:** (קומט אן מיט שמשין און עס טריפן טראפן פון זיינע פאות און בארד, זעט פערל ליגן מיטן קאפ אויפן טיש און וויינט) **פערל, דו וויינסט?**

**פערל:** עס איז דאך היינט עפעס הושענא רבה, ווען מען גיט ארויס דאס לעצטע קוויטל.

**ר' לוי יצחק:** (פריילעך) **וויין נישט, מיין קינד. דער רבונו של עולם וועט אונדז אנשרייבן צום גוטן.**

**ר' ישראל פריץ:** (קומט אריין מיט א גרופע פון זיבן חסידים, פון חסידים קלויז. צו ר' לוי יצחקן) לוי יצחק, גיי נישט היינט אין שול אריין דאווענען. איך האב געבראכט אהער עטלעכע יונגעלייט פון חסידישן קלויז. עס האט עמיצער אויפגעהעצט דעם עולם קעגן דיר. לאמיר בעסער דא דאווענען.

**ר' לוי יצחק:** איך האב נישט קיין מורא פאר מיינע ליבע יידן. א ייד אפילו ווען ער איז אין כעס, איז ער אויך א גוטער ייד, ובפרט נאך ווען די היגע יידן מיינען דאך דאס אלץ צום גוטן.

**ר' ישראל פריץ:** לוי יצחק, פארוואס מיינען זיי עס צום גוטן?

**ר' לוי יצחק:** כ'פארשטיי, אז זיי ווילן מיך נישט פאר קיין רב. מן הסתם בין איך נישט ראוי נאך צו זיין א רב. (פארטראכט) **זיי ווילן מן הסתם האבן א רב, וואס זאל זיין אן אמתער ירא שמים.**

**ר' ישראל פריץ:** לוי יצחק, טראכט נישט אזוי, דו ביסט געווען ראוי צו זיין א רב אין ריטשוואל. דו ביסט נאך צו גוט פאר זיי, הלואי וואלטן זיי דיך פארשטאנען, אבער פאלג מיך און לאמיר בעסער דא דאווענען. כ'האב מיטגעבראכט אהער זיבן פון די חסידים פון קלויז און מיט אונדז דריי האבן מיר א מנין. עס איז שוין געווען ליכטיק און מען קאן זיך גלייך שטעלן דאווענען.

**ר׳ לוי יצחק:** אַז יידן זאָגן אַזוי, זאָל זיין אַזוי! (טוט אָן דעם קיטל און דערנאָך דעם טלית און תפילין און שטעלט זיך אַוועק פאַרן עמוד און הויבט אָן).

גוט מאָרגן דיר, רבונו של עולם,
איך לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו
בין געקומען צו דיר מיט אַ דין תורה
פון דיין פאָלק ישראל. רבונו של עולם,
וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
יתגדל ויתקדש שמיה רבה...

**ר׳ פנחס שו״ב:** (קומט אַריין, קוקט זיך אַרום פאַרוואונדערט) **פאַרוואָס דאַוונט דער רב עפּעס דאָ? איך האָב דאָך געוואָלט אַז דער רב זאָל גיין דאַוונען אין שול אַריין. איך וויל, אַז כאָטש דעם לעצטן טאָג פון די ימים נוראים, הײַנט הושענא רבה, ווען מען גיט אַרויס דעם גמר חתימה טובה, זאָל דער רב זיין אין שול צוזאַמען מיט אַלע יידן און זאָלן די גראָבע יונגען נישט האָבן וואָס צורעדן.**

**ר׳ ישראל פּרץ:** ר׳ פנחס, עס איז דאָך אָבער בפירוש אַ סכנה פאַרן רב צו גיין אין שול. איר ווייסט דאָך אַז עמיצער האָט אויפגעהעצט דעם עולם קעגן אים. איך קום ערשט פון דאָרטן און כ׳ווייס וואָס עס קומט פאָר.

**ר׳ פנחס שו״ב:** עס איז קיין שום סכנה נישט, ר׳ ישראל, אויף מיין אחריות! איך וועל גיין מיטן רב אין שול אַריין, און איך וויל זען צי עמיצער וועט אים טשעפּן. ווייסט איר גאָר וואָס, קומט לאָמיר אַלע גיין אין שול אַריין!

**ר׳ לוי יצחק:** אַוודאי אַזוי, פאַרוואָס עפּעס מורא האָבן אַז יידן וועלן טאָן שלעכטס? יידן טוען קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס נישט! (רופט) פערל!

**פערל:** (קומט אַריין) דו האָסט מיך גערופן?

**ר׳ לוי יצחק:** יאָ, פערל, איך גיי אין שול אַריין און דו בלייב דאָ מיטן קינד. עס האָט נאָך אַביסל היץ? נו, גאָט וועט צוהערן דיין געבעט אויך דאָ. (נעמט דעם לולב און אתרוג אין ביידע הענט און גייט מיט די אין שול אַריין אָנגעטאָן אין קיטל און אין טלית).

(ר׳ לוי יצחק, ר׳ ישראל פּרץ, ר׳ פנחס שו״ב און די חסידים אָפּ).

**פערל:** (נאָכדעם ווי אַלע גייען אַרויס עפנט אויף ביידע טירלעך פון אָרון קודש) רבונו של עולם, איך בעט דיך אַז דו זאָלסט נאָר מיך שטראָפן, מיך די זינדיקע און זאָלסט נישט אויסלאָזן דיין כעס צו מיין

מאַן און צו מיין קינד, מיין מאירקען! עויתי, פשעתי לנגדך, איך האָב געזינדיקט קעגן דיר! איך האָב זיך פאַר קיינמאָל נישט געטאָרט לאָזן קושן פון אים! און אפשר האָב איך נאָך בשעת מעשה אַ שפּור פון הנאה געהאַט אויך, בעט איך דיך, גאָט, אַז זאָלסט מאַכן אַזוי, אַז מיין פּנים זאָל אים נישט מער באַצויבערן און זאָלסט מיר געבן כח אַז ווען ער וועט זיך ווענדן צורירן צו מיר, זאָל איך אים קאָנען אָפּשטויסן פון זיך! גאָט, שטאַרק מיך אַז כ׳זאָל קאָנען אויסהאַלטן דעם נסיון, ווייל איך בין דאָך נאָר אַן אָרימע פרוי און דו האָסט דאָך מיך געמאַכט צו גלוסטן צו אַ מאַן, ווי אין פּסוק שטייט: „ואליו תשוקתך״, צו אים זאָל זיין דיין גלוסטונג! רבונו של עולם, פאַרגעס נישט אָן מיר און פאַרשטויס מיך נישט, דיין אָרימע דינסט־מויד און טו נישט אָפּ פון מיר דיין גרויסן חסד! איך בעט דיך נאָך אַ מאָל, אַז אויב איך האָב פאַרדינט אַ שטראָף, זאָל די שטראָף פאַלן בלויז אויף מיין קאָפּ און חלילה נישט אויף מיין מאַן און אויף מיין איינציק קינד, מיין טייער מאירקע, וואָס איז פּלוצים אַזוי קראַנק געוואָרן. העלף מיר, גאָט! (ווײנט שטאַרק) העלף מיר!

(פון דער גאַס דערטראָגן זיך פּלוצים קולות און געוואַלדן. מען הערט רופן: „מיר ווילן נישט דעם רבי! מיר ווילן אַן אמתן רבי!״).

**ערשטער חסיד:** (באַווייזט זיך אין טיר) רביצין, די קצבים יונגען אָנגעהעצט פון יאָסל קצב זיינען באַפאַלן דעם רבי.

**צווייטער חסיד:** (קומט אָן מיט אַן אימפּעט) די בעלי עגלות אויך!

**דריטער חסיד:** דער רב האָט געמוזט אַנטלויפן דורך אַ הינטער טיר פון שול!

**פערטער חסיד:** זיי יאָגן אים נאָך!

**פינפטער חסיד:** ער לויפט אַהיים!

**זעקסטער חסיד:** שמשי האָט מיטן שטעקן איבער די קעפּ כדי צו מאַכן פאַר אים אַ וועג!

**זיבעטער חסיד:** אָט איז ער דאָ! גיכער! לאָזט אים אַריין!

**ר׳ לוי יצחק:** (מיטן לולב אין איין האַנט און מיטן אתרוג אין צווייטן צוזאַמען מיט שמשין לויפט אַריין אין הויז. צו פּערלען) גיי אַריין אין אַן אַנדערן חדר און באַהאַלט זיך דאָרטן מיטן קינד.

**שמשי:** (שליסט צו די טיר, שרייט אַרויס דורכן פענצטער). אַוועק פון דאַנען באַד יונגען, אַוועק פון דאַנען!

**פּערל:** (צושראָקן) פאַרוואָס רודפן זיי דיך, לוי יצחק? אַ שטראָף פון גאָט זאָל קומען אויף זיי!

**ר׳ לוי יצחק:** פּערל, חלילה וחס, שילט נישט קיין יידן! זיי זיינען גערעכט! זיי ווילן אַן אמת׳ן רב, איך בין נישט קיין אמתער רב!

(מען רייסט ביי דער טיר, קולות ביי די פענצטער).

**פערל:** פאַרוואָס ביסטו נישט קיין אמתער רב?

**ר' לוי יצחק:** זיי דאַרפן האָבן אַ מדריך וואָס זאָל וויסן ווי אַזוי צו פירן זיי. זיי זיינען נישט שולדיק וואָס איך האָב ערשט געדאַרפט צו פאָרן צום מגיד הקדוש כדי דאָס צו לערנען. זיי ווילן קאָנען דינען גאָט! זיי ווילן אַ רב אַ ירא שמים!

(אַ גרויסער עולם רייסט אַלץ ביי דער טיר. אַנדערע שרייען ביי די פענצטער: „מיר ווילן אַן אמתן רב!" עס פליען אויך אַריין שטיינער).

**שמשי:** (קוקט אַרויס דורכן פענצטער, צו ר' לוי יצחקן) רבי, זאָל דער רבי שוין אַנטלויפן. דער עולם וואַקסט. עס קאָן נאָך חלילה קומען צו אַ סכנה! זאָל דער רב אַנטלויפן דורך דער קיך־טיר און גיין מיטן פעלד קיין קאָזשעניץ צום רבין. עס איז נישט מער ווי זיבעצן וויאָרסט פון דאַנען. איך וועל באַלד אַהין אָנקומען.

**ר' לוי יצחק:** ביסט גערעכט, מען דאַרף נישט ברענגען יידן צו שלעכטס. איך גיי.

(שטימען פון דרויסן „מיר ווילן נישט דעם רב! מיר ווילן אַן אמתן רב!")

**ר' לוי יצחק:** רבונו של עולם, זע וואָס פאַר אַ טייער פאָלק דו האָסט! הערסט וואָס זיי זאָגן, זיי ווילן אַ רב אַן אמתן צדיק! זיי ווילן לערנען דיין תורה און לויבן דיך. נו, רבונו של עולם, מעגסט נישט זיין שטאָלץ אויף דיין פאָלק ישראל! שרייב זיי דעריבער אָן טאַקע נאָך היינט אַ גוט קוויטל, אַ גמר חתימה טובה און בני חיי ומזוני!

(מען רייסט ביי דער טיר).

**שמשי:** גיכער, רב, גיכער, זיי רייסן ביי דער טיר זייער שטאַרק, אַנטלויפט שוין מיטן פעלד! הערט שוין אויף זיי צו בענטשן! זיי שעלטן אים און ער בענטש זיי!

**ר' לוי יצחק:** (אַנטלויפט אין טלית און אין קיטל מיטן לולב אין האַנט און מיטן אתרוג אין צווייטן).

**שמשי:** (צו פערלן) רביצין, באַהאַלט זיך גיכער!

**שמשי:** (הויבט אויף ביידע הענט צום הימל) רבונו של עולם, וויפל צדיקים האָסטו אַזעלכע ווי לוי יצחק? און פאַרוואָס רודפסטו אים? איז דען דאָ אויף דער גאַנצער וועלט נאָך אַזאַ צדיק וואָס האָט אַזוי פיל ליבע צו יידן? טאָ פאַרוואָס מאַכסטו גאָט, אַז די יידן זאָלן אים רודפן? פאַרוואָס באַוואַרפן זיי אים מיט שטיינער פאַר דער גרויסע ליבע, וואָס ער האָט צו זיי? פאַרוואָס, גאָט?! פאַרוואָס?!! (רייסט זיך די האָר פון קאָפּ) געוואַלד געשריגען! וואו איז יושר? וואו איז משפט?

וואו איז גערעכטיקקייט? וואו איז אַלץ?! עס דוכט זיך מיר ווי דער הימל פאַלט צו דר'ערד! עס שטייט אין קהלת „יש צדיק אובד בצדקו". איז עס טאַקע מעגלעך. אויב אַזוי וואָס פאַר אַ וועלט איז עס?! רבונו של עולם! רבונו של עולם!! (פאַלט אַנידער אויף אַ שטול פאַרשמאַכט).

(פאָרהאַנג פאַלט גיך)

# צווייטער אַקט

## ערשטע סצענע

אַ זומערדיקער שבת פאַרן נאַכט, צו שלוש סעודות, אין הויז פון ר' לוי יצחק דערבאַרעמדיקער, דער רב פון פּינסק און אומגעגנט. די וואוינונג באַשטייט פון אַ רייע צימערן. הויפּט אַריינגאַנג לינקס. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זעט מען די עס־שטוב. אין מיטן אַ גרויסער טיש מיט זעקס שטולן אַרום. ביי דער וואַנט קעגנאיבער דעם פּובליקום אַ קרעדענץ מיט גלעזערנע שויבן, דורך וועלכע מען זעט אַרויס די פאַרשיידענע קריסטאַלענע און זילבערנע כלים. דערנאָך צוויי האַלבע טירן וואָס פירן צו דער בית־דין־שטוב און וועלכע זיינען איצט פאַרמאַכט; רעכטס אַ פענצטער און אַ טיר צו דער קיך.

אין דער עס־שטוב זיצן אַרום דעם טיש ר' ישראל פּרץ, מלכה און פּערל פאַר־טיפט אין אַ שמועס. די לעצטע שטראַלן פון דער זון צוזאַמען מיט גרויסע שאָטנס פאַלן אויף די ווענט.

**פּערל:** אמת, אָבער זייט איר זענט געקומען, מיין טייערע טאַטע און מאַמע, האָב איך נאָך קיין צייט נישט געהאַט מיט אייך צו רעדן. איך בין געווען כסדר פאַרנומען. היינטיקע וואָך זיינען דאָך געקומען מיט אַ מאָל אַזוי פיל רבנים, קיין עין הרע, פאַר וועלכע כ'האָב גע־דאַרפט אָנגרייטן אויף שבת. חוץ דעם דאַרף מען זיך אָפּגעבן מיטן הויז און היינט די קינדערלעך, זאָלן לעבן.

**מלכה:** דו ווייסט, פּערל, אַז דו האָסט אונדז שטאַרק איבערגע־שראָקן מיט דיין בריוו, אַז מיר זאָלן תיכף קומען. דער בריוו איז אָנגע־קומען פאַרן נאַכט און מיר זיינען שוין דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. קוים דערוואַרט זיך ביז אין דער פרי און גענומען די ערשטע פור. אָבער אַ דאַנק גאָט, וואָס מיר האָבן געטראָפן אַלע געזונט, זאָל עס נאָר נישט פאַרשטערט ווערן, רבונו של עולם.

**ר' ישראל פּרץ:** וואָלסטו כאָטש געשריבן אַ וואָרט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך? מיר האָבן דאָך שוין איבערגעטראַכט כ'ווייס נישט וואָס. אפשר איז אַ קינד נישט געזונט, צי חלילה עמיצער אַנדערש.

**פּערל:** איך בין געווען זייער צושרויפט, ווען כ'האָב אייך געשריבן דעם בריוו. עס איז טאַקע די זאָרג וועגן די קינדערלעך.

**מלכה:** זאָרג? וואָס פאַר אַ זאָרג האָסטו, פּערל? דו האָסט קיין עין הרע נישט, דריי וואוילע קינדערלעך, אַ געזונט אויף זיי, אַזעלכע חכמים! מילא, מאירקע איז דאָך שוין אַ גאַנצער מענטש. ער הויבט דאָך שוין באַלד אָן צולייגן תפילין, אָבער ישראליקל איז אויך אַ וואויל קינד, ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער לערנט שוין חומש מיט רש״י און בערישל איז דאָך נאָך אַ פּיצל, אָבער אַזוי זיס, אַז כ׳וואָלט אים אויסגעקושט אַלע ביינדעלעך. ער האָט נעכטן אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין שרייען: „באָבע! באָבע!״ און האָט אַזוי געלאַכט צו מיר.

**ר׳ ישראל פּרץ:** (אייפערזיכטיק) נעם זיך נאָר נישט איבער, מלכה, ער האָט זיך מיט מיר אויך געשפּילט און האָט מיך גערופן כסדר „זיידע״. דו ווייסט, פּערל, דיינע אַלע דריי „באַנדיטן״ האָבן זיך מיר איינגעגעסן אין האַרצן.

**פּערל:** דו ווייסט, טאַטע, אַז זיי זיינען איצט מיין איינציקע טרייסט אין לעבן. אָן זיי וואָלט איך עס נישט אויסגעהאַלטן. (ווישט זיך די אויגן).

**מלכה:** איך האָב געמיינט, אַז דיר, פּערעלע, איז שוין איצט גוט. דיין מאַן איז געוואָרן אַ רב אין אַזאַ גרויסע שטאָט ווי פּינסק און נישט גלאַט אַ רב, בייערט ער איז געוואָרן דער רב הכולל פון פּינסק און אומגעגענט. טאָ וואָס איז „ווידער״ פאַר אַ צרות?

**פּערל:** „ווידער״, זאָגסטו מאַמע. עס איז נאָך אַלץ דאָס אייגענע און אפשר נאָך מער.

**מלכה:** (ערשטוינט) דיין לוי יצחקן מיינסטו?

**פּערל:** וועמען דען קאָן איך מיינען?

**מלכה:** כ׳פאַרשטיי נישט, פּערעלע, עס זעט דאָך אויס אַז מען באַהאַנדלט דיין מאַן דאָ גוט, וואָרום אויב נישט, וואָלט ער דאָך נישט געוואָרן דער רב הכולל פון פּינסק און אומגעגנט. טאָ וואָס איז ווידער? גיט זיך לוי יצחק נאָך אַלץ אָפּ מיטן פּראָסטן נאַראָד?

**פּערל:** (ווישט זיך די אויגן) נאָך פיל מער, מאַמע, מיט יעדן סמאַרקאַטש, מיט יעדן גאַרנישט.

**מלכה:** האָט ער גאַרנישט קיין איינזען צו פאַרשטיין, מיט וועמען עס פּאַסט פאַר אַ רב זיך יאָ צו חברן און מיט וועמען נישט?

**פּערל:** דו פאַרשטייסט מיך נישט, מאַמע, דאָס איז דאָך זיין שיטה.

**מלכה:** זיין שיטה? וואָס איז דאָס פאַר שיטה זיך אַרומצוכאַפּן מיט יעדן איינעם?

**פּערל:** יאָ, מאַמע, דאָס איז זיין שיטה אין חסידות. עס מיינט ביי אים צו זיין מיט אַלע אויף „דו״, חבריש. נישטאָ קיין אָרעם און רייך, נישטאָ קיין גרעסערס און קלענערס, אַלע זיינען איינס, אַלע צוזאַמען. און קאָן

איינער נישט לערנען, קאָן ער אויך האָבן גאָט אין האַרצן. און אַפילו איינער וואָס קאָן נישט דאַווענען, קאָן אַמאָל געבן אַ קרעכץ, וואָס זאָל שפּאַלטן די הימלען.

**מלכה:** אָט דאָס איז עס! זיינען אַלע רביים אַזוי? ווייסן זיי גאָר־נישט פון אַן אונטערשייד?

**פּערל:** נישט אַלע, מאַמע. אַלע וואָס איך קען, ווייסן גראָד יאָ, וואו איין און וואו אויס און האַלטן זיך אין דער ווירדע. מיין לוי יצחק אָבער ווייס פון קיין גרענעץ נישט. ביי אים קומט אויס, אַז עס פּאַסט פאַר אַזאַ רב ווי ער איז צו גיין אין די קלייזלעך פון אַלע פּראָסטע יידן, צו דער חברה חייטים און נאָך אַנדערע און צו רעדן צו זיי בלשון גוטע ברי־דער, אַרומכאַפּן זיך מיט זיי און דערציילן זיי מעשיות וועגן בעל־שם־טוב, וועגן מגיד און נאָך אַנדערע חסידישע רביים. אָט דאָס איז עס דאָך, מאַמע, ער שאַנעוועט נישט זיין כבוד! ער איז זיך פּשוט מבזה.

**מלכה:** און וואָס זאָגט קהל דערצו?

**פּערל:** צום גליק האָבן מיר דאָ אַ ראש הקהל פון שטאָט, וואָס הייסט ר' ניסן, איז ער אַן אמתער מזג טוב, ממש אַ שטיק גאָלד. זיידענס. דער־צו האָב איך ביי אים שטאַרק נושא חן געווען און ער טוט מיר פיל זאַכן צוליב און אַלץ וואָס כ'בעט ביי אים — זאָגט ער מיר נישט אָפּ. האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיין מאַן, איז אַזוי און אַזוי. איינער וואָס קאָן פון זיך ממש אויסטאָן ס'העמד און עס אַוועקגעבן און אַז ער איז אויסטערליש פאַרליבט אין יידן. דעריבער זאָל ער געבן צו פאַר־שטיין אַלע, אַז כאָטש דער רב איז אַ צוגעלאָזענער צו יעדן איינעם, זאָלן זיי דאָך האָבן פאַר אים אָפּשיי און זיי זאָלן אים נישט צופיל באַלעס־טיקן. זיי זאָלן האָבן פאַר אים דרך ארץ. טוט עס ר' ניסן און זאָגט כסדר דעם עולם, ווי צו פירן זיך בנוגע דעם רב און עס העלפט.

**מלכה:** נו, פּערעלע, איז דאָך שוין ווידער גוט! האָסטו דאָך אויס־געפועלט אַ וויכטיקע זאַך.

**פּערל:** יאָ, איך האָב שוין געפועלט ביי ניסנען אַ סך זאַכן. איך האָב געפועלט, אַז לוי יצחק זאָל ווערן דער רב הכולל פון פּינסק; איך האָב אויך געפועלט ביים אים, אַז ווען לוי יצחק פאַרט אַוועק צום מגיד פון מעזעריטש און זוימט זיך דאָרטן אַביסל לענגער, זאָל מען עס אים פאַרקוקן. ר' ניסן האָט מיך אָבער געוואָרנט וועגן אייך זאַך, אַז כ'זאָל ווייסן אַז פּינסק איז אַ מתנגדישע שטאָט, אַלע רעדל־פירער זיינען דאָ מתנגדים און אַז ער אַליין איז אויך אַ מתנגד. דעריבער איז אַזוי לאַנג ווי דער רב וועט זיין אין דער שטיל אַ חסיד און זיך נישט מישן מיט די חסידים און נישט ווערן ביי זיי אַ גאַנצער מאַכער, קאָן ער דאָ זיין ווי לאַנג ער וויל און קיינער וועט אים נישט טשעפּן. קוים אָבער וועט ער

אַנהויבן צו רודערן און ווערן ביי די חסידים אַ גאַנצער פירער, וועט עס נישט טויגן.

**ר׳ ישראל פריק:** האָסטו דאָס געזאָגט לוי יצחקן?

**פערל:** אַוודאי, האָב איך אים דאָס געזאָגט.

**ר׳ ישראל פריק:** נו, וואָס האָט ער דערויף געזאָגט?

**פערל:** טאַטע, דו פרעגסט מיך אַ מאָדנע קשיא. וואָס ער האָט דערויף געזאָגט? כ׳ווייס אַפילו נישט, צי ער ווייס צי כ׳האָב אים עפּעס געזאָגט, אַז ער איז שטענדיק אין די הימלען! כ׳וועל דיר זאָגן עפּעס בעסערס, כ׳ווייס אַפילו נישט צי ער ווייס צי איך בין דאָ. (זיפצט אָפּ).

**ר׳ ישראל פריק:** אָבער דערווייל איז דאָך רואיק.

**פערל:** רואיק... עס איז שוין גאָרנישט רואיק. אפשר וואָלט גע־ווען רואיק, איז אונטערגעקומען די מעשה מיטן ווילנער חרם.

**מלכה:** וואָס פאַר אַ חרם?

**ר׳ ישראל פריק:** (צו מלכהן) די מתנגדים אין ווילנע מיטן ווילנער גאון בראש האָבן אויסגערופן אַ חרם אויף די חסידים, אַז מען זאָל נישט שטיין אין זייערע ד׳ אמות; מען זאָל זיך מיט זיי נישט מתחתן זיין און מען זאָל בכלל מיט זיי נישט האָבן קיין שום מגע ומשא.

**מלכה:** אויף אַזוי ווייט?

**פערל:** יאָ, מאַמע, און אָט דעם חרם האָבן זיי צושיקט צו אַלע קהילות אין דער ליטא, אַז מען זאָל אים אומעטום אויסרופן קעגן די חסידים. און אַזאַ בריוו מיטן חרם איז אָנגעקומען אויך אַהער קיין פינסק צו ר׳ ניסנען.

**ר׳ ישראל פריק:** גייט ר׳ ניסן אויסרופן דעם חרם?

**פערל:** ניין, ר׳ ניסן האָט מיר פאַרטרויט בסוד, אַז ער וועט דעם חרם נישט אויסרופן, כל זמן די חסידים וועלן זיך האַלטן רואיק און גאָרנישט טאָן.

**ר׳ ישראל פריק:** ווייס לוי יצחק דערפון?

**פערל:** יאָ. דערווייל אָבער האָט ער גאָר גערופן די אסיפה, וואָס קומט פאַר היינט ביינאַכט.

**מלכה:** וואָס פאַר אַן אסיפה איז דאָס?

**פערל:** טאָקע וועגן חרם. די רביים האָבן געשריבן צו אים מכח דעם חרם און ער האָט געשריבן צו זיי און דערנאָך האָט ער זיי פאַר־רופן אַהער צו האָבן דאָ אַן אסיפה.

**ר׳ ישראל פריק:** פערל, מה רעש? וואָס איז דער אומגליק אַז עס וועט זיין ביי דיר אַן אסיפה? עס מיינט נאָך גאָרנישט.

**פערל:** וואָס רעדסטו, טאַטע. קודם כל זאָגט מען שוין אין שטאָט, אַז דער רב האָט צונויפגערופן די חסידישע רביים, כדי צו פירן אַ מלחמה

מיט די מתנגדים און מען זאָגט אויך, אַז דער רב איז דער גאַנצער מאַכער. אַ חוץ דעם זאָגט מען שוין אויך אַז לוי יצחק וויל, אַז די חסידים זאָלן אויסרופן אַ חרם אויף די מתנגדים.

**ר׳ לוי יצחק:** וויל ער דאָס טאַקע?

**פּערל:** ניין, אדרבה, ער איז גאָר קעגן דעם, אָבער עס זיינען דאָ צווישן די רביים אַזעלכע היץ־קעפּ וואָס ווילן דאָס יאָ און ר׳ ניסן האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז אויב זיי וועלן אויסרופן אַזאַ חרם אָדער אַפילו קו־מען בלויז צו אַ מסקנא אויסצורופן אַזאַ חרם, וועט ער נישט קאָנען צוריקהאַלטן די גבאים פון אויסצורופן דעם חרם פון ווילנע אויף די חסידים און דעמאָלט, מאַמע, פאַרשטייסטו דאָך אַליין, אַז מיר וועלן נישט קאָנען דאָ מער זיין.

**מלכה:** צו וואָס האָט ער טאַקע געדאַרפט צו רופן די אסיפה ביי זיך אין הויז? דו ווייסט, פּערעלע, דו האָסט נישט געדאַרפט דאָס צו־לאָזן.

**פּערל:** מאַמע, דו קאָנסט נישט לוי יצחקן... אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. עס איז דאָ נאָך אַ מעשה.

**ר׳ ישראל פּריץ:** נאָך אַ מעשה? וואָס איז די אַנדערע מעשה?

**פּערל:** (זיפצט) עס איז דער שטן וואָס טאַנצט הינטערן פענצטער.

**ר׳ ישראל פּריץ:** (דערשראָקן) וואָס מיינסטו דערמיט? אפשר דעם פּירשט?

**פּערל:** יאָ, געטראָפן.

**מלכה:** (שפּרינגט אויף) ער? נאָך אַלץ?

**פּערל:** נאָך אַלץ.

**ר׳ ישראל פּריץ:** אַפילו דאָ אין פּינסק?

**פּערל:** אַפילו ווען כ׳זאָל אויסוואַנדערן אין אַנדערן עק וועלט, זאָגט ער, וועט ער נאָכוואַנדערן נאָך מיר.

**מלכה:** משוגע מיינע שונאים, וואָס פאַר אַ מין אַנשיקעניש איז דאָס!

**ר׳ ישראל פּריץ:** ער זאָגט, אַז ער איז אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין איר.

**מלכה:** וואָס? עס פעלן דען אויס פּרויען אויף דער וועלט? פאַר־וואָס פּונקט זי?

**ר׳ ישראל פּריץ:** עס איז אַזאַ איינרעדעניש! (טאָן ענדערנדיק) פּערל, דו האָסט אים געזען?

**פּערל:** יאָ.

**ר׳ ישראל פּריץ:** איז וואָס וויל ער?

**פּערל:** דו ווייסט דאָך, טאַטע, צען טויזנט דוקאַטן אָדער...

**מלכה:** אַזוי לאַנג כּאַליעט ער, רבונו של עולם.

**פּערל:** (מיט אַ וויינענדע שטימע) ווי אַזוי יאָגט מען זיך אָפּ פון אים? ער קומט נישט וואו נישט ווען און ברענגט מיט זיך אַזוי פיל טייערע צירונג, אמתע עכטע פּערל, די טייערסטע בריליאַנטן, אַזוינע שעמערירענדע אוירינגלעך און אַן אוצר פון גאָלדענע פינגערלעך באַזעצט מיט די טייערסטע שטיינער, היינט די זעלטענע האַלדזבענדער, די שטערן־טיכלעך און נאָך אַנדערע זאַכן, און ער וואַרפט דאָס אַלץ צו מיינע פיס און בעט זיך ביי מיר... (וויינט) איך שטויס אים אָפּ, כ'גיב אים אַלץ צוריק און הייס אים גיין... אָבער כ'בין דאָך נאָר אַ מענטש, אַ יידענע, אַן אָרעם באַשעפעניש, און איך האָב נישט קיין כח מער... (וויינט) און דער נסיון איז אַזוי גרויס און דער יצר הרע רייצט... (צעכליפּעט זיך).

**מלכה:** מיין אָרעם קינד, וואָס וויל מען פון דיר? פאַרוואָס פּרופט מען דיך פון הימל אַזוי אויס? פאַרוואָס האָט מען דיך אויסגעשטעלט צו אַזאַ גרויסן נסיון??!

**ר' ישראל פּרץ:** איז ווי קומט דאָס צום חרם? וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס דערצו?

**פּערל:** הער, טאַטע, אַז ער האָט געזען אַז איך שטויס אים כסדר אָפּ, האָט ער אָנגערייצט אויף לוי יצחק דעם אביגדורן און האָט אים געהאָלפן צו מאַכן אַן אָפּמאַך מיט די פּריצים, אַז ער, אביגדור, זאָל קריגן די רבנות שטעלע אין פּינסק, און דערפאַר וועט ער געבן די פּריצים, צען טויזנט דוקאַטן אין משך פון צוויי יאָר.

**ר' ישראל פּרץ:** דו מיינסט דעם רב אביגדור. ער איז דאָך אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער רב.

**פּערל:** אַ רב איז ער! אַ פאַרקויפטע נשמה, אַ מסור, אַן אויסוואורף. אָבער איך וואָלט פאַר אים קיין מורא נישט געהאַט, כל זמן ר' ניסן איז מיט אונדז. אָבער פאַר דער היינטיקער אסיפה האָב איך מורא.

**ר' ישראל פּרץ:** פאַרוואָס?

**פּערל:** וואָס וועט זיין אַז זיי קומען צו אַ מסקנא אויסצורופן אַ חרם אויף די מתנגדים? אַפילו ווען זיי וועלן אַזאַ חרם נישט באַלד אויסרופן, מוז לוי יצחק פאַרלאָזן פּינסק, און וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן מיט מיינע קינדערלעך? עס וועט דאָך בלייבן פאַר מיר נאָר אַריינוואַרפן זיך אין טיך. (וויינט).

**ר' ישראל פּרץ:** וויין נישט, מיין קינד. עס איז שבת און מען טאָר נישט וויינען. וועסט זען, גאָט וועט דיר העלפן, ער וועט דיר צושיקן זיין ישועה.

**מלכה:** (צו ישראל פּרץ) דו האָסט דאָך געוואָלט גיין אויף דער אכסניה צו אריה ליבן, ער וואַרט דאָך דאָרטן פאַר דיר.

**פּערל:** (צום פּאַטער) דער פּעטער אריה ליב איז, זייט ער איז געקומען אַהער מיט דיר, נאָך אַלץ ביי מיר נישט געווען.

**ר׳ ישראל פּרץ:** ער איז איצט פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. לאָז אים איצט אָפּ. ער וועט נאָך קומען צו דיר. נו, איצט וועל איך טאַקע אַהין גיין צו אים.

**מלכה:** איך גיי מיט.

(ביידע אָפּ).

**פּערל:** (לייגט אַוועק דעם קאָפּ אויף די הענט אויפן טיש און וויינט אין דער שטיל).

(אין שטוב ווערט טונקל, מען הערט זינגען זמירות אין דער בית־דין־שטוב).

**פּערל:** (עפנט ביידע האַלבע טירן).

אין דער טונקלהייט זעט מען ביי דער וואַנט קעגנאיבער דעם פּובליקום שענק מיט ספרים. צווישן זיי אַן אָרון קודש. נעבן אָרון קודש אַן עמוד מיט אַ „שויתי“. רעכטס אַ טיר וואָס פירט אין אַנדערע צימערן. לינקס — אַ פענצטער.

אין מיטן דער שטוב אַ גרויסער טיש מיט בענק אַרום, אויבן אָן אַ פּאָטעלשטול. אַרום דעם טיש זיצט אויבן אָן ר׳ לוי יצחק און פון ביידע זייטן די רביים. רעכטס: דער רבי פון ליאַדי און ר׳ אהרן קאַרלינער. לינקס: דער רבי ר׳ ברוך און הערשעלע אָסטראָפּאָליער. קעגנאיבער דעם אויבן אָן זיצט ר׳ אברהם קאַליסקער. זיי זינגען אַלע צוזאַמען דעם מגידס ניגון.

**ר׳ לוי יצחק:** ר׳ שניאור זלמן, נו איצט זינגט איר אייער ניגון.

**דער ליאַדער רבי:** ניין, ר׳ לוי יצחק, צום ערשטן דאַרף זינגען דער בעל הבית פון הויז ובפרט נאָך אַז איר האָט נאָך אַזאַ טייערן זמר לכבוד שבת וואָס איר האָט אַליין געשאַפן. לאָמיר טאַקע הערן אייער שבת ניגון.

**ר׳ לוי יצחק:** נו, אַז יידן ווילן, דאַרף מען זינגען. (הויבט אָן און אַלע העלפן אים מיט).

**אָ, ברודער, זאָג,**
**ווי הייסט דער טאָג,**
**ווען מיר אַלע זיינען פריילעך?**
**דער יידעלע דער קליינער,**
**דער כשרער, דער שיינער**
**איז דאָך דאָן אַ מלך!**

**א. א. וו., א. א. וו.**

**דער ליאַדער רבי:** איצט, אַז דער בעל הבית האָט שוין געזונגען, וועל איך זינגען מיין ניגון. (זינגט דעם ניגון וואָס איז באַקאַנט אַלס „דעם רבס ניגון").

**ר' לוי יצחק:** און איר ר' ברוך, איר מיינט אַז איך וועט מען דורכלאָזן! איר מוזט אויך עפּעס זינגען.

**דער רבי ר' ברוך:** כ'בין נישט קיין זינגער, כ'בין אַ זאָגער.

**הערשעלע אָסטראָפּאָליער:** מעג איך מאַכן אַן אויסבעסערונג. מיין רבי, דער רבי ר' ברוך זאָל לעבן איז נישט בלויז אַ זאָגער נאָר אויך אַ צוזאָגער, און ער בלייבט על פּי רוב בלויז ביים צוזאָגן. דערפאַר בין איך — זיין אַריינזאָגער. (אַלע לאַכן).

**דער ליאַדער רבי:** נו. זאָגן וועט מען ביי מלוה מלכה. איצט דאַרף מען זינגען זמירות.

**דער רבי ר' ברוך:** כ'וועל זינגען דעם זיידנס ניגון, דעם בעל־שם־טובס ניגון.

**אַלע:** גוט, זייער גוט!

**דער רבי ר' ברוך:** (זינגט דעם בעל שם טובס ניגון).

**ר' לוי יצחק:** נו, איצט ר' אהרן, איצט זינגט איר אייער ניגון.

**ר' אהרן קאַרלינער:** כ'וועל זיך נישט לאָזן לאַנג בעטן. (זינגט דעם קאַרליער ניגון).

**ר' לוי יצחק:** און אהרן אחרון חביב, ר' אברהם קאַליסקער, איר זינגט אייער „צור משלו אכלנו".

**ר' אברהם קאַליסקער:** (זינגט).

(עס איז שוין גוט פינצטער).

**דער ליאַדער רבי:** נו, מען דאַרף שוין בענטשן.

**ר' לוי יצחק:** איר, ר' שניאור זלמן, וועט בענטשן.

(אַלע גיסן אָפּ די שפּיץ פינגער).

**דער ליאַדער רבי:** רבותי, מיר ווילן בענטשן.

**אַלע:** יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם.

**דער ליאַדער רבי:** ברשות מרנן ורבנן ורבותי נברך שאכלנו משלו.

**אַלע:** ברוך שאָכלנו משלו ובטובו חיינו.

(זיי בענטשן. אייניקע באַטאָנען געוויסע שטעלן שטאַרקער).

**פּערל:** (זאָגט) גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב א. א. וו.

**דער ליאַדער רבי:** רביצין, איר זאָגט עפּעס אַן אַנדערן נוסח פון „גאָט פון אברהם".

**פּערל:** כ'זאָג מיין מאַגס נוסח.

**דער ליאַדער רבי:** ר' לוי יצחקס? ווי אַזוי גייט עס?

**פּערל:** אָט אַזוי: (זאָגט מיט אַ ניגון)

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, באַהיט דיין ליב פאָלק ישראל פון אַלעם בייזן און צו דיינעם לויב, אַז דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק און די וואָך זאָל אונדז גוט אָנקומען, צו אמונה שלימה, צו אמונת חכמים, צו אהבת חברים, צו דבקות הבורא ברוך הוא, מאמין צו זיין בשלש עשרה עקרים שלך ובגאולה קרובה במהרה ימינו, בתחית המתים ובנביאת משה רבנו עליו השלום. רבונו של עולם, דו ביסט דאָך הנותן ליעף כח, גיב דיינע ליבע יידישע קינדערלעך אויך כח דיך צו לויבן און נאָר דיר צו דינען! און די וואָך זאָל אונדז קומען צו געזונט און צו מזל און צו הצלחה און ברכה און צו חסד און צו בני חיי ומזוני לנו לכל ישראל ונאמר אמן. (טאָן ענדערנדיק) מען זעט שוין אויפן הימל דריי שטערן. מען מעג שוין אָנצינדן אַ ליכט. (צינדט אָן אַ ליכט) גוט וואָך!

**אַלע:** גוט וואָך! גוט וואָך!

**ר׳ לוי יצחק:** אַ גוטע וואָך אַלע יידן, וואו נאָר יידן זיינען דאָ!

**פּערל:** (אָפּ).

**דער ליאַדער רבי:** איצט וועלן מיר דאַווענען מעריב. אָבער אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין מנין, וועלן מיר דאַווענען ביחידות און דערנאָך וועלן מיר עפענען די אסיפה.

(יעדער פון זיי דאַוונט איצט מעריב פאַר זיך. יעדער איינער דאַוונט אויף אַן אַנדער אופן. ר׳ לוי יצחק און ר׳ אהרן קאַרליער לויפן איבער דער שטוב הין און צוריק און שפרינגען אונטער ביי געוויסע ווערטער; דער ליאַדער רבי און ר׳ אברהם קאַליסקער שטייען יעדער אין אַ ווינקל און שאָקלען זיך שטאַרק. דער רבי ר׳ ברוך, שטייט רואיק מיט פאַרמאַכטע אויגן און שאָקלט זיך ווייניק).

**דער ליאַדער רבי:** (נאָכן דאַוונען) איצט וועט דער בעל הבית מאַכן הבדלה.

**ר׳ לוי יצחק:** (רופט) פּערל, ברענג אַריין דאָס בשמים ביקסל.

**פּערל:** (קומט אַריין מיט אַ בשמים ביקסל און אַ הבדלה ליכט און גיט עס צו ר׳ לוי יצחקן).

**ר׳ לוי יצחק:** (צינדט אָן דאָס הבדלה ליכט און מאַכט הבדלה און ביי „בורא מאורי האש" האַלט ער און אַלע אַנדערע די נעגל איבער די ליכט. ביי „בורא מיני בשמים" שמעקט ער און אויך אַלע אַנדערע צו די בשמים. נאָך דער הבדלה טרינקט ר׳ לוי יצחק און אויך אַלע אַנדערע פון כוס פון הבדלה).

**אַלע:** גוט וואָך! אַ גוטע וואָך!

**ר׳ לוי יצחק:** (גיסט אַביסל פון ווין אויפן טיש און צינדט עס מיט דער הבדלה און אַלע רירן אָן דעם אויסגעגאָסענעם ווין און טוען

אַריין די הענט אין די קעשענעס און זינגען דערביי „זרענו וכספנו ירבה כחול וככוכבים בלילה״).

**פערל:** עס וועט נאָך אַביסל געדויערן ביז כ׳וועל קאָנען גרייטן צום טיש פאַר דער מלוה מלכה. אָבער איר קאָנט שוין אָנהויבן די אַסיפה. (אָפּ).

**דער ליאָדער רבי:** (צו הערשעלע אָסטראָפּאָליער) ר׳ הערשל, עס געפעלט מיר גאָרנישט דאָס, וואָס איר זיצט די גאַנצע צייט אַזוי שטיל. מען האָט מיר דערציילט וועגן אייך גאַנצע חידושים. און דאָ זיצט איר גאָר אַזוי ווי אַ קאָטינקע.

**הערשעלע אָסטראָפּאָליער:** ר׳ שניאור זלמן, ווען איך וואָלט אייך געהאָט פאַר אַ רבין, וואָלט איך גאָרנישט געוועזן אַזוי שטיל. איר זענט אַ רבי וואָס האַלט פון זיך ווייניק און פאַרשטייט אַ סך. איר עסט ווייניק און גיט געלט אַ סך. נו, ווען איך וואָלט אייך געזאָגט אַפילו אַ קליינעם וויץ וואָלט איר באַלד מיר געגעבן אַ גרויסע מטבע. האָט אָבער דער רבונו של עולם געוואָלט אַז מיין רבי זאָל זיין דער רבי ר׳ ברוך, וואָס איז פונקט דער היפוך פון אייך. ער טראַכט ווייניק און האַלט פון זיך אַ סך, ער גיט געלט ווייניק און עסט אַ סך. נו, זיץ איך און טראַכט וואָס כ׳זאָל איצט זאָגן אַזוינס, אַז עס זאָל אים פאַרדריסן ווייניק און ער זאָל מיר געבן געלט אַ סך.

(אַלע לאַכן).

**הערשעלע אָסטראָפּאָליער:** איידער וואָס ווען, וועל איך פרעגן אַ קשיא מיין רבין.

**דער רבי ר׳ ברוך:** וואָס איז די קשיא, הערשל?

**הערשל אָסטראָפּאָליער:** זאָגט מיר, רבי, פאַרוואָס זיינען די צדיקים אַמאָל געוועזן גרויסע קבצנים און מען האָט זיי צוגעטיילט ווייניק כבוד, אָבער די היינטיקע רביים זיינען זייער רייך און מען גיט זיי אָפּ אַ סך כבוד. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

**דער רבי ר׳ ברוך:** נו, וואָס איז דער תירוץ, הערשל?

**הערשעלע אָסטראָפּאָליער:** איך וועל אייך זאָגן, רבי. איך בין אַמאָל געגאַנגען איין גאַס און געזען ווי אַ בלינדער שפּילט אויס טייערע ניגונים אויף אַ פידעלע. אָבער די מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען און כמעט נישט געקוקט אויף אים. בלויז געציילטע האָבן אים צוגעוואָרפן עטלעכע גראָשן. מיט אַ צייט שפּעטער בין איך געגאַנגען הערן אין אַ שול אַ חזן, וואָס מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַזש פון ווילנע און מען האָט אים געגעבן דערפאַר אַ סך געלט. נו, האָט יענער חזן געזונגען פונקט די זעלבע ניגונים, וואָס דער בלינדער האָט געזונגען, אָבער דערפאַר האָט ער גע־קראָגן אַ סך געלט. האָב איך איצט ערשט פאַרשטאַנען, אַז ווער עס

מאַכט נאָך יענעם, דער קריגט מער געלט און מער כבוד. אָט דאָס איז דער ענטפער, רבי. אַמאָליקע צדיקים זײַנען געווען עכטע, האָבן זיי טאַקע געהונגערט און נישט געהאַט קיין געלט און נישט קיין כבוד. הײַנ־טיקע צדיקים אָבער זײַנען נישט קיין עכטע. זיי מאַכן נאָר נאָך אַנדערע, דערפאַר קריגן זיי אי אַ סך געלט און אי אַ סך כבוד.

(אַלע לאַכן).

**דער רבי ר' ברוך:** (ברוגזלעך) אַזוי, הערשל, ווי נאָר דו קאָנסט מיר געבן אַ שטאָך, טוסטו עס! אַפילו דאָ אויך.

**דער ליאַדער רבי:** (צום רבין ר' ברוך) הערשל האָט נישט גע־מיינט אײַך צו טשעפּען. ער האָט בלויז געזאָגט אַ וויץ.

**הערשעלע אָסטראָפּאָליער:** איך בין געוואוינט, אַז כ'זאָג אַ וויץ, גיט מיר דער רבי געלט, אָבער כ'זע אַז קיין געלט וועל איך איצט פון מײַן רבין נישט קריגן און אַזוי ווי איך בין נישט קיין רבי איז מיר כאָטש גוט, וואָס איך דאַרף דאָ נישט זײַן אויף אייער אסיפה. אַ גוטע וואָך! (אָפּ).

**אַלע:** אַ גוטע וואָך.

**שמשי:** (קומט אַרײַן) גוט וואָך, רבותי, גוט וואָך.

**ר' לוי יצחק:** גוט וואָך, שמשי, גוט וואָך.

**אַלע:** גוט וואָך, גוט וואָך.

**שמשי:** גייענדיק אַהער האָב איך געזען, ווי דער ראש הקהל ר' ניסן צוזאַמען מיטן ימח־שמוניק אביגדור גייען אַהער צום רב.

**ר' לוי יצחק:** שמשי, רעד נישט אַזוי! אביגדור איז אַ ייד אַ תלמיד חכם.

**שמשי:** אָבער אַ גרויסער בעל מחלוקה. ער איז אַהער געקומען נאָר כדי צו פאַרשאַפן דאָ קריגערייען אין דער קהלה. (טאָן ענדערנדיק) לויט מײַן מיינונג וואָלט גוט געווען, אַז די רבנים זאָלן אַרײַנגיין אין דער גרויסער שטוב, ווײַל טאָמער קומען זיי אַרײַן, זאָלן זיי נישט וויסן וואָס קומט דאָ פאָר.

**ר' לוי יצחק:** דאַרף איך זיך דען שעמען מיט מײַנע ליבע געסט?

**דער ליאַדער רבי:** (צו ר' לוי יצחקן) שמשי איז גערעכט. דער ראש הקהל וויל אודאי עפּעס איבערעדן מיט אײַך, איז בעסער אַז מיר זאָלן דערבײַ נישט זײַן.

**ר' לוי יצחק:** איך ווייס וועגן וואָס ער וויל מיט מיר רעדן. ער האָט געקראָגן דעם חרם פון ווילנע מיט אַ פאַרלאַנג אויסצורופן אים מאָרגן, זונטיק אינדערפרי. איך האָב דאָך אײַך וועגן דעם געשריבן.

**דער ליאַדער רבי:** כ'ווייס נאָך אַלץ נישט ווער דאָס האָט גע־שריבן צו זיי פון ווילנע וועגן אויסרופן דעם חרם?

**ר' אברהם קאַליסקער:** דאָס איז די אַרבעט פון ווילנער, ער אַליין אָדער עמיצער פון זיינע נאָענטע מענטשן האָט געשריבן מיט זיין הסכּמה צו אַלע ראשי הקהל פון דער ליטע, אַז מאָרגן, זונטיק זאָלן זיי אויס־רופן דעם חרם אין אַלע זייערע שטעט. זיי האָבן געשריבן צו צוואַנציק קהלות און פינסק איז איינע פון זיי.

**ר' לוי יצחק:** טאָ וואָס האָבן מיר זיך צו באַהאַלטן? זאָלן זיי אַריינקומען און לאָמיר מיט זיי אַלץ איבערעדן.

**דער ליאַדער רבי:** עס איז בעסער אַז אַ ראש הקהל זאָל רעדן מיטן רב פון דער שטאָט אונטער פיר אויגן. קומט, לאָמיר אַלע אַריינגיין אין אַנדערן צימער.

(אַלע אַ חוץ ר' לוי יצחק אָפּ).

**ר' ניסן און אביגדור:** (קומען אַריין) גוט וואָך.

**ר' לוי יצחק:** גוט וואָך, גוט וואָך ר' ניסן.

**ר' ניסן:** רבי, מיר זיינען געקומען איבערעדן מיט אייך וועגן דעם ענין פון אַ חרם אויף די חסידים, וואָס כ'האָב שוין אַנומלט וועגן דעם מיט אייך גערעדט. מאָרגן זונטיק וועט אויסגערופן ווערן דער חרם אין נייַנצן קהלות אין דער ליטע. ווי ווייט איך ווייס, וועט דער חרם אויסגערופן ווערן אין ווילנע, גראָדנע, לידע, בריסק, מינסק, קאָברין, סמאָרגאָן, איישישאָק, שניפּישאָק און אין נאָך אַנדערע קהלות. פינסק איז איינע פון די שטעט וואו דער ווילנער גאון וויל, אַז מען זאָל אויס־רופן דעם חרם. אויף דער אסיפה פון קהל איז אָנגענומען געוואָרן בהסכּם כולם, אַז מיר זאָלן אויסרופן דעם חרם צוזאַמען מיט אַלע קהלות, דאָס הייסט, מאָרגן אינדערפרי. מיר ווילן, אַז דאָס זאָל טאָן הרב אַביגדור.

**שמשי:** אונדזער רב, ר' לוי יצחק, איז דער מרא דאתרא און אויב מען דאַרף עפּעס טאָן, דאַרף עס ער טאָן און נישט קיין אַנדערער.

**אביגדור:** אָבער דער רב איז דאָך אַ חסיד און ער קאָן דאָך נישט אויסרופן קיין חרם אויף זיך אַליין.

**ר' לוי יצחק:** נו, וועל איך טאַקע נישט אויסרופן קיין שום חרם אויף קיינעם! פאַרוואָס ווילט איר דאָס דוקא אויסרופן אַ חרם אויף אַן עדה יידן? פאַרוואָס ווילט איר שאַפן מחלוקתן ביי יידן?

**אביגדור:** מען האָט מיך געשיקט פון ווילנע אַלס ספּעציעלער שליח, אַז מען זאָל דאָ אויסרופן דעם חרם אויף דער כת.

**ר' ניסן:** מיר ווילן, באמת, אַז אונדזער רב זאָל עס טאָן. אדרבה, זאָל דער רב קומען מאָרגן אינדערפרי אין שול אַריין און דערקלערן עפנטלעך פאַר אַלע, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון חסידות און דערנאָך אויס־רופן דעם חרם.

**פּערל:** (קומט אַריין פון דער קיך מיט אַ טישטוך צוגרייטן צום טיש, דערזעט ר' ניסנען און אביגדורן און בלייבט שטיין אין פאַרלעגנהייט) גוט וואָך אייך, ר' ניסן.

**ר' ניסן:** (ווייזט אָן אויף אביגדורן) דאָס איז דער רב אביגדור, רביצין.

**פּערל:** אָ, דאָס איז דער רב, וואָס האָט ביי די פּריצים אָפּגעקויפט די רבנות פון פּינסק.

**אביגדור:** דאָס איז אַ בפירושער ליגן. איך האָב נישט געקויפט קיין שום רבנות ביי די פּריצים.

**ר' ניסן:** אין פּינסק זיינען געזעסן אויף דעם כסא הרבנות די גרעסטע גאונים, אָבער מיר האָבן קיינמאָל נישט פאַרקויפט די רבנות צו קיינעם און די פּריצים מישן זיך נישט אין אונדזער לעבן.

**פּערל:** ר' ניסן, זייט נישט אַזוי זיכער. איך ווייס אָן שום ספק, אַז ער האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט די פּריצים. געפינט בעסער אויס באַצייטנס וועגן דעם.

**אביגדור:** פון וואַנען ווייס די רביצין דאָס אַלץ? האָט עס אפשר איינער פון די יונגע פּריצים עס אייך געזאָגט?

**שמשי:** (לויפט צו מיט כעס צו אביגדורן) פאַר אַזעלכע רייד גיב איך פּעטש! אַרויס פון דאַנען!

**ר' לוי יצחק:** שמשי, האָב דרך ארץ פאַר אַ ייד, אַ תלמיד חכם און טרייב אויך נישט קיין יידן פון מיין הויז.

**ר' ניסן:** מיר מוזן שוין גיין. קומט הרב אביגדור! (ביידע אָפּ).

**שמשי:** ווען כ'וואָלט נישט מורא געהאַט פאַרן רב, וואָלט איך זיי ביידע געגעבן פּעטש און זיי אַרויסגעוואָרפן. דער עיקר אָט דעם מסור!

**ר' לוי יצחק:** שמשי, רעד נישט קיין שלעכטס אויף יידן.

**פּערל:** (צו ר' לוי יצחקן) פאַרוואָס בעמסטו זיך אַזוי אָן פאַר אים? דו ווייסט דאָך ווער ער איז! ער גראָבט אונטער דיך און אונטער אונדז אַלע.

**ר' לוי יצחק:** פּערל, פּערל, רעד נישט אַזוי, רעד נישט קיין שלעכטס אויף יידן.

**פּערל:** (גרייט צום טיש אין דער עס־שטוב. צו שמשין) איר קאָנט שוין אַריינרופן די רבנים צו מלוה מלכה.

**שמשי:** (אָפּ צו דער טיר פון גרויסן צימער) זאָלן די רבנים אַריינקומען. זיי זיינען שוין אָוועקגעגאַנגען. די רביצין זאָגט, אַז אַלץ איז שוין גרייט צו מלוה מלכה.

**פערל:** (ברענגט אַריין חלות, זאַלץ, גאָפּל־מעסער־לעפל. דערנאָך גייט די צוריק אין קיך אַריין און ברענגט פּאַרציעס פיש פאַר אַלעמען).

(דער ליאַדער רבי, דער רבי ר׳ ברוך, ר׳ אהרן קאַרלינער און ר׳ אברהם קאַליסקער קומען אַריין פּאַרטיפט אין אַ שמועס).

**פערל:** נו, רבנים, וואָשט זיך צו דער מלווה מלכה (אָפּ).

(די רבנים וואַשן זיך צום עסן. מאַכן אַן „המוציא", עסן די פיש מיט דער חלה. דערנאָך זינגען זיי די שבת־צו־נאַכטיקע זמירות).

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** רבותי, אַלע ווייסן אַז דער בעל־שם־טוב האָט געבראַכט אַ נײַ ליכט אויף דער וועלט. אָבער נישט אַלע קאָנען זען די דאָזיקע ליכט, ווייל עס איז די ליכט פון פרייד, פון שמחה של מצווה, צו וואָס נישט יעדער איינער איז זוכה. דער בעל־שם־טוב האָט אויסגעלייזט די יידן פון אַ האַלבן גלות, פון עצבות. ער האָט אונדז געלערנט צו דינען דעם רבונו של עולם מתוך שמחה. אָבער דער ווילנער זעט די דאָזיקע ליכט נישט. ער איז אַ שרוי בעצבות, דאָך פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער די צאָל פון די יידן, וואָס זעען יאָ די דאָזיקע ליכט און ווערן דאַדורך דערהויבן. מיר האָבן איצט שוין חסידים אין דער גאַנצער וועלט, אַפילו אין בערלין, וואָס איז דער מקור הטומאה, האָט זיך אויך געשאַפן אַ חסידישער קלויז. עס איז דעריבער געווען אַ גרויסע חוצפה פון דעם ווילנער אויסצורופן אַ חרם אויף גאַנצע קהלות פון יידן, וואָס זיינען יראים ושלמים, נישט ווייניקער ווי ער און זיין סעייתא; אויף קהלות צווישן וועלכע עס געפינען זיך גדולי התורה.

**דער ליאַדער רבי:** דער בעל־שם־טוב האָט אונדז אויך געלערנט, אַז מען זאָל שטענדיק טראַכטן פון רבונו של עולם. אָט דאָס איז דער טייטש פון פסוק „שויתי ה׳ לנגדי תמיד". איך האָב גאָט פאַר מיר שטענדיק. איך טו שטענדיק טראַכטן פון אים, כביכול, און אַז מען טראַכט אַזוי שטייט מען איבער מחלוקתן און איבער יעדן חרם.

**ר׳ לוי יצחק:** רבותי, עס איז באַוואוסט, אַז די ליכט פון דער תורה גיט אונדז דאָס גאַנצע חיות. אָט די ליכט איז דאָך דער יסוד פון אהבה, פון ליבשאַפט צווישן יידן. דערפאַר איז אַ חרם אויף יידן קעגן אהבת ישראל און קעגן דער תורה.

**ר׳ אהרן קאַרלינער:** מיין מיינונג איז, אַז דאָס וואָס מיר דאַרפן איצט טאָן, איז, אויסצורופן גלייך אויפן אָרט אַ חרם אויף די מחרימים, טאָקע אויף די מתנגדים אַליין און אויף אַלע זייערע אַנהענגער. מיר דאַרפן טאָן דאָס זעלבע וואָס זיי טוען, מידה כנגד מידה. אָבער מען דאַרף עס טאָן איידער זיי טוען עס, דאָס הייסט איידער זיי רופן אויס אַ חרם אויף אונדז. ווארום שפּעטער איז שוין אַ שאלה צו די וואָס זיינען אין חרם קאָנען אויסרופן אַ חרם, קעגן די וואָס האָבן זיי אַרייב־

געלעגט אין חרם. הייסט עס, אַז מיר דאַרפן זיך דעריבער מקדים זיין און אויסרופן אַ חרם אויף זיי.

**דער ליאַדער רבי:** מיר איז די גאַנצע זאַך ניט ניחא.

**ר׳ לוי יצחק:** פאַרוואָס עפּעס גלאַט אַזוי זיך, לייגן יידן אין חרם אַריין, ובפרט ווען זיי האָבן נאָך גאָרנישט געטאָן? מיר דאַרפן נישט גיין מיטן וועג פון מחלוקת צווישן יידן.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** מיר ווילן נישט גלאַט לייגן יידן אין חרם אַריין און פאַרפירן מחלוקת צווישן יידן. אָבער מען קאָן און מען דאַרף עס טאָן בדרך תנאי. דאָס הייסט, מיר וועלן זאָגן, אַז די וואָס וועלן זיך דערוועגן אויסצורופן אַ חרם אויף אונדז, זאָלן שוין פון פריער נאָך זיין אין חרם.

**ר׳ לוי יצחק:** אונדזער רבי איז קעגן דעם, אַז מיר זאָלן אויסרופן אַ חרם אויף די מתנגדים.

**דער רבי ר׳ ברוך:** וואָס הייסט עס, ער איז קעגן? צי דעריבער דאַרפן מיר אַלע ליגן אין חרם, ווייל ער וויל נישט אויסרופן קיין חרם אויף זיי? איך זאָג אייך, אַז אברהם קאַליסקער איז גערעכט. מיר דאַרפן באַלד אויסרופן אַ חרם אויף זיי, נאָך איידער זיי רופן אים אויס אויף אונדז.

**ר׳ לוי יצחק:** מען טאָר עס נישט טאָן אָן רבין. מען דאַרף עס פריער מודיע זיין דעם רבין.

**דער ליאַדער רבי:** ר׳ לוי יצחק איז גערעכט. ווייסט איר וואָס, זאָלן מיר אַלע גלייך אַוועקפאָרן צום רבין.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** דאָס איז נישט נויטיק. עס איז גענוג, אַז איינער זאָל פאָרן צו אים און אים מסביר זיין פאַרוואָס מען מוז עס טאָן.

**דער ליאַדער רבי:** טאָ ווער זאָל זיין דער איינער, וואָס זאָל פאָרן צו אים?

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** איך בין מיט דער מיינונג, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען, ווען ר׳ לוי יצחק זאָל פאָרן צו אים.

**ר׳ אהרן קאַרלינער:** איך מיין אויך אַזוי.

**דער רבי ר׳ ברוך:** ר׳ לוי יצחק וועט עס גיכער פועלן ביי אים, ווי אַן אַנדערער.

**ר׳ לוי יצחק:** איך בין גרייט! (רופט) פערל! פערל!

**פערל:** (קומט אַריין) האָסט מיך גערופן?

**ר׳ לוי יצחק:** מען איז דאָ געקומען צו דער מסקנא, אַז איך זאָל פאָרן גלייך צום רבין.

**פערל:** דו ביסט דאָך ערשט געקומען פון רבין.

**ר׳ לוי יצחק:** נו, אַז מען הייסט פאָרן, איז קיין תירוץ נישט.

**פערל:** אָבער וואָס וועלן די בעלי הבתים זאָגן? זיי האָבן דאָך אַזוי אויך טענות צו דיר.

**ר׳ לוי יצחק:** וואָס בין איך אַן עבד כנעני צו זיי? איך בין נאָר אַן עבד צום רבונו של עולם!

**פערל:** (בייז) איך וויל נישט אַז דו זאָלסט פאָרן!

**ר׳ לוי יצחק:** קיינער קאָן מיר נישט זאָגן אַ דעה, ווען עס קומט צום פאָרן צום רבין.

**פערל:** לוי יצחק, דו שטעלסט אונדז אַלע אין אַ סכנה! ר׳ ניסן האָט מיר בפירוש געזאָגט, אַז אויב דו וועסט גאָרנישט טאָן, וועט ער דעם חרם נישט אויסרופן.

**ר׳ לוי יצחק:** וואָס ווילסטו פון מיר? איך זאָל טאָן אַלץ וואָס עס געפעלט ר׳ ניסנען?

**פערל:** אָבער עס מיינט דאָך דיין רבנות שטעלע. עס מיינט מיך און עס מיינט דיינע דריי קינדער! וויפל איז דער שיעור געטריבן צו ווערן פון אָרט צו אָרט? (וויינט).

**ר׳ לוי יצחק:** אויב דו וועסט זיך איינשפאָרן, וועל איך נישט פאָרן. אָבער דו געדענקסט נאָך אודאי וואָס כ׳האָב אַמאָל געטאָן, ווען דיין טאַטע האָט מיך נישט געלאָזט פאָרן קיין מעזעריטש? איך האָב גע־פאַסט פיר טעג, ביז ער האָט מיך געלאָזט פאָרן. איך וועל איצט אויך אַזוי טאָן.

**פערל:** (וויינענדיק) מיינעטוועגן, פאָר. זאָל זיין וואָס עס וויל! (אָפּ).

**ר׳ לוי יצחק:** (צו שמשין) פּאַק מיר איין דעם טלית ותפילין, אַ סידור און דעם זוהר און אויך אַ פריש העמד לכבוד שבת.

**שמשי:** (אָפּ. קומט צוריק מיט קלימעקל).

**ר׳ לוי יצחק:** גיב מיר דעם טולופּ און דעם שטעקן.

**שמשי:** (טוט אים אָן דעם טולופּ און דערלאַנגט אים דעם שטעקן).

**ר׳ לוי יצחק:** נו, זייט אַלע געזונט. קום, שמשי, מיט מיר, צו די פורן, דערנאָך קאָנסטו גיין אַהיים.

**אַלע:** פאַרט געזונטערהייט.

**ר׳ לוי יצחק מיט שמשין** (אָפּ אָבער זיי קומען באַלד צוריק אָפּ־געגאָסענע און אויסגעצוואָגענע).

**פערל:** (קומט אַריין, פאַרוואונדערט) וואָס איז געשען?

**שמשי:** די פאַסקודנע יידענע וואָס וואוינט איבער אונדז האָט אָפּ־געגאָסן דעם רב און מיך מיט אַן עמער וואַסער.

**פערל:** אַז די הענט זאָל איר דערפאַר אָפּגעדאַרט ווערן.

**ר׳ לוי יצחק:** שעלט נישט, פערל! שעלט איר נישט. זי איז אַ כשרע יידישע טאָכטער!

**פערל:** מיט וואָס איז זי אַזוי אַזאַ כשרע בהמה? ווייל זי האָט נישט קיין דרך ארץ פאַרן רב?

**ר׳ לוי יצחק:** זי האָט דאָס געטאָן מן הסתם ווייל איר מאַן האָט עס איר געהייסן, און אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז ווער איז אַ כשרע ווייב? די וואָס טוט דעם ווילן פון איר מאַן.

**פערל:** (אָפּ. קומט צוריק אַריין מיט צווי האַנטטיכער און דער־לאַנגט איינס דעם רב און איינס שמשין. זיי ווישן זיך אַרום). **אפשר שוין נישט פאַרן, לוי יצחק?**

**ר׳ לוי יצחק:** צוליב אַ ביסל וואַסער נישט פאָרן צום רבין? קום, שמשי. זייט געזונט אַלע. (אָפּ מיט שמשין).

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** איצט דאַרף מען אָנשרייבן דעם נוסח פון אונדזער חרם, וואָס מיר ווילן אויסרופן אויף זיי.

**דער ליאַדער רבי:** יאָ, מען דאַרף עס גוט באַטראַכטן, שורה נאָך שורה, כדי מען זאָל נישט געבן זיי קיין פתחון פה.

**פערל:** (נישט דרייסט) מיינע טייערע געסט, גרויסע רבנים. כ׳וואָלט געוואָלט אייך עפּעס בעטן.

**דער ליאַדער רבי:** בעט, רביצין, וואָס איז עס?

**פערל:** אַזוי ווי דאָס קינד בערישל שלאָפט און ער האָט זייער אַ לייכטן שלאָף, וואָלט אפשר בעסער געווען אַז איר זאָלט אַלע אַריינגיין אין דער גרויסער שטוב און דאָרטן האָבן אייער אַסיפה.

**דער ליאַדער רבי:** אודאי, אודאי, רביצין. לאָמיר טאַקע גלייך אַריינגיין אין דער גרויסער שטוב.

(אַלע רבנים אָפּ דורך די טיר רעכטס).

(פויזע).

(מען קלאַפּט ביי דער טיר).

**פערל:** (לויפט עפענען די טיר).

**ערשטער אַדיוטאַנט:** (קומט אַריין מיט צווי גרויסע בלומען קראַנצן פאַרפּאַקט אין פּאַפּיר) **דאָ וואוינט פערל פרץ?**

**פערל:** (דערשראָקן) **יאָ.**

**ערשטער אַדיוטאַנט:** (צום צווייטן וואָס גייט הינטער אים און טראָגט אויך פונקט אַזעלכע צווי גרויסע בלומען קראַנצן פאַרפּאַקט אין פּאַפּיר) **דאָ איז עס! קום!**

**צווייטער אדיוטאַנט:** (גייט אַריין, נישט דרייסט) **דער יונגער פירשט האָט אייך געשיקט אָט די בלומען.**

**פערל:** (דערשראָקן) פאַרוואָס עפּעס בלומען? איר מוזט האָבן אַ טעות.

**ערשטער אַדיוטאַנט:** מיר האָבן נישט קיין טעות, דער יונגער פירשט האָט אייך געשיקט בלומען, לכבוד אייער געבורטסטאָג.

**פערל:** (פאַרוואונדערט) מיין געבורטסטאָג?

**ערשטער אַדיוטאַנט:** יאָ, מאָרגן איז אייער געבורטסטאָג, דעם 21טן נאָוועמבער. איר זעט אַז דער יונגער פירשט האָט עס נישט פאַר־געסן.

**פערל:** איך געדענק נישט, אַז כ'זאָל עס אים האָבן ווען געזאָגט.

**צווייטער אַדיוטאַנט:** מן הסתם האָט איר אים יאָ געזאָגט, נאָר איר האָט פאַרגעסן.

**ערשטער אַדיוטאַנט:** וואו זאָלן מיר אַוועקשטעלן די בלומען? אָט דאָ אין פראָנט־צימער?

**פערל:** (אָפּהענדיק) שטעלט זיי אַוועק וואו איר ווילט.

**ערשטער אַדיוטאַנט:** (שטעלט אַוועק די צוויי בלומען־קראַנצן אין מיטן צימער און נעמט אַראָפּ דאָס פּאַפּיר. דאָס טוט אויך דער צווייטער אַדיוטאַנט. די בלומען קראַנצן האָבן יעדעס אַן אות. דער ערשטער לינקס איז געמאַכט ווי אַ „פּ", דער צווייטער ווי אַן „ע", דער דריטער אַן „ר" און דער פערטער אַן „ל", אַזוי אַז צוזאַמען מאַכט עס אויס „פערל").

**פערל:** עס איז מיין נאָמען „פערל"!

**ערשטער אַדיוטאַנט:** יאָ, מאַדאַם. דער יונגער פירשט האָט אונדז געהייסן מאַכן אַזעלכע פיר קראַנצן מיט אייער נאָמען און ברייננגען זיי צו אייך. ער אַליין האָט נישט געקאָנט קומען, ווייל ער איז קראַנק. ער איז פאַרקילט.

**צווייטער אַדיוטאַנט:** מיר האָבן נאָך עפּעס פאַר אייך, מאַדאַם.

**פערל:** נאָך עפּעס?

**ערשטער אַדיוטאַנט:** (נעמט אַרויס אַ פאַרפּאַקט קליין שאַכטעלע און דערלאַנגט עס איר).

**פערל:** (עפנט עס און דערזעט אַ בריליאַנטן פינגערל, וואָס לייכט זייער שטאַרק, רופט אויס) אַ בריליאַנטן פינגערל!

**ערשטער אַדיוטאַנט:** עס איז גאָר אַלט. עס שטאַמט פון צען דורות צוריק. צום לעצטן האָט עס געטראָגן די אַלטע פירשטין.

**פערל:** (באַטראַכט עס) אַן אַנטיק!

**צווייטער אַדיוטאַנט:** און מיר האָבן אויך אַ בריוו צו אייך.

**פערל:** אַ בריוו פון יונגן פירשט?

**ערשטער אַדיוטאַנט:** יאָ. (גיט איר דעם בריוו).

**פּערל:** (אונרואיק) זיין האַנדשריפט. וואָס שרייבט ער מיר?

**ערשטער אַדיוטאַנט:** (דערלאַנגט איר אַ פּאַפּיר) זייט אַזוי גוט, מאַדאַם, און שרייבט זיך אונטער אַז איר האָט דאָס אַלץ דערהאַלטן.

**פּערל:** (קווינקעלט זיך) זיך אונטערשרייבן?

**ערשטער אַדיוטאַנט:** איר מוסט עס טאָן פאַר אונדז, אַז נישט וועט דער יונגער פירשט נאָך מיינען אַז מיר האָבן עס אייך נישט אָפּגעגעבן און ער קאָן אונדז דערפאַר פאַרשמייסן. שרייבט זיך אונטער אָט דאָ. (דערלאַנגט איר אַ פּאַפּיר).

**פּערל:** (שרייבט אונטער איר נאָמען).

**ערשטער און צווייטער אַדיוטאַנט:** אַדיע, מאַדאַם!

**פּערל:** אַדיע! אַדיע!

**ביידע אַדיוטאַנטן:** (אָפּ).

**פּערל:** (פאַלט צו די בלומען) וואָס פאַר אַ הערליכע בלומען! זע נאָר, רויזן און ליליען און נעלקען און טוליפּן און פאַרגעס־מיך־נישט. אַזוי פיל סאָרטן בלומען! (שמעקט צו זיי) ווי הערליך זיי שמעקן! אַך, די לופט איז דאָ אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַזעלכע גוטע ריחות! יאָ! ער האָט מיך באמת ליב דער יונגער פירשט און ווי אומגליקלעך ער מוז זיין ווייל איך קאָן זיין ליבע נישט אָפּענטפערן! יאָ, ווי ער האָט דאָס געדענקט אַן מיין געבורטס־טאָג, וואָס איך אַליין געדענק גאָרנישט. איך געדענק גאָרנישט, אַז כ'זאָל אים האָבן געזאָגט, ווען עס איז מיין געבורטס־טאָג, נאָר מן הסתם האָב איך עס דאָך אים געזאָגט, אַז נישט וואָלט ער דאָך נישט געוואוסט. אַך! ווי הערליך די בלומען זיינען! און ווי ער האָט דאָס געהייסן אַז מען זאָל זיי מאַכן לויט די אותיות פון מיין נאָמען — פּערל! (הערט אַ שטימע פון איינעם פון די רבנים אין אַנדערן צימער: „מען מוז זיך גוט מיישב זיין, ווי אַזוי צו שרייבן דעם נוסח פון חרם”. זי כאַפּט זיך, שמייכלט) דאָרטן רעדט מען וועגן אַ חרם און דאָ איז דער צימער פול מיט ליבע און בלומען! וואָס פאַרא סתירה! און אפשר איז עס גאָר קיין סתירה נישט... אפשר איז עס דאָס זעלבע. דאָרטן גייט מען לייגן מענטשן אין חרם אַריין צוליב האָבן אַן אַנדער מיינונג, און דאָ? אפשר ווען זיי זאָלן וויסן פון די בלומען וואָלטן זיי מיך אויך געלייגט אין חרם אַריין? (שטעלט זיך אויף) אָבער זיי קאָנען נאָך אַריינקומען, מען דאַרף גיך באַהאַלטן די בלומען איידער עמיצער פון זיי קומט אַריין. (נעמט צוויי קראַנצן פון די בלומען און טראָגט זיי אַריין אין דער קיך, קומט צוריק און נעמט די אַנדערע צוויי קראַנצן און טראָגט זיי אויך אַריין אין דער קיך. ווען זי קומט צוריק אַריין, זעצט זי זיך אַוועק אויף אַ שטול, נעמט אַרויס דאָס פינגערל און באַטראַכט עס) ווי הערליך ער איז! עס מוז דאָך ווערט זיין אַן אוצר! עס מוז קאָסטן אַ פאַרמעגן!

(פאַרטראַכט זיך) עס איז מיר עפּעס איינגעפאַלן און איך ווייס שוין וואָס איך וועל דערמיט טאָן! איך וועל עס נישט טראָגן אויף מיין פינגער, ניין, איך וועל עס פאַרקויפן, און דאָס געלט וועל איך צולייגן צו די צוויי טויזנט דוקאַטן וואָס איך האָב, און באַצאָלן אים דעם חוב. עס זאָל נאָר זיין געזונט! עס וועט טאַקע זיין פון זיין פינגערל, אָבער ער האָט עס דאָך מיר געגעבן און איך קאָן טאָן דערמיט וואָס איך וויל. הלוואי זאָל איך נאָר קריגן דערפאַר די איבעריקע אַכט טויזנט דוקאַטן, דעמאָלט וועל איך אים אָוועקגעבן דאָס געלט און וועל זיין אַ פרייער מענטש! אמת, ער מאָנט עס איצט ביי מיר נישט אַזוי שטאַרק, ער גייט אום מיט מיר זייער איידל! יאָ, ער איז נאָך אַלעם אַן איידעלער מענטש! (כאַפּט זיך) גאָר פאַרגעסן צו לייענען זיין בריוו. לאָמיך זען וואָס ער שרייבט צו מיר (נעמט אַרויס דעם בריוו, עפנט אים אויף און לייענט:)

מיין פערלדיקע פּערל, די אויסדערוויילטע פון מיין האַרצן, מיין נשמה און מיין לעבן!

ווי גליקלעך בין איך צו קאָנען פרייען זיך אין דיין געבורטס־טאָג, כאָטש דו ביסט נישט אין גאַנצן מיינע, ווייל דו ביסט נאָך געפאַנגען אין דעם נעץ פון דיין מאַן און פון דער געזעלשאַפט אַרום דיר. דאָך ווייס איך אַז דיין געבורטס־טאָג מיינט פאַר מיר אַלץ אין דער וועלט, ווייל אַ דאַנק דעם טאָג בין איך היינט דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. מיין נשמהלע, מיין גאַנץ לעבן איז איצט נאָר צוליב דיר און זע איך דיך אָדער איך הער דיין שטימע, בין איך פול מיט גליק פאַר טעג און וואָכן. וואָרום ווען אַפילו דו טרייבסט מיך פון דיר — בין איך מיט דיר! איך ליב דיך! איך ליב דיך!! איך ליב דיך!!! איך זאָג עס פון דער טיפעניש פון מיין האַרצן מיט מיין גאַנצער נשמה, און מיין גאַנץ לעבן. קיין שום רעליגיע קאָן מיר נישט זאָגן אַנדערש, פּונקט אַזוי ווי קיין שום געזעץ קאָן עס מיר נישט באַפוילן און קיין געזעלשאַפט קאָן מיך נישט מאַכן אַנדערש צו דענקען און צו פילן. עס איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך וואָס איך זאָל נישט קאָנען טאָן פאַר דיר, און נישט בלויז פאַר דיר אין גאַנצן נאָר אַפילו פאַר איינעם פון דיינע שמייכלען אָדער פאַר אַ בליק פון דיינע אויגן. מיין איינ־ציקער טרייסט אין לעבן איז נאָר אַז דו ווייסט עס און אפשר פילסטו עס אויך אַזוי שטאַרק ווי איך. דעמאָלט וואָלט איך ממש געטאַנצט אין די גאַסן פאַר פרייד!

(ווייַנט שטיל. לאַנגע פויזע).

מיין געליבטע, איך מוז זיך פאַר דיר מודה זיין, אַז כ'האָב ווידער אַמאָל געטאָן אַ בייזוויליגקייט קעגן דיין מאַן. ער איז ווירק־

לעד אַן איידעלער מענטש און אַ הייליקער און איך פיל אַז איך טאָר קעגן אים גאָרנישט טאָן, אָבער ווען אַ באַנדע פריצים האָבן מיר געזאָגט אַז אַ רב מיטן נאָמען אביגדור וויל פאַרטרייבן דיין מאַן פון דער רבנות שטעלע אין פינסק און פאַרנעמען זיין פלאַץ און אַז ער זאָגט זיי צו דערפאַר צען טויזנט דוקאַטן דורך אַרויפליגן פאַ־דאַטקעס אויף קהל, האָב איך זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן פון זאָגן זיי, אַז איך בין מיט זיי. היינט אָדער מאָרגן וועט מען ווידער דיין מאַן אַרויסצוטרייבן פון פינסק. מיין האָפנונג איז אַז ווען דו וועסט בלייבן אַליין וועסטו אפשר קומען צו מיר. די האָפנונג איז איז דורכדעם יעדנפאַלס פאַרשטאַרקט געוואָרן.

(ווײנט שטיל. פויזע).

איך האָב דיר שוין געזאָגט אַז איך וויל נישט מער פאַרלאַנגען פון דיר אַז דו זאָלסט איבערגיין צו מיין גלויבן. איך וויל נישט פון דיר אַזאַ קרבן. אויב דו געדענקסט האָב איך דיר גע־זאָגט, אַז איך וויל איבערגיין צו דיין גלויבן און ווערן אַ ייד. אָבער כ'האָב עס פּרובירט שוין טאָן און האָב באַגעגנט געוואַלטיקע שוועריקייטן; ווי נאָר איך קום צו אַ רב און זאָג אים אַז כ'וויל ווערן אַ ייד, ווייל איך בין פאַרליבט אין אַ יידישער פרוי, זאָגט מען עס מיר אָפּ. פאַרוואָס טוען זיי דאָס די רבנים? דעריבער, טייערע, אפשר וואָלט דיין מאַן, וואָס איז אַ גרויסער רב, מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ ייד? ער מעג דאָס טאָן בלויז צוליב חוב וואָס מיר קומט פון דיר, אָבער אפשר וועסטו זאָגן מיר, אַז ער איז בייז אויף מיר ווייל איך בין מיט די וואָס רודפן אים, האָב איך נאָך אַ פלאַן. זאָל ער מיך מאַכן פאַר אַ ייד און איך וועל אים אויפבויען אַ פאַלאַץ אין וועלכער שטאָט ער וועט נאָר וועלן און דערצו אַ בית המדרש און אַ מקווה. און איך וועל אָוועקלייגן געלט אין באַנק פאַר זיין אויסהאַלט אויף אַ גאַנצן לעבן אַזוי אַז ער וועט קאָנען לעבן ווי ער וויל, אויף זיין שטייגער.

אָבער אויב מיינע רייד קריכן דיר נישט אין קאָפּ אַריין, טאָ זיי מיר מוחל, מיין געליבטע. איך האָף דיך אין גיכן צו זען. דייך, יאָזעף.

**פּערל:** (ווײנט אין דער שטיל) יעדעס מאָל ווען ער קומט אָדער ער שיקט מיר אַ בריוו צושרויפט ער מיך! איך וויל זיין טריי צו מיין מאַן און קינד און ער רופט אַרויס אַ שטורם אין מיר!... וואָס טוט מען? ווי אַזוי ווערט מען פון אים פּטור?... (עס הערן זיך ווערטער פון אַנ־דערן צימער: „עס טויג נישט אַזוי! דער נוסח טויג נישט!" פּערל באַהאַלט גיך ביי זיך דאָס פינגערל און דעם בריוו אין איר בוזעם).

(ר׳ ניסן און אביגדור קומען אַריין).

**ר׳ ניסן:** (צו פערלען, בייז) וואו איז דער רבֿ?

**פערל:** דער רבֿ איז נישטאָ.

**אביגדור:** ער איז אַוועקגעפאָרן?

**פערל:** יאָ.

**אביגדור:** צום מגיד?

**פערל:** יאָ.

**ר׳ ניסן:** ער איז דאָך ערשט נאָר וואָס געקומען פון מגיד?

**פערל:** נו, איז ער געפאָרן נאָך אַ מאָל אַהין. מן הסתם האָט ער דאָך גדאַרפט צו פאָרן.

**אביגדור:** מיר ווייסן צוליב וואָס ער איז געפאָרן אַהין, מיר ווייסן אַלץ. (צו ר׳ ניסן) זאָל איך איר זאָגן?

**ר׳ ניסן:** איר קאָנט עס איר זאָגן. עס איז ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן.

**אביגדור:** ער איז געפאָרן כדי אויסצורופן אַ חרם אויף אונדז.

**פערל:** איך ווייס נישט דערפון.

**אביגדור:** רביצין, מאַכט זיך נישט תמעוואַטע! עס איז דאָ געווען ביי אייך אַן אסיפה פון חסידישע רביים און רבנים, אויף וועלכע מען האָט באַשטימט דאָס צו טאָן, אָבער מען האָט מורא געהאַט צו טאָן דאָס אָן דעם מגידס רשות. נו, איז ער דאָס געפאָרן אַהין, כדי עס אים מודיע צו זיין. נו, איר זעט אַז מיר ווייסן אַלצדינג

**פערל:** אַזוי! הייסט עס איר האָט עמיצן דאָ, וואָס גיט אייך אַלץ איבער?!

**אביגדור:** דאָס איז אונדזער זאַך.

**פערל:** נו, אויב אַזוי, האָבן מיר אויך עמיצן וואָס גיט אונדז איבער אַלץ וואָס איר טוט, באַזונדערס אייערע מעשים, הער אביגדור. זעט איר, איך ווייס אַז איר האָט אונטערהאַנדלט מיט די פריצים און אַז איר האָט זיי פאַרגעלייגט, אַז ווען זיי וועלן אייך איבערגעבן די כסא הרבנות, וועט איר זיי געבן אין צוויי יאָר צייט צען טויזנט דוקאַטן. איך ווייס אויך, אַז איר פלאַנט אַרויפצולייגן אַ נייעם אָפּצאָל אויף קהל כדי צו האָבן זיי צו געבן די צען טויזנט דוקאַטן.

**אביגדור:** (בייז) עס איז נישט אמת. דאָס טראַכט איר זיך אויס. עס איז אַ בלבול!

**פערל:** איר ווילט אַז איך זאָל ברענגען עמיצן פון די פריצים וואָס זאָל דאָס באַשטעטיקן?

**אביגדור:** איך ווייס וועמען איר מיינט, איר מיינט אייער ליובאָוויק, דעם יונגן פירשט.

**פּערל:** (מיט כעס) שווייגט, אַז נישט וועל איך כאַפּן דעם בעזים צו אייך.

**אביגדור:** כאַפּט נישט, רביצין, כאַפּט נאָך נישט. מיר ווייסן אַפילו, אַז ער האָט אייך ערשט נאַרוואָס געשיקט בלומען, פיר קראַנצן פון בלומען. ער מוז זיין שטאַרק פאַרליבט אין אייך!

**פּערל:** (לויפט אַריין אין דער קיך כדי צו כאַפּן אַ בעזים און לאָזט די טיר פון קיך אָביסל אָפן).

**אביגדור:** (קוקט איר נאָך, צו ר' ניסן) ר' ניסן, קוקט דאָרטן אין דער קיך אַריין, וועט איר זען די בלומען! אָט שטייען זיי!

**ר' ניסן:** (קוקט אַהין) טאַקע! טאַקע!

**פּערל:** (קומט צוריק מיט אַ בעזים אין האַנט. צו אַביגדור) אַרויס פון דאַנען, אַרויס!

**אביגדור:** אָט שטייען דאָרטן די בלומען. זיי שטייען אין קיך, מיר האָבן זיי געזען ווען איר האָט געעפנט די טיר פון דער קיך צו כאַפּן דעם בעזים.

**פּערל:** (לויפט צו מיט כעס צו אביגדורן און דערלאַנגט אים אַ שמיץ מיטן בעזים) אַרויס פון דאַנען, האָב איך געזאָגט! אַרויס איר ביידע!

**ר' ניסן:** עס איז אַ חוצפּה פון אייך, רביצין, אַזוי צו האַנדלען בנוגע אַזאַ תּלמיד חכם און דאָס וועט אייך טייער קאָסטן. איך האָב די גאַנצע צייט געהאַט בדעה אָפּצולייגן דאָס אַרויסרופן דעם חרם אויף נאָך אַ וואָך ביז אייער מאַן, דער רב, וועט קומען צוריק, כדי צו געבן אים די געלעגנהייט תּשובה צו טאָן, אָבער אַז איר זענט אַזוי אָנגעפאַלן אויף אונדז און אַז איר האָט נישט קיין דרך ארץ פאַר אַזאַ גרויסן תּלמיד חכם ווי הרב אביגדור, און אַזוי ווי אייער מאַן, דער רב, איז געפאָרן צום מגיד וועגן אויסרופן אַ חרם אויף אונדז, וועלן מיר אויסרופן דעם חרם טאַקע שוין מאָרגן צוזאַמען מיט אַלע קהלות פון דער ליטע. קומט, הרב אביגדור, מיר וועלן באַלד זאָגן יונה שמש אַז ער זאָל אַלץ צוגרייטן.

(ביידע אָפּ).

**פּערל:** (וויינט. אין כעס אויף זיך אַליין) נאָך וואָס פאַר אַן אָנ־שיקעניש האָב איך געדאַרפט איצט די בלומען! מיט כעס) איך וועל זיי צוררייסן אויף פּיץ־פּיצלעך. (לויפט צו צו דער טיר פון דער קיך און בלייבט שטיין. צו זיך אַליין) ניין, איך טאָר עס נישט טאָן אין דער קיך, איך קאָן נאָך אויפוועקן בערישלען. איך וועל עס דאָ טאָן. (אָפּ. קומט צוריק מיט אַ זאַק און מיט איינעם פון די בלומען קראַנצן, טרעט די בלומען מיט די פיס אַן דערנאָך רייסט זי אָפּ יעדע שטיק און וואַרפט זי אין זאַק אַריין. די מורמעלט עפּעס אין דער שטיל. גייט צוריק אַריין

אין קיך און ברײנגט װידער אַרײַן אַ בלומען קראַנץ און טוט װידער אָזױ, און אַזױ מיט אַלע פֿיר קראַנצן. דערנאָך נעמט זי דעם זאַק און בינדט אים צו. (װײנט שטיל) **אָט דאָס איז דער סוף פֿון די בלומען! אָט דאָס איז דער סוף פֿון אַלעם בײַ אונדז!...** (צו זיך אַלײן) **נײן, איך בין אַ רביצין און אַ מאַמע פֿון דרײַ קינדער! איך טאָר זיך נישט אַרײַנלאָזן אין אַזעלכע נאַרישקײטן! איך מוז זײַן שטאַרק! שטאַרק!! שטאַרק!!! איך טאָר זיך נישט פֿאַרלירן! עס איז נישט פֿאַר מיר! נײן, עס איז נישט פֿאַר מיר! נישט פֿאַר אַ ײִדישע טאָכטער! מיר ײִדן זײַנען אין גלות! זײ מעגן, אָבער מיר נישט! מיר נישט!...** (װײנט אין דער שטיל, דערנאָך פֿאַרדרײט זי אַביסל די לאָמפּ, נעמט דעם זאַק און גײט מיט אים אַװעק אין דער קיך).

(פּױזע. פֿינצטערלעך אױף דער בינע. פֿון אַנדערן צימער הערט זיך װי די רבנים האַמפּערן: „עס טױג נישט אַזױ! עס טױג נישט אַזױ! מען דאַרף שרײַבן אַנדערש“! „זאָל מען איבערלײענען פֿון אָנהײב אָן“! „מען דאַרף נישט פֿון אָנהײב אָן. װיפֿל מאָל איז דער שיעור דאָס צו לײענען“! פּױזע. עס הױבט זיך אָן צו זשאַרען אױף טאָג).

(יונה שמש און זײַן זון אײדל קומען אַרײַן. זײ טראָגן צװײ גרױסע פּעקלעך).

**יונה שמש:** (רופֿט) **רביצין, װוּ איז די רביצין?**

**פּערל:** (פֿון אַנדערן צימער) **װער איז דאָרטן?**

**יונה שמש: איך, יונה, דער שמש פֿון שול. איך דאַרף אײַך זײער נױטיק זען, רביצין.**

**פּערל: איך קום באַלד אַרױס צו אײַך. װאַרט אַביסל.**

**יונה שמש:** (לײגט אַװעק זײַן פּעקל, צו אײדלען) **לײג אױך אַװעק דײַן פּעקל. מיר װעלן דאָ אַביסל װאַרטן.**

**פּערל:** (קומט אַרױס) **װאָס איז געשען, יונה? װאָס עפּעס אַזױ פֿרי?**

**יונה שמש:** (קאַקעצט אַביסל) **ר־ביצין, רבי־ציך, איר װײסט דאָך אַז איך האָב ליב דעם רב און טאַקע אײַך אױך. איר זענט דאָך אַזעלכע פֿײַנע מענטשן. אַזאַ יאָר אױף מיר! נו, בין איך געקומען אײַך מודיע זײַן אַז ר' ניסן האָט מיך געהײסן ברענגען הײַנט אין דער פֿרי אין שול אַרײַן שװאַרצע ליכט און דאָס שװאַרצע פּרוכת און שװאַרץ געװאַנט װײַל זײ גײען אַרױסרופֿן אַ חרם אױף די חסידים, דאָס װעט הײסן, אַז אײער מאַן װעט נישט מער זײַן דער רב פֿון פּינסק. זײ גײען אַװעקזעצן אױפֿן כסא הרבנות דעם רב אביגדור. נו, אַזױ װי איך בין דער שמש פֿון שול, מוז איך טאָן אַלץ װאָס דער ראש הקהל הײסט, אָבער עס טוט מיר װײ דאָס האַרץ אױפֿן רב און אױך אױף אײַך. מײַן מײנונג איז,**

רביצין, אַז איר זאָלט אַריבערגיין צו ר׳ ניסנען און בעטן אים, אַז ער זאָל וואַרטן ביז דער רב וועט קומען צוריק, און אפשר וועט ער אין גאַנצן נישט מער אַרויסרופן דעם חרם. איר דאַרפט עס טאָן, רביצין.

**פערל:** איר זענט גערעכט, יונה, אפשר וועט איר מיטגיין מיט מיר יונה.

**יונה שמש:** (קווינקלט זיך) כ׳האָב מורא אַז ר׳ ניסן וועט שרייען אויף מיר.

**פערל:** ער וועט נישט שרייען, איך וועל אים זאָגן אַז איך האָב אייך געבעטן צו גיין מיט מיר. אין צווייען איז שטאַרקער. איבעריגענס, איך בין דאָך נאָר אַ זינדיקע פרוי, צוזאַמען מיט אַ מאַנסביל איז בעסער.

**יונה שמש:** אויב איר ווילט דווקא אַזוי וועל איך גיין מיט אייך (צו אידלען) דו בלייב דאָ זיצן. איך לאָז דאָ איבער ביידע פעקלעך. וואַרט דאָ פאַר מיר!

(דער ליאַדער רבי און ר׳ אברהם קאַליסקער קומען אַריין פון זייטיקן צימער. נאָך זיי גייען דער רבי ר׳ ברוך און ר׳ אהרן קאַרלינער. אַלע זעען אויס אויסגעמאַטערט פון אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן און פון די האַמפּערנישן, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען וועגן נוסח פון חרם).

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** כ׳בין צופרידן דערפון וואָס דער נוסח פון חרם געפעלט איצט שוין אַלע.

**דער ליאַדער רבי:** ר׳ אברהם, רופט עס נישט אָן אַ חרם, נאָר אַ חרם על תנאי. וואָס דער אמת איז, בין איך אַפילו פון דעם נוסח אויך נישט שטאַרק צופרידן, אָבער אַז איר אַלע זאָגט יאָ, גיב איך זיך אונטער.

**דער רבי ר׳ ברוך:** דער נוסח אַזוי ווי ער איז איצט, געפעלט מיר זייער שטאַרק.

**ר׳ אהרן קאַרלינער:** יאָ, דער נוסח אַזוי ווי ער איז איצט געפעלט מיר אויך. דאָך מוז מען וואַרטן ביז ר׳ לוי יצחק וועט קומען צוריק. מען מוז הערן וואָס דער מגיד האָט צו זאָגן וועגן דעם.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** בשום אופן נישט! איך בין פון אָנהויב אָן געווען קעגן דעם אַז מען זאָל וואַרטן. וויפל מאָל דאַרף איך אייך דערוויזן, אַז לויטן דין מוז מען עס טאָן פריהער איידער זיי טוען עס, אַז נישט טויג עס נישט. און בכלל, פאַרוואָס מעגן זיי אויסרופן אַ חרם אויף אונדז און מיר אויף זיי טאָרן נישט?

**דער ליאַדער רבי:** איך בין נישט מסכים מיט אייך ר׳ אברהם.

**דער רבי ר׳ ברוך:** פאַרוואָס זייט איר נישט מסכים? איך האָב נישט דאַקעגן. זאָל מען אים שוין אויסרופן, אָט שוין דאָ!

**ר׳ אהרן קאַרלינער:** מען דאַרף וואַרטן! דערויף האָבן מיר דאָך

געשיקט ר׳ לוי יצחקן צום מגיד! אויב נישט צו וואָס האָט מען גע־דאַרפט אין גאַנצן אים צו שיקן צו אים?!

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** (קוקט זיך אַרום, דערזעט דאָס יינגל אידל, ווענדעט זיך צו אים) ווער ביסטו, יינגעלע?

**אידל:** יונה שמשס זון.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** און ווי הייסטו?

**אידל:** איך הייס אידל.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** און וואָס טוסטו דאָ?

**אידל:** איך בין געקומען אַהער מיטן טאַטן. מען גייט היינט אויס־רופן אַ חרם אויף די חסידים. האָט דער טאַטע מיך געבעטן צו העלפן אים טראָגן די פעקלעך.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** און וואָס האָסטו דאָ אין די פעקלעך?

**אידל:** דאָ ליגט דאָס שוואַרצע געוואַנט וואָס מען וועט אויסהענגען אויף די ווענט פון דער שול און דער שוואַרצער פּרוכת און אין אַנדערן פּעקל — ליגן די שאַרצע ליכט.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** און וואו איז דיין טאַטע?

**אידל:** ער איז צוזאַמען מיט דער רביצין אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ ניסנען און ער האָט מיר געהייסן דאָ וואַרטן.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** (צו אַלע רבנים) איר האָט געהערט! נו, איז עס נישט מן השמים אַז מיר זאָלן תיכף אויסרופן אַ חרם אויף זיי? עס איז אונדז ממש צוגעשיקט געוואָרן די אַלע זאַכן. עס איז אונדז גע־קומען ממש אונטער דער האַנט. מען דאַרף שוין בעמען און טאָן! איר פאַרשטייט?

**בערישל** (אין אַנדערן צימער וויינט: „מאַמע”).

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** יינגעלע, גיי אַריין צו בערישלען אין דער אַנדערער שטוב און שפּיל זיך מיט אים. זע אַז ער זאָל נישט וויינען. נאַ דיר אַ קאָפּיקע און שפּיל זיך מיט אים (דערלאַנגט אים אַ קאָפּיקע).

**אידל:** (אָפּ).

**שמשי:** (קומט אַריין).

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** (צו שמשין) גוט וואָס דו ביסט געקומען. לויף שוין גיך אין חסידים שטיבל אַריין און רוף אַהער אַ זעקס זיבן חסידים מאנשי שלומנו און מען וועט דאָ גלייך אויסרופן אַ חרם על תנאי אויף די וואָס ווילן אונדז לייגן אין חרם אַריין. אָבער לויף גיך, עס איז נישטאָ קיין צייט.

**שמשי:** גוט, איך גיי און קום גלייך צוריק מיט די חסידים.

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** (צעעפנט די פּעקלעך וואָס יונה שמש האָט מיטגעבראַכט. מען זעט די שוואַרצע געוואַנט, דעם שוואַרצן פּרוכת און

די שוואַרצע ליכט. ער נעמט אַרויס דעם שוואַרצן פּרוכת, גייט צו צום אָרון קודש, נעמט אַראָפּ דעם פּרוכת און הייגגט אויף דעם שוואַרצן. דערנאָך באַהיינגט ער די ווענט מיט דער שוואַרצער געוואַנט. שטעלט אַריין שוואַרצע ליכט אין עמוד פאַרן „שוויתי" און שמעלצט אויך אָן שוואַרצע ליכט אויפן טיש, אויף די ספרים שענק און וואו נאָר ער געפינט אַ פּלאַץ. דערנאָך גייט ער אַרום מיט אַ שוועבעלע און צינדט זיי אָן).

**שמשי:** (קומט אַריין מיט זיבן חסידים).

**ר' אברהם קאַליסקער:** (צו שמשין) גוט וואָס איר זייט שוין דאָ, מען מוז עס גלייך טאָן. שמשי, טייל אויס אַלעמען די שוואַרצע ליכט, זאָל יעדער איינער אָנטאָן דעם טלית און דערנאָך האַלטן אָן אָנגעצונדן שוואַרץ ליכט אין דער האַנט.

**שמשי:** (טיילט אויס אַלעמען די שוואַרצע ליכט. אַלע טוען אָן די טליתים און שמשי צינדט אָן ביי זיי די ליכט).

**ר' אברהם קאַליסקער:** (צו שמשי) איצט גיב מיר אַ שופר. עס איז דאָך מן הסתם דאָ אַ שופר ביים רבֿ?

**שמשי:** עס זיינען דאָ עטלעכע. איך וויל אייך געבן דעם בעסטן. (זוכט אונטערן ארון קודש און נעמט אַרויס אַ שופר און גיט אים צו ר' אברהם קאַליסקער).

**ר' אברהם קאַליסקער:** נו, איצט וועט מען אויסרופן דעם חרם על תנאי, אַ חרם אויף די וואָס וועלן זיך דערוועגן אויסצורופן אַ חרם אויף אונדז.

(אַ שטילקייט הערשט אין צימער).

**ר' אברהם קאַליסקער:** (בלאָזט שופר) תקיעה — שברים — תרועה — תקיעה גדולה! (אַ פּחד פאַלט אָן אויף אַלע) איצט וועלן מיר אָנהויבן (פאַרהויסט זיך, עס הערשט אָן אָנגעשטרענגטע שטילקייט, לייענט פון אַ פּאַפּיר): על דעת המקום ועל דעת הקהל זיינען מיר רבנים פון פיר גרויסע יידישע קהילות און פאַרשטייער פון טויזנטער חסידים אין פיל לענדער, זיך דאָ צוזאַמענגעקומען אויסצורופן אַ חרם אויף יענע יידן וואָס וועלן זיך דערוועגן אויסצורופן אַ חרם אויף אונדז. זיי זאָלן זיין אין חרם און מנודה פון דער וועלט און פון יענער וועלט און גאָטס שטראָף זאָל זיי פאַרפאַלגן, וואו נאָר זיי וועלן גיין און שטיין, ווייל זיי ווילן שפאַלטן די יידישן מחנה און אַריינברייגגען מחלוקתן צווישן יידן. מיר זיינען מכריז ומודיע אַז מיט דער מינוט וואָס זיי רופן אויס אַ חרם אויף אונדז שטייען זיי מחוץ דער מחנה פון יידן און מען טאָר נישט שטיין אין זייערע ד' אמות. מען טאָר מיט זיי נישט האָבן קיין שום מגע ומשא. עס זאָל קומען אויף זיי די שטראָף פון דער תוכחה און מען זאָל זיי רודפן מיט כעס און צאָרן און עס זאָל אויסגעריסן ווערן פון

שורש זייערע היימען און זייערע לעבנס, און זייער בלוט זאָל זיין ווי הפקר און אַלע אומגליקן פון דער וועלט זאָלן זיי פאַרפאַלגן. מיר זיינען אויך מכריז ומודיע אַז מען טאָר זיך נישט מיט זיי צוזאַמענקומען, מען טאָר זיי נישט מצרף זיין צום מנין און אודאי נישט מתחתן זיין מיט זיי און זיי זאָלן זיין פאַררעכנט ערגער נאָך ווי גוים. אָמן!

**אַלע:** (זאָגן) אָמן!

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** (בלאָזט שופר נאָך אַמאָל. צו שמשין) לעש אויס די ליכט!

**שמשי:** (הויבט אָן אויסצולעשן די ליכט).

**פּערל און יונה שמש:** (קומען אַריין, קוקן זיך אַרום מיט צושראָקענע אויגן).

**פּערל:** וואָס האָט איר געטאָן? (כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ) איר האָט אויסגערופן אַ חרם?! איך האָב דאָך שוין געפּוועלט ביי ר׳ ניסבען, אַז מען זאָל אָפּלייגן דאָס אויסרופן דעם חרם אויף אַ וואָך שפּעטער. (וויינט) ווען לוי יצחק וואָלט דאָ געווען וואָלט ער דערצו נישט דערלאָזט! (וויינט שטאַרקער) אַ חרם אויף יידן! ווי איז מיר! ווינד איז מיר!

**יונה שמש:** וואָס האָבן זיי דאָ געטאָן? זיי האָבן דאָך אויסגעברענט די שוואַרצע ליכט, וואָס כ׳האָב געהאָט צוגעגרייט פאַר דעם חרם אין שול! זיי האָבן גאָר געמאַכט אַ חרם! (טאָן ענדערנדיק, טרויעריק) ר׳ ניסן וועט מיר זיכער דערפאַר אָפּזאָגן פון שמשות פון דער שול.

**פּערל:** פאַרוואָס האָט איר, רבנים, נישט געוואַרט ביז לוי יצחק וועט צוריקקומען?

**ר׳ אברהם קאַליסקער:** גלויבט מיר, רביצין, אַז מיר האָבן נישט געקאָנט וואַרטן. מיר האָבן נישט געוואָלט מחרים זיין קיין יידן, אָבער מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאָט. מיר האָבן נישט געקאָנט וואַרטן ביז זיי וועלן אויסרופן אַ חרם אויף אונדז. (מיט טרערן אין די אויגן) מיר האָבן נישט געוואָלט מחרים זיין קיין יידן! זיי האָבן אונדז געצוואונגען דערצו!

**ר׳ אהרן קאַרלינער:** רביצין, מיר האָבן לכתחילה נישט געוואָלט אויסרופן קיין חרם, אָבער נאָך אַ לאַנגער אסיפה איז געבליבן במוסכם כולם, אַז מיר קאָנען נישט וואַרטן. מיר האָבן זיך געמוזט מקדים זיין!

**דער רבי ר׳ ברוך:** אודאי ווילן מיר נישט קיין מחלוקת, אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז אין ווילנע פירט מען אַ גאַנצע העצע קעגן אונדז. אַלע ווייסן אַז מיר האָבן דעם חרם נישט געוואָלט. (וויינט).

**דער ליאַדער רבי:** איך בין געווען קעגן אַ חרם פון אָנהויב אָן, אָבער איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבן דעם דעת הרבנים! (וויינט).

(אַלע שטייען מיט געבויגענע קעפּ און מיט טרערן אין די אויגן).

**פערל:** (וויינט) ווי איז מיר! ווינד איז מיר! וואָס איך האָב דער־לעבט! (פאַלט אַריין אין אַ היסטעריקע) וויפיל איז דער שיעור צו ליידן און ווי לאַנג נאָך גאָט, ווי לאַנג? (צו די רבנים) און איר? וואָס האָט איר זיך אַזוי געאײַלט? איר, וואָס איר רעדט אַזוי פיל פון אחדות, פון אהבת ישראל! איר וואָס ווילט ווייזן אַ בייעם דרך, מיט וואָס זענט איר דאָס בעסער פאַר זיי?... אויך איר גייט מיט חרמות, מיט שנאה, מיט מחלוקת!... איר זענט נאָך ערגער!... זיי האָבן דאָך געוואָלט אָפּ־לייגן דאָס אויסרופן דעם חרם און איר האָט נישט געוואָלט וואַרטן ביז לוי יצחק וועט קומען צוריק! (שטורמיש) נאָך וואָס זענט איר געקומען אַהער צו צושטערן מיר מיין היים?! (רייסט זיך די האָר פון קאָפּ) פאַרט אַהיים געזונטערהייט! פאַרט פון דאַנען!... (וויינט שטאַרק) רבונו של עולם אויב איך האָב פאַרדינט אַ שטראָף, פאַרוואָס איז שולדיק מיין הייליקער מאַן און מיינע דריי אומשולדיקע קינדער! (צוכליפּעט זיך הויך).

(אַלע רבנים שטייען מיט געבויגענע קעפּ און מיט טרערן אין די אויגן).

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

# צווישן־שפּיל

## (פאַר דעם פאָרהאַנג)

**משה:** גוט מאָרגן, ר׳ שלמה.

**ר׳ שלמה:** גוט מאָרגן, גוט מאָרגן משה. וואָס מאַכסטו?

**משה:** (פאַרטראַכט) עס גייען אַרום פאַרשיידענע מעשיות וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביים מגיד אין מעזעריטש, ווען ר׳ לוי יצחק איז געקומען צו אים מכח אַ חרם אויף די מתנגדים. איז עס טאַקע אמת, ר׳ שלמה, אַז דער מגיד איז געווען קעגן אַזאַ חרם?

**ר׳ שלמה:** יאָ, משה, כ׳האָב עס אַליין געהערט פון איינעם פון מגידס מקורבים. עס איז אַזוי געווען: באַלד נאָכדעם ווי די רבנים אין פּינסק האָבן אויסגערופן אַ חרם אויף די מתנגדים, האָט דער פּינסקער ראש הקהל ר׳ ניסן צוזאַמען מיטן נייעם רב, דעם מסור אביגדור, נאָך דעם זעלבן טאָג אויסגערופן אַ חרם אויף די חסידים. זיי האָבן ר׳ לוי יצחקן אַראָפּגעזעצט פון כסא הרבנות און אַוועקגעזעצט אַט דעם אביגדורן אויף זיין אָרט, דערנאָך איז אַ מחנה פון גראָבע יונגען אַוועק צו ר׳ לוי יצחקס הויז און געמאַכט דאָרטן אַ חורבן. זיי האָבן אויך געוואָלט אַרויסטרייבן די רביצין מיט אירע קינדער פון שטאָט.

**משה:** דאָס, ר׳ שלמה, ווייס איך. מיט דער מעשה האָט דאָך גע־קאָכט גאַנץ ליטע. אָבער כ׳וויל וויסן צו דער מגיד הקדוש איז טאַקע געווען קעגן אַ חרם אויף די מתנגדים?

**ר׳ שלמה:** לאָז רעדן! דאָס גיי איך דאָך דיר טאַקע דערציילן. עס איז אַזוי געווען: די רביצין פּערל האָט וועגן אַלעם געשריבן אַ בריוו צו איר מאַן, צו ר׳ לוי יצחקן וואָס איז געווען דעמאָלט ביים מגיד אין מעזעריטש. ר׳ לוי יצחק האָט די גאַנצע צייט געזוכט אַ שעת הכושר צו רעדן מיטן מגיד וועגן אַזאַ חרם, ווייל אָן דעם האָט ער בישט גע־וואָלט אַוועקפאָרן. ווען עס איז אָנגעקומען צו אים דער בריוו פון דער רביצין, האָט אים ר׳ לוי יצחק געוויזן צו זיינע מקורבים און אַלע זיינען געוואָרן זייער פאַרביטערט קעגן די מתנגדים. עס איז באַלד געבליבן, במוסכם כולם, אַז שבת בייטאָג, ווען דער מגיד וועט פירן טיש, זאָל

ר' לוי יצחק פאַרלייענען דעם בריוו פון דער רביצין בקול רם און זאָל זאָגן דעם מגיד אַז דאָס אַלץ איז געשען נאָכדעם, ווי מען האָט אויס־גערופן אַ חרם אויף די מתנגדים.

**משה:** טשיקאַווע! און ר' לוי יצחק האָט טאַקע געלייענט דעם בריוו בקול רם ביים מגידס טיש?

**ר' שלמה:** יאָ. ער האָט געלייענט דעם גאַנצן בריוו ביזן סוף. דער מגיד האָט דערויף גאָרנישט געזאָגט. ער האָט בלויז אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרקן זיפץ. מער נישט. דערפאַר איז דער מגיד שבת־צו־נאַכט אַריינגעקומען אין בית המדרש און געזאָגט צו זיינע תלמידים: „קינדער, איר ווייסט וואָס איר האָט אַזוינס אָפּגעטאָן?" איינער פון די תלמידים האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט צום מגיד: „באין ברירה האָבן מיר געמוזט מהפך זיין דעם חרם אויף די מחרימים". „קינדער — האָט דער מגיד ווייטער צו זיי געזאָגט — דערמיט האָט איר פאַרלוירן אייער מנהיג! כ'זאָג אייך אָבער צו, אַז ביי אַלע מחלוקתן וואָס איר וועט האָבן מיט די מתנגדים, וועט איר מנצח זיין". דאָס זיינען געווען זיינע ווערטער ממש און דו ווייסט דאָך אַז אין זעלבן יאָר איז דער מגיד נפטר געוואָרן.

**משה:** אָ, וואָ! אָ וואָ! אַזוי האָט ער געזאָגט? דער מגיד הקדוש האָט הייסט עס אַלץ פאָראויסגעזען!

**ר' שלמה:** וואָס וואונדערסטו זיך אַזוי? עפּעס אַ קלייניקייט, דער מגיד הקדוש!

**משה:** און אין זעלבן יאָר איז ר' לוי יצחק אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין זשעליכאָוו?

**ר' שלמה:** ניין, נישט אין זעלבן יאָר. אָבער נישט לאַנג נאָכדעם.

**משה:** ווי אַזוי איז עס געוואָרן?

**ר' שלמה:** גאָר פּשוט. די קהלה פון זשעליכאָוו האָט געשיקט נאָך אים און האָט אים אויפגענומען פאַר אַ רב בכבוד גדול.

**משה:** און גלייך דערנאָך איז פאָרגעקומען דער וויכוח מיטן בריס־קער רב אין זשעליכאָוו?

**ר' שלמה:** וואָס פעלט דיר איין? דער וויכוח איז פאָרגעקומען מיט פיל יאָרן שפּעטער, אין יאָר תק"מ און פאָרגעקומען איז ער נישט אין זשעליכאָוו נאָר אין אַ שול אין פּראַגע לעבן וואַרשע.

**משה:** דאָרטן גאָר?

**ר' שלמה:** אודאי. עס איז דעמאָלט אויסגעקומען ר' לוי יצחקן צו זיין אין אַ שליחת מצוה אין וואַרשע. פונקט דעמאָלט האָט זיך גע־מאַכט אַז דאָרטן איז אויך געווען דער בריסקער רב ר' אברהם קאַ־צענעלבויגן, איינער פון די הויפּט־אָנפירער פון די מתנגדים. האָט דער

בריסקער רב דווקא געוואָלט האָבן אַ וויכוח מיט ר׳ לוי יצחקן וועגן חסידות. האָט ר׳ לוי יצחק מסכים געווען און דער וויכוח איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן אין דער גרויסער שול אין פּראָגע, לעבן וואַרשע.

**משה:** טשיקאַווע, און ר׳ לוי יצחק האָט מנצח געווען!

**ר׳ שלמה:** וואָס דען, בהמה? קענסטו דען דיר עפּעס אַנדערש פאָרשטעלן? נישט מער, דער בריסקער רב, האָט, ווי דער שטייגער איז פון די מתנגדים, זיך געזידלט און איז אָנגעפאַלן אויף ר׳ לוי יצחקן מיט זלזולים, אָבער ר׳ לוי יצחק האָט אים געענטפערט געלאַסן. דאָס האָט דעם ליטוואַק נאָך מער געקרענקט און ער איז אַרויס מיט נאָך מער זלזולים, האָט ר׳ לוי יצחק נישט געוואָלט מער זיך מיט אים מתוכח זיין. פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ לוי יצחק האָט אים אויף אַלעם שוין געהאַט גע־ענטפערט פריער, אַזוי אַז דער בריסקער רב האָט נישט געהאַט מער וואָס צו זאָגן. ר׳ לוי יצחק האָט פון אים געמאַכט פּיווקע!

**משה:** און וואָס הערט זיך מכח יונגן פירשט?

**ר׳ שלמה:** (שפּרינגט אויף מיט כעס) וואָס עפּעס מיצקע דערינען? געהערט עפּעס אַ שפּרונג?! וואָס? שוין ווידער עפּעס אַ רכילות? האַ! שוין ווידער עפּעס אַ לשון הרעלע פון די מתנגדים? דו זאָלסט וויסן זיין, משה, אַז פּערל איז אַן אשה כשרה און אַ גרויסע צדיקת.

**משה:** בלי שום ספק, ר׳ שלמה. איך רעד חס ושלום נישט קעגן דער רביצין. אָבער מען האָט מיר ווידער עפּעס דערציילט אַ מעשה, אַז דער יונגער פירשט האָט דער רביצין געשיקט בלומען צו איר געבורטס־טאָג.

**ר׳ שלמה:** (בייז) בייס דיר בעסער אָפּ די צונג! דו זאָלסט נאָכ־רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן! דאָס האָט, מן הסתם, אביגדורס חברה אויס־געטראַכט. ימח שמם וזכרם!

**משה:** (שטיל) ר׳ שלמה, מען זאָגט אָבער דאָך אַז דער יונגער פירשט...

**ר׳ שלמה:** (מיט כעס, פאַרהאַלט זיך די אויערן און וויל נישט הערן) מען זאָגט, מען זאָגט, מאַלע וואָס מען זאָגט! צו וואָס הערסטו זיך גאָר צו, צו די אַלע פּלאַטקעס. הער מיך אויס, משה, כ׳וועל דיר פאַר־טרויען אַ סוד. איך בין ר׳ לוי יצחקס מלאך טוב און דער ימח־שמוניק איז זיין מלאך רע און מיר באַגלייטן אים זיין גאַנץ לעבן וואו נאָר ער גייט, אַזוי איז נגזר געוואָרן אין הימל... יענער חברה מאַן פירט כסדר מלחמות מיט מיר, אָבער איך וועל אים סוף כל סוף גובר זיין, מיט השם יתברכס הילף, אָבער עס איז שוין שפּעט, איך דאַרף גיין, אַ גוטן טאָג, משה.

**משה:** אַ גוטן טאָג, ר׳ שלמה.

בײדע אָפּ).

# צווייטער אַקט

## צווייטע סצענע

וואוינונג פון ר׳ לוי יצחק, רב פון זשעליכאָוו. אַ גרויסע בית דין שטוב. רעכטס ספרים שענק און אָרון קודש. נישט ווייט פון דאָרט אַ גרויסער טיש מיט לאַנגע בענק פון ביידע זייטן. אויבן־אָן רעכטס — אַ פאָטעלער־שטול פאַרן רב. אין דער וואַנט קעגנאיבער דעם פובליקום צוויי טירן צו די אינערליכע צימערן. לינקס אַ טיר צו אַ קאָרידאָר, וואָס פירט צו דער גאַס.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זיצט ר׳ לוי יצחק אין זיין פאָטעלער־שטול אויבן אָן און אַרום דעם טיש זיצן זיבן חסידים. ר׳ לוי יצחק לערנט מיט זיי זוהר מיט אַ ספעציעלן ניגון.

**שמשי:** (קומט אַריין פון קאָרידאָר) רבי, דער שמש פון בריסקער רב ר׳ אברהם קאַצענעלבויגן איז דאָ. ער זאָגט אַז דער בריסקער רב איז דאָ אין שטאָט און וויל אייך זען.

**ר׳ לוי יצחק:** (אונצופרידן) וואָס וויל ער האָבן פון מיר? ס׳איז שוין אַלץ אָפּגערעדט. עס איז שוין געווען דער וויכוח אין דער פראָגער שול אַזוי ווי ער האָט אַליין געוואָלט און כ׳האָב אים דאָך שוין אויפגעוויזן פאַרוואָס מיר חסידים פירן זיך אַזוי, און בכלל אויך וואָס חסידות איז. וואָס וויל ער נאָך פון מיר?

**שמשי:** זיין שמש זאָגט, אַז דער בריסקער רב האָט געהייסן אייך זאָגן אַז אין אמתן האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון איבער די חסידים און אַז איר האָט נישט געהאַט אים וואָס צו ענטפערן. נאָר היות ווי די חסידים גייען אַרום און באַרימען זיך, אַז זיי זיינען גאָר אַרויסגעקומען די גערעכטע, האָט ער דעריבער געשיקט צו אייך אַ בריוו מיט זיבן שאלות אַז איר זאָלט אויף זיי ענטפערן בכתב, כדי אַלע זאָלן קאָנען זען ווער עס איז דער גערעכטער. אָבער איר האָט אים אויף דעם בריוו נישט געענטפערט.

**ר׳ לוי יצחק:** (פאַרוואונדערט) און צוליב דעם איז ער געקומען אַהער?! אַ בעלנות פון אַ מענטשן!

**שמשי:** כ׳ווייס נישט צי ער איז געקומען עקסטרא צוליב דעם,

נאָר זיין שמש זאָגט, אַז דער בריסקער רב וויל קומען אַהער מיט אַ בויגן פּאַפּיר אויף וועלכן עס זיינען אָנגעשריבן די זיבן שאלות, כדי דער רבי זאָל אים אָנשרייבן די תשובות.

**ר' לוי יצחק:** צי כ'וועל שרייבן וויים איך נישט, נאָר זאָל ער קומען. מיין טיר איז אָפן פאַר אַלע יידן. זאָג אים, שמשי, אַז ער קאָן קומען.

**שמשי:** (אָפּ).

**ערשטער חסיד:** וועט דער רבי טאַקע אים ענטפערן אויף זיינע שאלות?

**ר' לוי יצחק:** מען דאַרף מקיים זיין דעם פסוק, וואָס שטייט געשריבן אין דער תורה „והייתם נקיים", איר זאָלט זיין ריין. אַזוי ווי זיי גרייטן זיך איצט אויסצורופן אַ נייעם חרם אויף די חסידים אויפן יאַריד אין זעלווא, וועל איך פּרובירן מקדים צו זיין את הרעה. אפשר וועט מיר, מיט דער הילף פון השם יתברך, געלינגען מיט מיינע ענטפערס אויסצומיידן דערמיט אַ נייעם חרם אויף יידן.

**צווייטער חסיד:** רבי, אַפילו ווען זיי זאָלן האָבן די בעסטע ענטפערס, וועלן זיי אַלץ טאָן דאָס זייעריקע. אַזוי זיינען זיי שוין!

**דריטער חסיד:** איך בין געווען בעתן ויכוח אין דער פּראַגער שול און כ'האָב זיך גוט צוגעהערט צו די רייד פון בריסקער רב און צו אייך, רבי, איז וואָס פאַר דמיון! דער בריסקער ליטוואַק האָט זיך בלויז געזידלט, ער איז אָנגעפאַלן אויף חסידים בכלל און אויף אייך בפרט ממש ווי אַ בייזער הונט...

**ר' לוי יצחק:** (שלאָגט אים איבער) מען זאָגט נישט אַזוי אויף אַ ייד אַ תלמיד חכם, אויף אַ גרויסן רב ביי יידן.

**דריטער חסיד:** עס איז אָבער דאָך אמת, ער איז אָנגעפאַלן אויף אייך מיט מיאוסע זידלערייען און איר דאַקעגן האָט גערעדט געלאַסן, איידל און פיין און אים געענטפערט אויף אַלע זיינע שאלות. ווי דער פסוק זאָגט: „דברי חכמים בנחת נשמעים". אַ חכם רעדט געלאַסן, רואיק, מיט דרך ארץ.

**פערטער חסיד:** אַזוי ווי ער קומט דאָ אַהער, בין איך בפירוש מודיע, אַז אויב ער וועט זיך ווידער אָנהויבן צו זידלען, וועט מען עס נישט דערלאָזן! נישט דאָ! פאַר קיין פאַל נישט!

**פינפטער חסיד:** ריכטיק! איך בין אויך מיט דער זעלבער מיינונג. אויב ער וועט זיך נעמען זידלען זאָל מען עס נישט דערלאָזן.

**זעקסטער חסיד:** מען דאַרף אים אָבער ענטפערן אויף אַלע זיינע קשיות, אַזוי אַז ער זאָל זיך נישט קאָנען מער באַרימען אַז מיר, חסידים, האָבן נישט געהאַט אים וואָס צו ענטפערן.

**זיבעטער חסיד:** דאָס לאָזט איבער אין גאַנצן צו אונדזער רבי. ער וועט אים שוין וויסן וואָס צו ענטפערן!

**שמשי:** (קומט אַריין) דער בריסקער רב איז דאָ.

**ר׳ לוי יצחק:** זאָל ער אַריינקומען! (הויבט זיך פון זיין שטול און גייט אים אַנטקעגן).

**בריסקער רב:** (קומט אַריין. דערלאַנגט ר׳ לוי יצחקן די האַנט) שלום עליכם מרא דאתרא.

**ר׳ לוי יצחק:** עליכם שלום, בריסקער רב, זעצט זיך!

(ר׳ לוי יצחק זעצט זיך צוריק אויפן פאָטער־שטול און דער בריסקער רב זעצט זיך אויף דער באַנק נעבן אים).

**בריסקער רב:** ווער זיינען אָט די מענטשן?

**ר׳ לוי יצחק:** יידן, וואוילע יידן, מאנשי שלומינו, איר קאָנט רעדן!

**בריסקער רב:** איך בין אייגנטלעך געקומען אַהער כדי מברר צו מאַכן אַן ענין. נאָך אונדזער וויכוח, ווען עס איז בפירוש קלאָר געווען ווי דער טאָג, אַז די חסידים האָבן נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף מיינע טענות, האָבן דאָך מענטשן פון אייער צד גענומען דערציילן אַלע־מען אַז איר, דער חסידישער צד, האָט גאָר מנצח געווען, אַ זאַך וואָס איז שווא ושקר. צוליב דעם האָב איך געשיקט צו מעלת כבודו אַ בריוו מיט אַלע מיינע שאלות, אַז איר זאָלט מיר ענטפערן בכתב, כדי מענטשן זאָלן זען און משפטן. אָבער מעלת כבודו האָט מיר אויפן בריוו נישט געענטפערט. און היות מען דאַרף צו וויסן צו די „כת" האָט אַ רעכט צו אירע פאַלשע מנהגים, איידער מען גייט אויסרופן אַ נייעם חרם, אויף דער „כת", אויפן יאַריד אין זעלווא, בין איך געקומען אַהער מברר צו זיין דעם ענין און זאָל מען איינמאָל פאַר אַלע מאָל וויסן וואו מען האַלט אין דער וועלט.

**ר׳ לוי יצחק:** בריסקער רב, קאָנט איר מיר זאָגן, פאַרוואָס זוכט איר נאָר מחלוקתן ביי יידן?

**בריסקער רב:** מען קאָן דאָך נישט דערלאָזן אַז די כת זאָל חלילה אַראָפּפירן יידן פון דרך הישר.

**ר׳ לוי יצחק:** חס ושלום. אָבער ווי אַזוי ווילט איר דאָס טאָן? דורך אויסרופן חרמות אויף יידן? דורך שעלטן יידן? דורך רודפן יידן? בריסקער רב, מיר יידן זיינען אין גלות ביי די גוים. נו, איז נישט גענוג אַז די גוים רודפן יידן, דאַרפן נאָך יידן אויך רודפן יידן? פאָלגט מיך, בריסקער רב, לאָזט דאָס בעסער איבער פאַר די גוים.

**בריסקער רב:** איר זוכט דאָך די מחלוקתן! איר פירט דאָך אַראָפּ די יידן פון וועג. (נעמט אַרויס אַ בויגן פּאַפּיר פון בוזעם־קעשענע) זשע־

ליכאָווער רב, אַט זיינען די זיבן שאלות וואָס כ׳האָב אייך געפרעגט. נו זייט אַזוי גוט או ענטפערט מיר אויף זיי בכתב.

**ר׳ לוי יצחק:** בריסקער רב, איך זע אַז איר ווילט באַנייען דעם ויכוח וואָס מיר האָבן געהאַט, אָבער איך וויל עס נישט. נו, מיינעטוועגן זאָל עס הייסן, אַז איר האָט מנצח געווען און אויב איר ווילט אַלץ ווײַ־טער אויסרופן אַ נייעם חרם אויפן יאַריד אין זעלווא — טוט וואָס איר ווילט. איר זעט דאָך אַז דער פריערדיקער חרם האָט נישט געהאַט קיין האַפט! יידן ווילן נישט קיין חרמות!

**בריסקער רב:** אָבער דער ווילנער גאון אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז די מענטשן פון דער כת זיינען פושעים און עוכרים.

**ר׳ לוי יצחק:** דער ווילנער גאון! דער ווילנער גאון! ניין, בריס־קער רב, מען קאָן נישט זיין אַ גאון אויב מען רעדט שלעכטס אויף יידן. דער גאון האָט מסתמא נאָכגעזאָגט דאָס, וואָס אַנדערע מענטשן האָבן אים געזאָגט.

**בריסקער רב:** האָט דען נישט ישעיה הנביא געזידלט יידן מיט די ערגסטע ווערטער?

**ר׳ לוי יצחק:** וואָס פאַלט אייך איין? ישעיה הנביא האָט געזידלט יידן? קיינמאָל נישט!

**בריסקער רב:** (אויפגעשטורעמט) וואָס? דער זשעליכאָווער רב האָט שוין פאַרגעסן די ערשטע קאַפּיטלעך פון ישעיה?

**ר׳ לוי יצחק:** אודאי ווייס איך זיי. אָבער דאָרטן רעדט דאָך דער נביא גאָר גוטס אויף יידן.

**בריסקער רב:** וואָס טוט זיך דאָ עפּעס? האָט דען דער נביא נישט געזאָגט די ווערטער: „הוי, גוי חוטא, עם כבד עון, זרע מרעים, בנים משחיתים, עזבו את ה׳ נאצו את קדוש ישראל, נזורו אחור״! עס זיינען דאָך שרעקלעכע ווערטער!

**ר׳ לוי יצחק:** זאָל מיר דער בריסקער רב מוחל זיין, ווען כ׳וועל אים זאָגן, אַז ער ווייס נישט דעם פשט פון די ווערטער. דער טייטש איז אַזוי: „הוי, רבונו של עולם, פאַרוואָס טוסטו שלעכטס די יידן? ס׳איז דאָך „גוי חוטא״, אַ פאָלק וואָס טוט זיך רייניקן פון זינד. „עם כבד עון״ — אַ פאָלק וואָס עס איז אים שווער צו זינדיקן. „זרע מרעים״ — קינדער פון גוטע פריינד, פון אברהם, יצחק און יעקב. „בנים משחיתים״ — קינדער וואָס טוען פאַרדאַרבן דעם יצר הרע און לאָזן אים נישט צו צו זיך. „עזבו את ה׳״ — זיי העלפן גאָט. „נאצו את קדוש ישראל״ — זיי איילן זיך צו טאָן וואָס עס איז הייליק ביי יידן און „נזורו אחור״ — זיי טרעטן צוריק פון עברות. זיי זינדיקן נישט.

**בריסקער רב:** (כאַפּט זיך ביים קאָפּ) אויב איר טייטשט אַזוי, איז דאָך אויס וועלט! איז דאָך גאָר נישטאָ קיין שלעכטע יידן?!

**ר׳ לוי יצחק:** אוודאי נישט! אודאי זיינען גאָר נישטאָ קיין שלעכטע יידן!

**בריסקער רב:** נו וועגן דעם וועל איך זיך מיט אייך איצט נישט שפּאַרן. איך בין געקומען אַהער צוליב די זיבן שאלות. אָט איז דער בויגן פּאַפּיר מיט די שאלות און איך וויל אַז איר זאָלט מיר ענטפערן אויף זיי בכתב. (דערלאַנגט אים אַ בויגן פּאַפּיר).

**ר׳ לוי יצחק:** איך ווייס נישט וואָס איר ווילט פון מיר, בריסקער רב.

**בריסקער רב:** מען זאָגט אַז איר גייט מאַכן אַ אייגענעם שולחן ערוך?

**ר׳ לוי יצחק:** בריסקער רב, אַ שולחן ערוך ווערט געמאַכט פאַר מענטשן און נישט מענטשן פאַר אַ שולחן ערוך.

**בריסקער רב:** אָבער איר ווילט דאָך ענדערן דעם שולחן ערוך וואָס מיר אַלע יידן האָבן. איר גייט אַראָפּפירן יידן פון וועג.

**ר׳ לוי יצחק:** בריסקער רב, מיר ווילן אַ שולחן ערוך, וואָס זאָל זיין גוט צו יידן. אַ שולחן ערוך וואָס דער רבונו של עולם זאָל מוזן פאָלגן, אַז ער זאָל טאָן דאָס וואָס די יידן ווילן. מיר ווילן אַ שולחן ערוך פאַרן רבונו של עולם. דער מדרש זאָגט, אַז ווען די יידן האָבן געוואָלט מאַכן אַ משכן אין דעם מדבר, איז עס דעם רבונו של עולם נישט ניחא געווען. וואָרום צו וואָס דאַרף דער כביכול דען אַ משכן, אַז מלא כל הארץ כבודו. ער איז דאָך אומעטום, אָבער די יידן האָבן יאָ געדאַרפט אַ משכן. האָט דער רבונו של עולם געמוזט פאָלגן דאָס וואָס די יידן ווילן, האָט ער געזאָגט צו משהן „ויעשו להם משכן״. זיי קאָנען זיך מאַכן אַ משכן, „ושכנתי בתוכם״, אָבער איך וועל רוען נאָר אין זיי, אין די יידן גופא. אין יעדן ייד רוט דער כביכול. דעריבער מוז דאָס האַרץ פון אַ יידן זיין ריין, כדי דער רבונו של עולם זאָל קאָנען רוען אין אים און דערפאַר מוזן יידן זיין ריין פון זינד, וואָרום אויב נישט וואָלט דאָך כביכול נישט געקאָנט רוען אין זיי.

**בריסקער רב:** אָבער פאַרוואָס ווייזט איר נישט אַרויס קיין מורא פאַרן רבונו של עולם ווען איר דאַוונט? פאַרוואָס לויפט איר אַהין און צוריק איבער דער קלויז? וואָלט איר עס געטאָן, ווען איר שטייט פאַר אַ קעניג?

**ר׳ לוי יצחק:** אודאי נישט, ווייל אַ קעניג איז נישט אומעטום, אַ קעניג האָט אַ פּנים ווי אַלע מענטשן, מוז מען שטיין פאַר אים כדי צו רעדן צו אים, אָבער ביים רבונו של עולם איז דאָך נישטאָ קיין פּנים

ואחור. ער איז דאָך אומעטום. דערפאַר טאַקע לויפן מיר הין און צוריק, כדי צו ווייזן, אַז דער כביכול איז אומעטום.

**בריסקער רב:** אָבער פאַרוואָס האָט איר משנה געווען דאָס דאַוונען לויטן נוסח ספרד און נישט אַזוי ווי מיר אַלע, וואָס דאַוונען על פי נוסח אשכנז?

**ר׳ לוי יצחק:** וואָס איז שלעכט נוסח ספרד? זיינען דען נישט די גרעסטע פוסקים געווען ספרדים? איז דען דער רמב״ם נישט געווען אַ ספרדי?

**בריסקער רב:** אודאי, אודאי!

**ר׳ לוי יצחק:** און אַזוי אַנדערע פוסקים, דער בעל הטורים און טאַקע דער מחבר פון שולחן ערוך אויך, אַלע זיינען זיי געווען ספרדים, נישט אַזוי?

**בריסקער רב:** נו, אודאי.

**ר׳ לוי יצחק:** און מיר פסקענען אַזוי ווי זיי זאָגן?

**בריסקער רב:** אודאי.

**ר׳ לוי יצחק:** נו, וואָס איז שלעכט, ווען מען דאַוונט על פי נוסח ספרד?

**בריסקער רב:** אָבער מיר האָבן דאָך אונדזער נוסח, נוסח אשכנז!

**ר׳ לוי יצחק:** בריסקער רב, איך בין אַמאָל אַריינגעקומען אין שול אַריין שבת צו מוסף, און געזען אַז די שול איז געפּאַקט מיט מענטשן און אַן אַלטער ייד שטייט נעבן אַ באַנק אויף וועלכער אַ יונג בחורל זיצט. גיי איך צו צום יונגן בחורל און זאָג צו אים: „ווי לאַנג זיצסטו שוין דאָ, בחורל?" ענטפערט ער צו מיר: „שוין פון אָנהויב דאַוונען אָן"! רוף איך זיך אָפּ צו אים און זאָג צו אים אַזוי: „אויב אַזוי איז שוין טאַקע צייט, אַז דו זאָלסט אויפשטיין און לאָזן זיך זעצן דעם אַלטן יידן! שוין גענוג געזעסן"! אַזוי איז אויך מיטן דאַוונען. מיר האָבן שוין גדאַוונט לאַנג גענוג על פי נוסח אשכנז, איז שוין צייט צו דאַוונען אַביסל אויף נוסח ספרד.

**בריסקער רב:** נו, זאָגט מיר, זשעליכאָווער רב, פאַרוואָס מאַכט איר אַזעלכע קולות ביים דאַוונען? וואָס מיינט איר אַז דער רבונו של עולם איז טויב?

**ר׳ לוי יצחק:** חס ושלום. אָבער דאָס שרייען מיר דערפאַר אַזוי הויך, כדי אַז מען זאָל עס הערן ביי אייך אין ווילנע און אין בריסק און איר זאָלט וויסן, אַז מיר דאַוונען, ווייל איר גייט דאָך אַרום און זאָגט, אַז מיר דאַוונען נישט.

**בריסקער רב:** און פאַרוואָס זענט איר עובר אויף אַ דין? פאַרוואָס פאַרשפּעטיקט איר דעם זמן קריאת שמע?

**ר׳ לוי יצחק:** כ׳האָב נישט געוואוסט, בריסקער רב, אַז אין הימל איז דאָ אַ זייגער און אַז די מלאכים קוקן אויפן זייגער צו זען ווען אַ ייד דאַוונט. לויט מיין מיינונג דאַרף אַ ייד זאָגן קריאת שמע, דאָס הייסט אויס־צורופן פאַר דער וועלט, אַז עס איז נאָר דאָ איין גאָט, יעדעסמאָל ווען ער דערפילט כביכולס גרויסקייט, אָבער נישט פונקט צווישן אַכט און ניין אַזייגער אין דער פרי. דינען גאָט דאַרף מען פון האַרצן, אָבער נישט לויטן זייגער.

**בריסקער רב:** זשעליכאָווער רב, פאַרוואָס זאָגט איר דעם נאָמען פון כביכול ביסלעכווייז, איר זאָגט „אָא״, „אַדאָ״, „אַדאָנאָ״. פאַרוואָס טוט איר עס?

**ר׳ לוי יצחק:** ווייל עס זיינען דאָ מדרגות אין דער עבודה צום רבונו של עולם. קיינער קאָן נישט דערזען די גרויסקייט פון כביכול מיט אַמאָל! אַ מענטש מוז שטייגן און אַז מען שטייגט, אַנטפּלעקט זיך אַלץ מער פאַרן אויג די גרויסקייט פון אויבערשטן. עס איז געגליכן צו די, וואָס שטייגן אויף אַ באַרג און דערזען אַלץ מער און מער די בלויקייט פון הימל. וואָס מער מען שטייגט, אַלץ מער פילט מען און אַלץ מער זעט מען און אַט דאָס רופט מען אויס! ווען מען דערזעט נאָר אַביסל פון דער גרויסקייט רופט מען אויס „אַד״. דערנאָך — „אַדאָ״ און ערשט דערנאָך „אַדאָנאָ״!

**בריסקער רב:** און פאַרוואָס הייסט איר די שוחטים צו שחטן מיט גאָר שאַרפע חלפים, פאַרוואָס טויגן נישט די חלפים וואָס אַלע יידן נוצן?

**ר׳ לוי יצחק:** מיר ווילן נישט אַז די בהמה זאָל האָבן יסורים בעתן שעכטן, דערפאַר הייסן מיר די שוחטים אַז זיי זאָלן האָבן שאַרפע חלפים, אָבער אייך אַרט דאָך נישט אפילו ווען יידן האָבן יסורים. איר מאַכט דאָך אויף זיי חרמות.

**בריסקער רב:** נאָך איין שאלה און איך בין פאַרטיק: פאַרוואָס זענט איר נישט מקיים דעם חרם וואָס מיר האָבן אויף אייך אויסגערופן?

**ר׳ לוי יצחק:** און פאַרוואָס האָט איר נישט מקיים געווען אונדזער חרם, אַז איר זאָלט נישט אויסרופן מער קיין חרם? בריסקער רב, צו וואָס מאַכט איר זיך נאַריש? איר זעט דאָך אַז יידן האַלטן נישט פון אייערע חרמות! יידן ווילן לעבן בשלום מיט יידן!

**בריקער רב:** נו, שרייבט מיר דאָס אַלץ אויף. איך וויל עס האָבן בכתב.

**ר׳ לוי יצחק:** לאָזט מיך אָפּ, בריסקער רב. איך האָב אייך שוין אויף אַלעם געענטפערט. אויב איר ווילט שרייבן, שרייבט עס זיך אַליין אָן! (שטעלט זיך אויף, טאָן ענדערנדיק) איך דאַרף גיין זען, וואָס מיין קינד בעריש׳ל מאַכט. ער פילט נישט גוט. נו, בריסקער רב, פאָרט געזונטער־הייט! (גיט אים די האַנט. אָפּ).

**בריסקער רב:** (בייז) אַזוי גאָר! ער לאָזט מיך איבער אין מיטן און אַנטלויפט. וואָס פאַר אַ וועג איז דאָס? דאָס וויזט טאַקע, אַז די לייט פון „כת" זיינען פושעים און עוכרים.

**ערשטער חסיד:** בריסקער רב, איר זאָלט נישט אָנרופן קיין עדה יידן „פושעים און עוכרים". די אמתע פושעים זיינט איר, וואָס איר ווילט נאָר חרמות אויף יידן.

**בריסקער רב:** ווער ביסטו דאָס, שנעק איינער, וואָס דו האָסט די העזה אַזוי צו רעדן צו מיר? הע! איך זאָג אַז עס איז אַ מצווה מן התורה אייך אויסצוראָטן! אייך אַרויסצוטרייבן פון כלל ישראל

**צווייטער חסיד:** (מיט כּעס) וואָס לאָזט איר אים זידלען זיך? פאַרוואָס פאַרשוויגט איר אים וואָס ער רעדט? מען דאַרף אַזאַ איינעם לערנען דרך ארץ!

**דריטער חסיד:** מען דאַרף אים אַריינצימבלען, אַז ער זאָל עס האָבן צו געדענקען!

**פערטער חסיד:** אַריינצימבלען און אַרויסוואַרפן!

**בריסקער רב:** דרך ארץ, שקצים! איך בין דער בריסקער רב!

**פינפטער חסיד:** אַזוי?! טאַקע?! דער בריסקער רב?! ביי אונדז זיינען נישטאָ קיין מיוחסים!

**בריסקער רב:** (סטראַשעט זיי מיטן פינגער) איר פאַרדינט אַ חרם און עס וועט זיין אַ צווייטער חרם!

**זעקסטער חסיד:** אַ משכנתא!

**זיבעטער חסיד:** און נאָך מיט אַן עודף!

**צווייטער און דריטער חסיד:** לאָזט אים אָפּ. גיט נישט די מתנגדים קיין פתחון פה. לאָזט אים גיין!

**ערשטער חסיד:** וואַרפט אים אַרויס!

**בריסקער רב:** איר דאַרפט מיך נישט וואַרפן! איך וועל אַליין גיין. איך וויל וואָס גיכער פון אייך פּטור ווערן.(ביי דער טיר) עס וועט זיין אַ נייער חרם אויף אייך, משומדים!

**ערשטער חסיד:** וואָס מער חרמות, אַלץ מער חסידים!

**בריסקער רב:** (אָפּ).

**ערשטער חסיד:** איצט לאָמיר אַביסל משמח זיין! (נעמט אַרויס פון דער הינטערשטער קעשענע אַ פלעשל מיט יי"ש און אַ גלעזל און טרינקט) נו, לחיים! לחיים!

**אַלע:** לחיים! לחיים!

**ערשטער חסיד:** (טיילט יעדן אַ גלעזל בראָנפן. יעדער איינער טרינקט און רופט אויס „לחיים" און אַלע זינגען „לחיים! לחיים"!).

**צווייטער חסיד:** איצט לאָמיר זינגען און טאַנצן „פאַ חסידאַצקאַמו"
(הויבט אָן, אַלע נעמען זיך אָן ביי די הענט און טאַנצן אין אַ ראָד).

ברוך אלוקינו
שבראנו לכבודו
והבדילנו מן התועים (ביס)
ונתן לנו תורת אמת
וחיי עולם נטע בתוכנו (ביס)
הוא יפתח לבנו בתורתו
וישם בלבנו אהבתו ויראתו,
ולעשות רצונו ולעבדו (ביס)
בלבב שלם.
למען לא ניגע לריק
ולא נלד לבהלה (ביס)

**ר' שבתי:** (קומט אריין, קוקט זיך צו ווי זיי זינגען און טאַנצן) וואָס איז אויף אייך די שמחה?

**ערשטער חסיד:** שטעלט זיך נישט אָפּ! טאַנצט ווייטער!

**צווייטער חסיד:** מען דאַרף אויסהערן וואָס ער וויל. שטעלט זיך אָפּ!

(אַלע שטעלן אָפּ דאָס טאַנצן).

**דריטער חסיד:** וואָס זאָגט איר ר' שבתי? וואָס איז געשען?

**ר' שבתי:** וואָס איז געשען? כ'שעם זיך דאָך פאַר מיר אַליין, אַז אַזאַ זאַך זאָל געשען ביי אונדז אין שטאָט! אַזאַ נבלה!

**פינפטער חסיד:** דהיינו?

**ר' שבתי:** עס קומט צו פאָרן דער בריסקער רב, אַזאַ גדול בישראל און ער קומט זען דעם מרא דאתרא, האָט איר אים געוואָלט אַוועקלייגן אויפן טיש און אָפּשמייסן עפּעס ווי אַ קליין ייִנגל! שעמען מעגט איר אייך! עס איז ממש אַ בושה עס צו דערציילן פאַר לייט! אַזאַ זאַך איז נאָך נישט געהערט געוואָרן.

**זעקסטער חסיד:** ביי אונדז חסידים שעמט מען זיך נישט. אַז מען דאַרף צימבלט מען אַריין אַפילו אַ קייסער. אָבער וואָס טויגן מיר די טענות, לאָמיר בעסער ווייטער טאַנצן. (נעמט זיך צוריק אָן אין אַ ראָד מיט די אַנדערע און הויבט ווידער אָן צו טאַנצן און צו זינגען)

**זיבעטער חסיד:** (כאַפּט ר' שבתין אָן ביים אָרעם און שלעפּט אים אַריין אין ראָד צו טאַנצן מיט אַלע).

**ר' שבתי:** (בייז) לאָזט מיך אָפּ! לאָזט מיר אָפּ, יונגאַטשעס! פּושעים עוכרים! (רייסט זיך אַרויס פון ראָד) ווילדע מענטשן!

**זיבעטער חסיד:** ר׳ שבתי, בעסער זידלט זיך נישט, ווארום איר אליין קאנט נאך קריגן ארײנגעצימבלט, איר פארשטייט?

**ר׳ שבתי:** (מיט כעס) יונגאטשעס! וואס מיינט איר זייט איר? דרך ארץ אביסל פאר אן עלטערן!

**ערשטער חסיד:** טא האלט׳ס מויל. ווען עס וועט קומען אהער און וועט זיך דערוועגן צו רעדן אויף חסידים, וועט אריבערגעצויגן ווערן איבערן טיש.

**ר׳ שבתי:** (רופט) רביצין! רביצין!! רביצין!!!

**פערל:** (קומט צולויפן) ווער רופט דאס מיך? (דערזעט שבתין) א, איר, ר׳ שבתי, וואס איז געשען?

**ר׳ שבתי:** (אויפגערעגט) די פושעים, עוכרים, זיי האבן דא פריער שיער נישט אריבערגעצויגן איבערן טיש דעם בריסקער רב און איצט האבן זיי דאס געוואלט טאן צו מיר. א שאנדע בנאמנות. (צו דער רביצין) פארוואס דערלאזט איר זיי אנפירן מיט אזעלכע פוילע שטיק ביי אייך אין הויז??

**פערל:** (בייז, צו די חסידים) וואס איז דאס טאקע פאר א דרך! איר האט געהאט די העזה צו וועלן אפשמייסן דעם בריסקער רב, וואס שאקלט אייך אלע אויס מיטן מיגדעסטן נאגל זיינעם, צו גאר אנפאלן אויף ר׳ שבתין, אונדזער ראש הקהל, וואס איז אזא איידעלער מענטש! שעמען מעגט איר זיך. נו, שוין גענוג, גייט אביסל אין קלויז אריין! (אלע חסידים אפ).

**ר׳ שבתי:** א דאנק, רביצין. איצט קאן מען דאך אביסל אפאטעמען. כ׳האב טאקע געוואלט מיט אייך עפעס רעדן, רביצין, און טאקע צוליב דעם בין איך געקומען אהער.

**פערל:** (נייגעריק) וואס איז עס ר׳ שבתי?

**ר׳ שבתי:** ס׳איז נישט קיין גוטע נייעס.

**פערל:** (דערשראקן) וואס איז עס אזוינס?

**ר׳ שבתי:** מען רעדט אויפן רב זייער שטארק.

**פערל:** אויפן רב? וואס קאן מען רעדן אויף אזא צדיק?

**ר׳ שבתי:** איך גלויב עס אויך נישט. איר ווייסט דאך, רביצין, איך האלט פון רב. איך האב זיך אלע מאל אנגענומען פארן רב. אבער מענטשן האבן מיילער און רעדן.

**פערל:** וואס אזוינס, ר׳ שבתי, זאגט מיר, איר שרעקט מיך שוין איבער.

**ר׳ שבתי:** עס איז א מעשה וועגן דער כאנטע.

**פערל:** חנה, די כאנטע?

**ר׳ שבתי:** יא.

**פּערל:** (לאַכט) טאָ וואָס קאָן מען זאָגן אויף מיין מאַן בנוגע דער כאַנ־טע? וואָס קאָן מען זאָגן אויף אַזאַ הייליקן מענטשן אין שייכות מיט דער נקבה!

**ר' שבתי:** רביצין, איר געדענקט, אַז מיט צוויי וואָכן צוריק זיינען געקומען צום רב דריי בעלי הבתים פון שטאָט און אים דערציילט אַ מעשה וועגן דער כאַנטע און אים געזאָגט, אַז מען מוז עפּעס טאָן וועגן דעם.

**פּערל:** יאָ, כ'געדענק גאַנץ גוט. אָבער כ'וויל אייך זאָגן דעם אמת, ר' שבתי, כ'ווייס נישט וואָס איר ווילט האָבן פון דער אָרעמער מיידל, זי איז נעבעך אַן אומגליקלעכע. זי האָט געדינט ביי זלמן דעם גביר, איז געקומען יאַנקל שוסטערס זינדל און איר פאַרדרייט דעם קאָפּ און איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן און דערווייל איר געמאַכט אַ קינד. איצט לאַכט ער זיך פון איר אויס. כ'לעבן, עס איז אַ גרויס רחמנות אויף איר.

**ר' שבתי:** אָבער זי האָט דאָך אַ ממזר!

**פּערל:** (בייז) דער רב האָט דאָך שוין געפּסקנט, אַז דאָס קינד איז נישט קיין ממזר. דער דין איז, אַז אַ מיידל האָט אַ קינד פון אַ בחור איז עס נישט קיין ממזר. טאָ ווער ווייס בעסער וועגן דעם די בעלי הבתים צי דער רב?

**ר' שבתי:** אָבער דער רב גייט דאָך צו איר און טראָגט דאָך איר עסן! פּאַסט דאָס פאַר אַ רב?

**פּערל:** נו, אַז מען וויל איר נישט פאַרקויפן קיין עסנוואַרג אין אַלע בשמים געוועלבער, טאָ מוז דאָך עמיצער אויף איר רחמנות האָבן! זי וועט דאָך אויסגיין פון הונגער.

**ר' שבתי:** אָבער די ווייבער זאָגן דאָך, אַז קליינע קינדער שטאַרבן צוליב איר זינד.

**פּערל:** דער רב האָט שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז זי איז נישט קיין זינדיקע. איר געדענקט דאָך, אודאי, וואָס דער רב האָט געזאָגט צו די בעלי הבתים: לאָזט איר אָפּ, זי איז נישט קיין זינדיקע, יידישע טעכ־טער זינדיקן נישט.

**ר' שבתי:** אָבער אַז אַ רב זאָל גיין צו אַ כאַנטע און זיצן ביי איר אין הויז און זאָגן איר גוטע ווערטער — פּאַסט דאָס?

**פּערל:** ר' שבתי, פאַרוואָס פאַרשטייט איר נישט? לוי יצחק טוט עס דאָך פון גרויס רחמנות אויף איר, פון זיין שטאַרקע ליבע צו יעדן יידן. ביי אים איז זי גאָר נישט קיין אשה.

**ר' שבתי:** נישט קיין אשה זאָגט איר, רביצין?! אַזוי? אָבער פאַרוואָס טוט ער איר גלעטן און קושן?

**פערל:** (נערוועז) גלעטן און קושן?

**ר' שבתי:** אזוי זאגט זי אליין.

**פערל:** ווער? די כאַנטע?

**ר' שבתי:** יאָ.

**פערל:** איך גלויב עס נישט! איך גלויב עס נישט, ביז איך וועל עס הערן פון איר מויל וועגן מיין מאַן. איך קאָן עס גאָר נישט משיג זיין! (לאַכט) ר' לוי יצחק און אַ כאַנטע! וואָס טוט זיך דאָ עפּעס?

**שמשי:** (קומט אַריין מיט שטורעם) רביצין, די גאַס איז דאָך אין דרויסן שוואַרץ פון מענטשן. דאָס פירשטל האָט שוין ווידער אָפּגע־טאָן אַ מיאוסע שטיקל אַרבעט.

**פערל:** ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט.

**שמשי:** ער האָט געגעבן געלט דער כאַנטע, אַז זי זאָל זיך אויס־טראַכטן אַ בלבול אויפן רב.

**פערל:** (שטורמיש) שמשי, ברענגט מיר אים שוין אַרויף! אַט שוין די מינוט! ברענגט אויך אַרויף די כאַנטע!

**שמשי:** אַז זיי וועלן וועלן גיין.

**פערל:** זיי מוזן! מיט געוואַלד ברענגט זיי אַרויף. זאָגט זיי אַז איך רוף זיי!

(שמשי אָפּ).

**ר' שבתי:** דאָס שטעטל קאָכט!

**פערל:** איר האָט דאָך געהערט אַז ער האָט איר געגעבן געלט, זי זאָל אַזוי רעדן.

**ר' שבתי:** איך ווייס נאָך גאָרנישט.

**פערל:** איר וואַרט דאָ, ר' שבתי, איר וועט באַלד זען.

**שמשי:** (מיטן פירשט און חנה די כאַנטע, און נאָך זיי אַ גרופּע יידן קומען אַריין).

**יונגער פירשט:** (אָנגעטאָן אין אַ טוכענעם יידישן מלבוש און אין אַ יידיש היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק) גוט אָוונט.

**פערל:** (וואַרפט אויף אים אַ מאָדנעם בליק און טרייסלט זיך אײַנ־גאַנצן) אַזוי? שוין אויס פירשט!

**יונגער פירשט:** מיין נאָמען איז איצט אברהם בן אברהם. איך האָב זיך מגייר געווען און געוואָרן אַ ייד.

**פערל:** אַ ייד? אַ יידליק!

**יונגער פירשט:** אַזוי? ווען כ'בין געווען ביי אייער מאַן אין פינסק און אים געזאָגט, אַז כ'וויל ווערן אַ ייד, האָט ער מיך נישט געוואָלט מגייר זיין, בין איך געגאַנגען צו מיין רב.

**פערל:** צו אייער רב? — ווער איז ער?

**יונגער פּירשט:** ראַבין אביגדור פון פּינסק. ער האָט מיך נישט געפרעגט צופיל קשיות און באַלד מגייר געווען.

**פּערל:** אַזוי? און אויס מיטן יונגן פּירשט? אויס מיט די הערליכע פּירשטליכע קליידער, אויס מיטן אַריסטאָקראַטישן אויסזען...

**יונגער פּירשט:** (אונטערברעכט איר) פּערל, רעדט נישט אַזוי!

**פּערל:** טאָ הערט מיך אויס. איר האָט געהעצט קעגן מיין מאַן ווען ער איז געווען רב אין ריטשוואַל און דאָרטן געטיילט געלטער צווישן די גראָבע יונגען, אַז זיי זאָלן אים אַרויסטרייבן פון שטאָט. איז עס אמת?

**יונגער פּירשט:** יאָ, אָבער...

**פּערל:** (לאָזט נישט אָפּ) און אין פּינסק האָט זיך דאָס זעלבע איבערגעחזרט? אמת?

**יונגער פּירשט:** אמת, אָבער...

**פּערל:** און דאָ האָט איר ווידער געטאָן דאָס זעלבע. איר האָט אונטערגעקויפט די כאַנטע, אַז זי זאָל מאַכן אַ בלבול אויפן רב, איז עס אמת, יאָ צי נישט?

**יונגער פּירשט:** (הענגט אַראָפּ דעם קאָפּ) אמת.

**פּערל:** טאָ פאַרוואָס האָט איר עס געטאָן?

**יונגער פּירשט:** כ'האָב געזען דעם רב אַריינגיין צו דער כאַנטע, האָב איך זיך געטראַכט, אַז עס וועט זיין אַ גוטער שעת הכושר צו פאַרטרייבן דעם רב פון דאַנען, האָב איך איר געגעבן עטלעכע דוקאַטן, אַז זי זאָל זאָגן, אַז דער רב האָט איר געגלעט און געקושט... די רביצין ווייסט גאַנץ גוט פאַרוואָס כ'האָב עס געטאָן.

**פּערל:** (צו דער כאַנטע) איז אמת, דאָס וואָס ער זאָגט?

**חנה די כאַנטע:** (וויינט) ער איז אַריינגעקומען צו מיר און מיר געשטופּט געלט אין דער האַנט אַריין, אַז כ'זאָל זאָגן דאָס וועגן רב. כ'האָב נישט געוואָלט. דער רב איז דאָך געווען אַזוי גוט צו מיר. איך וואָלט דאָך אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט מיין קינד פאַר הונגער, ווען נישט דער רב.

**פּערל:** וויפיל האָט ער דיר געגעבן?

**חנה די כאַנטע:** (וויינענדיק) צען דוקאַטן.

**פּערל:** דו האָסט זיי נאָך?

**חנה די כאַנטע:** יאָ.

**פּערל:** גיב זיי אים צוריק.

**חנה די כאַנטע:** (נעמט אַרויס די צען דוקאַטן און וואַרפט זיי צו צום יונגן פּירשט) נאָ, נעמט זיי צוריק, איך וויל עס נישט, עס איז טריפהנע געלט... עס איז אַלץ ליגן וואָס כ'האָב דאָ פריער געזאָגט...

דער רב האָט מיך אַפילו נישט אָנגערירט מיט אַ שפּיץ פינגער. ער האָט אַפילו נישט געקוקט אויף מיר... ער האָט בלויז אַוועקגעשטעלט דאָס עסן און צו מיר געזאָגט: „זאָרג זיך נישט מיין קינד. השם יתברך וועט דיר העלפן. עס געזונטערהייט און גיב דיין קינד!" — און איז אַוועקגעגאַנגען. דער רב איז דאָך אַזוי ווי אַ מלאך! איך ווייס נישט וואָס עס האָט זיך געטאָן מיט מיר, אַז איך האָב זיך געלאָזט דעם קאָפּ פאַרדרייען פון אָט דעם מענטש.

**פּערל:** (צו דער כאַנטע) קענסט גיין.

**חנה די כאַנטע:** (אָפּ).

**פּערל:** (צו ר' שבתין) איר זעט שוין!

**ר' שבתי:** (מיט אַ זיפץ) יאָ, כ'זע! כ'זע!

**שמשי:** (שטורמיש) איך מוז אייך זאָגן אָפן, רביצין, אַז אַזוי לאַנג ווי איר וועט נישט מאַכן אַ סוף צו דער מהרהר ריב וועט ער אייך נאָכפּאָרן פון שטאָט צו שטאָט און וועט אומעטום העצן די יידן קעגן רב, און איר און אייער הויזגעזינט וועלן קיינמאָל קיין מנוחה נישט האָבן... וואו איר וועט נישט זיין, וועט אומעטום זיין מחלוקת ביי יידן. איך ווייס שוין אַפילו, אַז ער האָט שוין אויפגעהעצט די יידן פון דאַנען אַזוי שטאַרק, אַז איר וועט אויך דעם פּלאַץ מוזן פאַרלאָזן! און וויפיל, רביצין, איז דער שיעור? ווי לאַנג וועט איר און אייער הויזגעזינט זיין נע־ונד איבער דער וועלט? רביצין, איר מוזט אָט דעם פאַלשן מענטשן זאָגן אַ שטאַרק וואָרט!... שוין צייט!...

**פּערל:** (קוקט אָן שמשין און אירע אויגן לייכטן אויף און זי גייט אַרויף און אַראָפּ איבער דעם בית־דין־שטיבל פאַרטראַכט. זי גייט ענד־לעך צו נענטער צום יונגן פּירשט און אירע אויגן שיסן פייער) אברהם, הערט מיך אויס. אייך האָט מגייר געווען אַ רב, וועלכער האָט דאָס על פּי דין נישט געטאָרט טאָן! איר זענט געוואָרן אַ ייד, נישט צוליב דעם וואָס איר האָט דערזען די גרויסקייט פון ידישקייט, נאָר צוליב גאָר אַן אַנדערן טעם.

**יונגער פּירשט:** (איינגעבויגן אין דרייען, מיט אַ שטילער שטימע) אמת!

**פּערל:** (רעדט ווייטער מיט שטורם) איר האָט אויך געטיילט געלטער צווישן יידן כדי צו שאַפן צווישן זיי מחלוקת, כדי יידן זאָלן זיך קריגן מיט יידן.

**יונגער פּירשט:** (געבויגן, מיט אַ שטילער שטימע) אמת!

**פּערל:** (אַלץ מיט אָנגעשטרענגטע בליקן אויפן יונגן פּירשט) און איר האָט אויך געגעבן געלט דער כאַנטע, אַז זי זאָל מאַכן אַ בלבול אויפן רב?

**יונגער פירשט:** (אַלץ אין דער זעלבער פּאָזע) **אמת!**

**פּערל:** (שטורמיש, מיט בליקן וואָס ברענען) **אברהם, איר זאָלט ווּיסן זיין, אַז איר זייט נישט קיין ייד און איר טאָרט נישט קומען אין קהל ישראל. אייער נאָמען זאָל זיין נישט אברהם בן אברהם, נאָר בלויז אברהם, ווייל איר האָט מיט אונדזערע אבות קיין שום שייכות נישט. איך בין אויך גוזר אויף אייך אַז איר זאָלט צווישן יידן נישט פאַרקערן און זיך פון מיר אין גאַנצן אָפּטשעפּן. איר זאָלט נישט קומען אין מיינע ד׳ אמות און וועגן מיר נישט רעדן... איך האָב אייך פיינט!... און איך וועל בעטן ביים רבונו של עולם, אַז ער זאָל ביי אייך צונעמען אייער גבורה און אַז אייער ווילן זאָל ווערן געבראָכן.**

**יונגער פירשט:** (וועלכער זינקט אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידעריקער) **פּערל, נעמט אַראָפּ פון מיר די פייערדיקע בליקן. כ׳וועל אַלץ פאָלגן, אָבער כ׳קאָן די בליקן מער נישט פאַרטראָגן! אייערע אויגן ברענען מיך ווי צוויי שפּיזן. כ׳ווייס אַליין נישט פאַרוואָס כ׳האָב עס געטאָן. דער טייוול האָט מיך אָנגערעדט. עס איז געווען אַ משוגעת אַזאַ!** (כליפּעט).

**פּערל:** (בייז) **שוין צייט אַז איר זאָלט אָן מיר פאַרגעסן! קומט נישט מער צו מיין שוועל, שיקט מיר נישט מער קיין מתנות! פאַרגעסט אָן מיר!**

**יונגער פירשט:** (וויינט) **כ׳קאָן נישט, כ׳קאָן נישט!**

**פּערל: איר מוזט!**

**יונגער פירשט:** (מיט אַ וויינענדיקער שטימע) **קיינמאָל נישט!...**

**פּערל: איר זענט אַ נאַר.**

**יונגער פירשט: ווער עס פאַרליבט זיך אין אַ פרוי איז אַ נאַר, און אויב אין אַ פרוי וואָס ענטפערט נישט אָפּ אויף דער ליבע — צוויי מאָל אַ נאַר!** (אָפּ).

(מען קלאַפּט ביי דער טיר).

(דריי גבאים, ר׳ יעקב, גבאי ראשון, ר׳ שמשון, גבאי שני און ר׳ יום טוב, גבאי שלישי קומען אַריין).

**ר׳ יעקב:** (צו שמשין) **וואו איז דער רב?**

**שמשי: דער רב איז, ווי זיין שטייגער איז, אַוועק אין וואַלד אַריין, וואו ער איז זיך מתיחד מיטן רבונו של עולם און זינגט.**

**ר׳ שמשון: מען האָט אונדז געזאָגט אַז דער רב איז גאָר ביי דער כאַנטע.**

**ר׳ שבתי:** (בייז) **רעדט נישט אַזוי! עס איז שוין דערוויזן געוואָרן, אַז עס איז געווען אַ בלבול.**

**ר׳ יום טוב:** (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר) **מיר ווילן אַז דער רב זאָל זיך**

אונטערשרייבן אויף דעם פּאַפּיר, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דער רבנות־שטעלע. מיר ווילן אַז דער רב זאָל זיך אַליין אָפּזאָגן, דאָס איז שענער.

**ר' שבתי:** מ'האָט דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז עס איז שוין באַוויזן געוואָרן, אַז עס איז געווען אַ בלבול. די כאַנטע האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט גענומען געלטביים יונגן פּירשט, כדי צו מאַכן אַ בלבול אויפן רב, און ער אַליין האָט זיך אויך מודה געווען. עס איז שוין אַלץ קלאָר ווי דער טאָג.

**ר' יעקב:** עס איז גאָר נישט אַזוי קלאָר. מען קאָן נישט אַרומגיין דאָס דערציילן יעדן בעל הבית און יעדער יידענע. אַלע האָבן געזען דעם רב ביי דער כאַנטע און די ווייבער רעדן.

**ר' שבתי:** עס וועט שוין קיין גוטס נישט זיין. מען וועט שוין פאַרן רב נישט האָבן קיין דרך ארץ! אפשר איז טאַקע בעסער, אַז דער רב זאָל זיך אַליין אָפּזאָגן.

**ר' יום טוב:** די ווייבער זאָגן, אַז צוליב דעם וואָס דער רב איז געגאַנגען צו דער כאַנטע, האָט ער געשאַפן אַ היתר אויף פּאַר זייערע מענער צו גיין צו איר. זיי זיינען אַזוי בייז אויפן רב אַז זיי זאָגן אַז זיי וועלן אים צערייסן אויף שטיקער.

**שמשי:** (נאָכטראַכטנדיק) רביצין, איך בין אויך גוטה צו טראַכטן, אַז עס איז בעסער פאַרן רב, אַז ער זאָל זיך אַליין אָפּזאָגן!... עס וועט שוין דאָ קיין גוטס נישט זיין.

**פּערל:** (פאַרצווייפלט צו שמשין) הייסט עס ווידער אַמאָל אַרויסגעטריבן ווערן פון אַ שטאָט!... העי?

**שמשי:** יאָ, רביצין!

**פּערל:** שמשי, איך שווער, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל! דאָס לעצטע מאָל!! גוט, וואָס עס איז דאָ פאַראַן אַ טייך. איצט וועט קומען אַ סוף צו מיינעליידן! (וויל אַרויסלויפן).

**שמשי:** רביצין, ווי גאָט איז אייך ליב, געדענקט אין אייערע קינדער, געדענקט אין בערישלען.

**פּערל:** (פאַלט אַוועק היסטעריש אויף אַ שטול און כליפּעט. אַלע שטייען אַרום).

**שמשי:** איז פאַראַן אַ גאָט אין הימל?! פאַרוואָס שוויגט ער?!

(פאָרהאַנג פאַלט)

# דריטער אַקט

## ערשטע סצענע

אַ זומערדיקער נאָכמיטאָג אין דער וואוינונג פון רב, ר׳ לוי יצחק, דערבאַרימדיקער, רב הכולל פון באַרדיטשעוו און אומגעגנט. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, זעט מען פאַר זיך די בינע געטיילט אין צוויי צימערן, איינע רעכטס און די צווייטע לינקס, אָפּגעטיילט אין מיטן דורך אַ וואַנט אין וועלכע עס איז דאָ אַ טיר פון איין צימער צום צווייטן. די טיר איז איצט פאַרמאַכט. הויפּט אַריינגאַנג — לינקס, פון לינקן צימער.

אינעם צימער לינקס — שטייט אַ גרויסע באַנק ביי דער וואַנט, קעגנאיבער דעם פּובליקום און עטלעכע שטולן נעבן דער טיר און ביי דער וואַנט צום צימער רעכטס.

דאָס צימער רעכטס האָט אַלט־מאָדיש מעבל. קעגנאיבער דעם פּובליקום אַ קרעדענץ מיט גלעזערנע כלים. אויף דער זעלבער וואַנט הענגט אַ „מזרח״. אין מיטן שטוב אַ גרויסער טיש מיט זעקס שטולן אַרום. אויף די שטולן זיצן איצט אויסגעזעצט פּערל — אויף דער זייט צו דער טיר; קעגנאיבער דעם פּובליקום אירע זין: ר׳ מאיר, ר׳ ישראל און קעגנאיבער זיי איר מוזיניק, ר׳ בעריש און שמשי. די שטול אויבן אָן, אויף וועלכער עס זיצט ר׳ לוי יצחק — שטייט ליידיק. אַלע זיינען פאַרטיפט אין אַ שמועס.

**ר׳ מאיר:** (רעדט ענערגיש) די מאַמע איז גערעכט! די מאַמע איז גערעכט! עס איז אַ גאָלדענער פּלאַן.

**שמשי:** (בייז) פאַרוואָס איז עס אַזאַ גאָלדענער פּלאַן ר׳ מאיר? אדרבה, גיט מיר עס צו פאַרשטיין! זאָגט פּשוט, אַז איר ווילט אָפּרייסן אייער פאָטער, ר׳ לוי יצחקן, פון די יידן. איר ווילט ביי אים צונעמען זיין גאַנץ חיות. איר ווייסט וואָס דאָס מיינט פאַר אים?

**ר׳ מאיר:** (שטורמיש) שמשי, נישט די מאַמע און נישט איך ווילן צונעמען, חס ושלום, די יידן ביים טאַטן זאָל לעבן. איר פאַרשטייט לגמרי נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. לאָמיר גיין כסדר. מיר ווייסן אַז דער מגיד הקדוש האָט געהאַט גייך און דרייסיק אויסגעקליבענע תלמידים וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן רביים. דער טאַטע זאָל לעבן, איז געווען דעם מגידס הקדוש בעסטער תלמיד. אַזוי גיבן צו אַלע. מ׳זאָגט אַפילו אַז דער מגיד הקדוש אַליין זאָל דאָס האָבן געזאָגט. דעריבער,

פאַרוואָס זאָל דער טאַטע זאָל לעבן, נישט זיין קיין רבי, קיין מנהיג ביי ייִדן?

**שמשי:** און וואָס וועט שווין זיין אַז ער וועט זיין אַ רבי ביי ייִדן? אַ מנהיג, ווי איר ווילט עס האָבן? וואָס וועט זיין די פּעולה, ר׳ מאיר?

**ר׳ מאיר** (פאַרוואונדערט) פאַרוואָס פאַרשטייט איר עס נישט, שמשי? דעמאָלט וועט דאָך זיין אין גאַנצן אַנדערש. דעמאָלט וועט מען נישט צולאָזן יעדן איינעם צו אים, ממילא, וועט ער נישט קאָנען זיך אָפּגעבן אַזוי פיל מיטן המון.

**ר׳ ישראל:** אודאי אַזוי. מען וועט באַשטימען אַ צייט, ווען ער זאָל אויפנעמען די חסידים, אָבער דאָס וועט זיין בלויז אַ פּאָר שעה אין טאָג, נישט מער.

**ר׳ בעריש:** מען דאַרף אויפשטעלן אַ מחיצה צווישן טאַטן, זאָל לעבן, און דעם המון, דעם ערב־רב.

**שמשי:** אָבער אַז דער רב וויל דאָס נישט?! איר זיינע קינדער ר׳ ישראל און ר׳ בעריש דאַרפט וויסן, אַז ער וויל דאָס נישט.

**פּערל:** (בייז) וואָס הייסט ער וויל נישט?! ער מוז וועלן. אָט זיינען מיר געקומען איצט קיין באַרדיטשעוו, אויף דער נייער רבנות שטעלע. באַרדיטשעוו איז אַ פיינע שטאָט. די בעלי הבתים זעען אויס צו זיין וואוילע ייִדן. מען גיט אָפּ דאָ מיין מאַן, לוי יצחקן, פיל כבוד. אָבער אויב ער זאָל זיך אַזוי אויפירן ווי פריער, וועט אַוועקגיין אַ קורצע צייט און אַלץ וועט קאַליע ווערן. ער אַליין וועט בידים אַלץ איבערפירן. ער וועט באַלד אָנהויבן צו חברן זיך מיטן סאַמען אָפּפאַל און מען וועט פאַרלירן דעם דרך ארץ פאַר אים, און דער סוף וועט זיין, אַז מען וועט אונדז ווייטער פון דאַנען אַרויסטרייבן!... אָבער דערצו, שמשי, האָב איך שוין מער קיין כח נישט! איך האָב שוין אויך נישט וואו צו גיין. מיינע עלטערן לעבן שוין נישט מער און כ׳וועל אַפילו נישט האָבן וואו די ערשטע נאַכט זיך אַהינצוטאָן. (ענערגיש) ניין, שמשי, דאָס קאָן מער נישט זיין!

**שמשי:** (בייז) איר מעגט זיך זאָגן, רביצין, וואָס איר ווילט, אָבער דער רב וועט קיינמאָל דערויף נישט איינגיין. אַז ער וויל נישט זיין קיין רבי! ער וויל נישט נעמען קיין קוויטלעך, קיין פּדיונים, און דער עיקר, ער וויל נישט אַז מען זאָל אָפּטיילן פון אים די ייִדן. דאָס איז קעגן זיין שיטה.

**פּערל:** (בייז, שטורמיש) קעגן זיין שיטה?! און וואָס איז זיין שיטה? אַז איך און מיינע קינדער זאָלן אייביק זיין נע־ונד איבער דער וועלט! וואָס איז די שיטה? — זיך מבזה צו זיין און מאַכן זיך צום נאַרן! (האַקט

מיט דער פויסט אין טיש אַריין) אויב ער וועט דאָס נישט וועלן, בלייבט פאַר מיר נאָר איין זאַך, צו שפּרינגען אין וואַסער אַריין...

(אַלע בלייבן זיצן אַ ווייל וי פאַרשטיינערט).

**ר׳ ישראל:** דער טאַטע זאָל לעבן, וויל זיין אַ גוטער אויף דער מאַמעס חשבון און אויף אונדזער אַלעמענס חשבון! ווי לאַנג מיר זיינען געווען קליין האָבן מיר געשוויגן, איצט אָבער זיינען מיר שוין גרויס און די מאַמע האָט שוין אויך נישט מער אירע אַמאָליקע כוחות. איצט קאָן דאָס מער אַזוי נישט אָנגיין!

**פּערל:** (וויינט) שמשי, איר ווילט נישט פאַרשטיין. עס איז גאָר פּשוט, קצר כח הסבל. איך קאָן עס שוין מער נישט אַריבערטראָגן! און, שמשי, עס גייט נישט אַפילו בלויז וועגן מיר און די קינדער, עס גייט נאָך מער וועגן אים אַליין. איך קאָן נישט מער צוזען מיט וועמען ער שלעפּט זיך אַלץ אַרום. איך קאָן עס נישט מער, שמשי!

**ר׳ ישראל:** מען דאַרף רעדן מיטן טאַטן זאָל לעבן, און ער וועט אונדז פאַרשטיין. ער, וועלכער האָט רחמנות אַפילו אויף אַ ווערימל, וועט אויף אונדז אויך רחמנות האָבן.

**ר׳ בעריש:** כ׳ווייס נישט. אַמאָל ווען מען זעט אַנדערע אַ סך, זעט מען אייגענע ווייניק. דער טאַטע, זאָל לעבן, זעט די גאַנצע וועלט, נאָר אונדז נישט.

**שמשי:** הערט מיך אויס קינדער, איך זע אַז איר קענט נישט אייער אייגענעם טאַטן. נעמט אַ פיש און הייסט אים לעבן אויף דער יבשה, וועט ער קאָנען? אַזוי איז אויך ווען איר הייסט דעם רב לעבן אָן יידן! איר ווילט ביי אים צונעמען דאָס חיות!

**ר׳ מאיר:** שמשי, רעדט נישט אַזוי. מיר גייען נישט צונעמען ביים טאַטן זאָל לעבן דאָס חיות. מיר ווילן נאָר מאַכן אַ שטיקל אָרדנונג אין דער זאַך.

**שמשי:** איך זע אָבער נישט ווי אַזוי?

**ר׳ ישראל:** שמשי, דער טאַטע זאָל לעבן, האָט פיל תלמידים. ער האָט תלמידים אין די טויזנטער. נו, וועט מען צונויפרופן די אַלע תלמידים און מיט זיי רעדן, אַז זיי זאָלן אויסרופן, אַז דער טאַטע זאָל לעבן, פירט! אַז ער איז אַ רבי און אַז מהיום והלאה זאָל מען קומען צו אים אַזוי ווי צו אַ רבין. די טיר דאַרף נישט מער זיין אַלע מאָל אָפן, אַזוי ווי עס איז געווען ביז איצט. עס וועט זיין אַ צייט ווען ער וועט געבן שלום און די איבריקע צייט דאַרף מען צו אים קיינעם נישט צולאָזן.

**שמשי:** און ווער וועט דאָס נישט צולאָזן?

**ר' ישראל:** נו, געווים איר, שמשי, איר זייט דאָך זיין משמש בקודש.

**שמשי:** איך, ר' ישראל? איך זאָל נישט צולאָזן צו אים קיין יידן? איך זאָל אים ווי טאָן? ניין, איך וועל עס נישט טאָן!

**ר' בעריש:** נו, אויב איר ווילט נישט, וועט זיין אַן אַנדערער.

**שמשי:** (בייז) סטראַשעט מיך נאָר נישט, ר' בעריש!

**ר' בעריש:** שמשי, איך האָב חס ושלום נישט געמיינט אייך פוגע בכבוד צו זיין. כ'האָב נאָר גערעדט אַזוי.

**שמשי:** איך מוז אייך זאָגן נאָך אַמאָל, אַז איר האָט אַלע אַ פאַלשע השגה וועגן אייער פאָטער. לויט אייער אָנקומען נאָך איז דער רב בלויז אייער מאַמעס מאַן און אייער טאַטע, מער נישט. און איר זאָגט, אַז ער דאַרף אייך אַלע געבן חיונה און זיך פירן אַזוי ווי איר ווילט. (שטורמיש) עס איז אָבער נישט אַזוי! ר' לוי יצחק געהערט נישט בלויז אייך! ער געהערט צום גאַנצן יידישן פאָלק! ער געהערט צו דער וועלט!! ער געהערט אויך צו מיר און צו אַלע יידן! איר קאָנט נישט נעמען ר' לוי יצחקן און אים איינשליסן אין אַ שטוב און זאָגן אים, אַז ער זאָל דאָרטן זיצן און נישט אַרויסגיין צו די יידן! אַז ער וויל איינגאַנצן נישט זיין קיין רבי! ער איז נישט קיין רבי!!

**פערל:** (שטורמיש) ער איז אַ רבי! אַלע יידן וואָס קומען צו אים, קומען צו אים נישט ווי צו אַ רב, נאָר ווי צו אַ רבי. מען קומט צו אים אַז ער זאָל העלפן אַ קראַנקען; מען קומט צו אים אַז מען זאָל האָבן פּרנסה; אַז דאָס ווייב זאָל געהאָלפן ווערן און האָבן אַ בן זכר; אַז דער השם יתברך זאָל העלפן, אַ מקשה לילד. אָט מיט די אַלע זאַכן, שמשי, צו וועמען קומט מען? צו אַ רב אָדער צו אַ רבי? אויב אַזוי — זאָל ער זיין אַ רבי! אַן אמתער רבי. זאָל ער פירן רביסטוואָ!

**שמשי:** אָבער באַרדיטשעוו האָט דאָך אים אויפגענומען פאַר אַ רב און נישט פאַר אַ רבי.

**פערל:** דערויף וועט מען האָבן דאָ אין דער בית דין שטוב אַ מורה הוראה און אַ דיין און זיי וועלן זיך אָפּגעבן מיט אַלע רבנישע זאַכן.

**שמשי:** (פאַרצווייפלט) איך ווייס שוין נישט וואָס צו זאָגן. אויב איר ווילט אַלע אַזוי, זאָל זיין אַזוי. (גייט אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב און ברעכט זיך די הענט. אין שטוב הערשט אַ דערשטיקענדע שטימונג).

(אין צימער לינקס קומען אַריין דורכן הויפּט אַריינגאַנג דריי פרויען און צוויי מענער. איין עלטערע יידענע וויינט הויך אויפן קול. אַ צווייטע ווישט זיך די אויגן און זיפצט אָפּ אַלע מאָל. די דריטע שווייגט פאַר-

צווייפלט. די צוויי מענער רעדן צווישן זיך הויך און מען הערט פון זיי אָפגעריסענע ווערטער ווען „שותפות״ „ברכה״ א. ד. ג.).

**פּערל:** (צו שמשין) וואָס פאַר אַ טומל איז דאָרטן? גיט נאָר אַ קוק.

**שמשי:** (אָפּ דורך די טיר צום צימער לינקס. רעדט מיט דער יידענע וואָס וויינט. קומט באַלד צוריק) רביצין, עס זיינען דאָרטן דאָ דריי ווייבער און צוויי יידן, וואָס ווילן זען דעם רב.

**פּערל:** צוליב וואָס? הייסט זיי אַריינקומען!

**שמשי:** (רופט אַריין צום ערשטן די יידענע וואָס וויינט הויך אויפן קול).

**פּערל:** וואָס וויינט איר, יידענע, אַזוי שטאַרק?

**יידענע:** פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, אַז מיין קינד איז אין אַ גרויסער סכנה. מיין טאָכטער גייט שוין דעם דריטן טאָג צום קינד און עס איז שלעכט. איך וויל זען דעם רב. זאָל ער בעטן צו גאָט פאַר מיין קינד. איך וועל געבן פאַר מאיר בעל הנס, איך וועל טאָן אַלץ אין דער וועלט.

**פּערל:** זייט רואיק, יידענע. דער רב וועט באַלד קומען (צו שמשין) רופט אַריין די אַנדערע צוויי ווייבער.

**שמשי:** (אָפּ. קומט צוריק מיט די צוויי ווייבער).

**צווייטע יידענע:** (ווישט זיך די אויגן) דער רב איז נישטאָ?

**פּערל:** ניין, ער וועט באַלד קומען. אָבער וואָס ווילט איר פון אים?

**צווייטע יידענע:** (ווישט זיך די אויגן) איך וואוין שוין מיט מיין מאַן צען יאָר און איך האָב מיט אים קיין קינדער נישט. האָט מיין מאַן מיר נעכטן געזאָגט, אַז אויב איך וועל נישט האָבן קיין קינד דאָס יאָר, וויל ער אַ גט. (וויינט) טאָ וואָס בין איך שולדיק? און וואו וועל איך גיין? אפשר קאָן דער רב מיר העלפן, אַז איך זאָל האָבן אַ בן זכר?!

**פּערל:** (צו דער דריטער יידענע) און איר וואָס ווילט?

**דריטע יידענע:** מיין מאַן האָט קיין פּרנסה נישט. דאָס מזל האָט זיך פון אונדז אָפּגעטאָן. צו וואָס מיין מאַן נעמט זיך, טויג נישט. מיר האָבן שוין פאַרלאָרן אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט. האָב איך געוואָלט בעטן דעם רב, אַז ער זאָל בעטן גאָט פאַר אונדז, אַז דער רבונו של עולם זאָל אונדז העלפן.

**פּערל:** און פאַרוואָס בעט איר אַליין נישט צו גאָט?

**דריטע יידענע:** גאָט הערט זיך נישט צו צו אונדזער געבעט.

אפשר האָבן מיר זיך ביי אים פאַרזינדיקט! אַז אַ צדיק בעט צו גאָט, איז גאָר עפּעס אַנדערש. דער רב איז דאָך אַ גרויסער צדיק.

**פּערל:** (צו שמשין) עס איז נאָך עמיצער דאָרטן דאָ?

**שמשי:** נאָך צוויי יידן.

**פּערל:** רופט זיי אַריין.

**שמשי:** (אָפּ. קומט צוריק מיט די צוויי יידן).

**פּערל:** וואָס? איר וואַרט אויך אויפן רב?

**ביידע יידן:** (מיט אַמאָל) יאָ.

**פּערל:** וואָס ווילט איר פון רב?

**ערשטער ייד:** מיר זיינען שוואָגערס. מיר גייען איצט מאַכן שותפות צו האַנדלען צוזאַמען. נו, ווילן מיר קריגן דעם רבס ברכה.

**צווייטער ייד:** אָן דעם רבס ברכה וועל איך גאָר נישט טאָן.

**פּערל:** (צו אַלע) גייט אַריין צוריק אין יענעם צימער און פאַר־מאַכט די טיר. וואַרט דאָרטן אונטער. דער רב וועט באַלד קומען, וועט מען אייך אַריינרופן.

(די דריי יידענעס און צוויי יידן אָפּ).

**ר' מאיר:** נו, שמשי, מיט אַזוינע ענינים קומט מען צו אַ רב אָדער צו אַ רבין?

**ר' ישראל:** אַז דער טאַטע, זאָל לעבן, גיט זיך סיי ווי אָפּ מער מיט אָט די ענינים ווי מיט רבנות.

**ר' בעריש:** זיינע תלמידים האָבן דאָך שוין לאַנג אים געבעטן, אַז ער זאָל זיין אַ רבי. ר' אהרן זשיטאָמירער הערט דאָך נישט אויף צו רעדן וועגן דעם.

**שמשי:** (דרייט זיך אַרויף און אַראָפּ איבער דער שטוב) רביצין, איך שלאָג זיך איצט מיט דער דעה, צי איך זאָל אייך עפּעס זאָגן אין שייכות מיט דעם אַלעם וואָס מען האָט דאָ גערעדט. איך ווייס נישט צי איך זאָל עס יאָ זאָגן, אָדער נישט?

**פּערל:** פאַרוואָס נישט?

**שמשי:** עס איז וועגן אַן אײדעלן ענין.

**פּערל:** כ'שטויס זיך אָן. אודאי וועגן פירשט? נו, די קינדער ווייסן אַלץ. עס איז פאַר זיי קיין סוד נישט. וואָס האָט איר צו זאָגן?

**שמשי:** איך האָב בלויז געוואָלט זאָגן אַז אַזוי לאַנג ווי אָט דער נפש וועט נאָכפאָרן אייך, רביצין, וואו נאָר איר פאָרט, וועט קיין גוטס נישט זיין, אפילו ווען דער רב וועט זיין אַ רבי און דער גרעסטער רבי אין דער וועלט. איך ווייס, אַז ער איז געקומען שוין אַהער קיין באַר־דיטשעוו.

**פּערל:** איך ווייס עס און איך וועל זיך מיט אים אַן עצה געבן. דאָס לאָזט איבער צו מיר.

**שמשי:** אָבער ער גייט דאָך אַרום און רעדט קעגן רבּ?

**פּערל:** וועגן דעם זאָרגט זיך נישט, שמשי. פריער האָב איך, וואָס דער אמת איז, יאָ מורא געהאַט פאַר אים, אָבער נישט איצט. פריער איז ער געווען אַ פירשט, איצט אָבער איז ער אַ יידליק.

**שמשי:** אַ יידליק?

**פּערל:** יאָ, וואָס דען איז ער? אַ ייד? אַ ייד? ער איז עפּעס אַ יידליק!

**שמשי:** און די רביצין איז זיכער, אַז זי קאָן זיך מיט אים ספּראַ־ווען?

**פּערל:** גאַנץ זיכער. פריער איז ער געווען מיין האַר. איצט אָבער איז ער מיין נאַר.

**שמשי:** זייט ווען איז דאָס אַזוי?

**פּערל:** זייט כ'האָב אים געזען אין די יידישע מלבושים. פריער האָט ער נאָך אויסגעקוקט ווי אַ פירשט, עפּעס קעניגלעך, אָבער ווען כ'האָב געזען אים אין די יידישע מלבושים, האָב איך זיך געוואָלט שטאַרק צולאַכן. אין דער מינוט האָב איך דערפילט, אַז ער האָט שוין מער קיין שליטה נישט איבער מיר.

(פּויזע).

**ר' מאיר:** (צו פּערל) מאַמע, אָבער ווער וועט דאָס זאָגן דעם טאַטן זאָל לעבן? מיר קינדער קאָנען דאָס נישט טאָן. דו פאַרשטייסט דאָך דאָס אַליין.

**פּערל:** אודאי אַזוי, איר קינדער מישט זיך נישט. ווען דער טאַטע וועט קומען וועל איך רעדן מיט אים.

**ר' ישראל:** אפשר זאָלן מיר אַוועקגיין?

**פּערל:** ניין. כ'וויל אַז איר זאָלט דאָ בלייבן. עס וועט נישט זיין קיין גרינגע זאַך און איר וועט מיר צוגעבן כח.

**ר' בעריש:** מיר קאָנען בעטן דעם טאַטן.

**פּערל:** ניין. טוט גאָר נישט. איך וועל מיט אים רעדן. איר וועט בלויז הערן.

(יידן און יידענעס שטראָמען אַריין דורכן הויפּט־אַריינגאַנג אין צימער לינקס. אַ טומל פון רייד טראָגט זיך פון דאָרטן).

**ר' לוי יצחק:** (קומט אַן זינגענדיק דורך דעם הויפּט־אַריינגאַנג. אַלע יידן און יידענעס פאַלן צו אים צו ווי קינדער צו אַ טאַטן, וואָס קערט זיך אום פון וועג) אַ גוטן אָוונט, יידן!

**קולות:** אַ גוטן אָוונט רבּי. אַ גוטן אָוונט!

**ר' לוי יצחק:** קומט אַלע מיט מיר! (פריילעך) קומט יידן! טייערע

יידן! (עפנט די טיר צום צימער רעכטס און קומט אריין. די יידן שלעפן זיך נאך נאך אים).

(אלע קינדער און אויך פערל און שמשי הייבן זיך אויף פון זייערע פלעצער).

**ר' לוי יצחק:** אַ גוטן אָוונט קינדערלעך! אַ גוטן אָוונט פערל! אַ גוטן אָוונט שמשי!

(פערל, די קינדער און שמשי ענטפערן אָפּ צוריק „אַ גוטן אָוונט").

**ר' לוי יצחק:** (צו די קינדער און פערל) נו, גייט אַלע אַרויס און מען וועט הערן וואָס די יידן ווילן.

**פערל:** וואַרט אונטער אַביסל, לוי יצחק. (צו שמשי) טרייבט צוריק אַלע יידן און יידענעס אין יענעם צימער.

**שמשי:** (צו די יידן און יידענעס) צוריק אין יענעם צימער. איר דאַרפט נאָך וואַרטן אַביסל.

(קולות פון די יידן און יידענעס: „וואָס טרייבט איר אונדז? דער רב וויל אונדז זען" !).

**ר' לוי יצחק:** שמשי, וואָס טרייבסטו די יידן?

**פערל:** אַזוי וועט זיין פון איצט אָן, לוי יצחק. איך וועל נישט אַריינלאָזן אָט די אַלע באַנדעס, ווען נאָר זיי ווילן.

**ר' לוי יצחק:** פערל, וואָס טוט זיך מיט דיר? אַרויסטרייבן יידן?

**פערל:** יאָ. אַרויסטרייבן! עס וועט דאָ אין באַרדיטשעוו זיין אַ נייער דרך. דו וועסט נישט זען זיי אַלע מאָל, ווען נאָר זיי ווילן. עס וועט זיין אַ באַשטימטע צייט.

**ר' לוי יצחק:** אַ באַשטימטע צייט פאַר אהבת ישראל!

**פערל:** (האַקט אין טיש מיט איר פויסט, רעדט ענערגיש) אַ באַשטימטע צייט אויפצונעמען זיי! צו געבן זיי שלום און אויסהערן וואָס זיי ווילן! דו וועסט איצט ווערן אַ רבי.

**ר' לוי יצחק:** (לאַכט) אַ רבי? איך — אַ רבי?

**פערל:** יאָ, אַ רבי. וואָס איז, עס פּאַסט דיר נישט? אָדער דו ביסט נישט ראוי ודערצו? ביסט דאָך געווען דעם מגיד הקדוש בעסטער תלמיד.

**ר' לוי יצחק:** כ'ווייס נישט. נו, אז יאָ, איז וואָס?

**פערל:** אַלע זיינע תלמידים זיינען געוואָרן רביים. פאַרוואָס דו נישט?

**ר' לוי יצחק:** ווייל איך בין נישט קיין רבי, איך בין אַ פּראָסטער ייד.

**פערל:** דו ביסט נישט קיין פּראָסטער ייד! אויב אַזוי פאַרוואָס

קומען די יידן דאָ אַהער און שלאָגן אָפּ דיינע שוועלן, אַז דו זאָלסט בעטן צו גאָט פאַר זיי? פון היינט אָן וועט זיין אַנדערש!

(טומל פון די יידן און יידענעס. זיי שרייען: „מיר ווילן זען דעם רבי״! אַנדערע קלאַפּן אין דער טיר).

**ר׳ לוי יצחק:** שמשי, פאַרוואָס האַלסטו פאַרמאַכט די טיר? פאַרוואָס לאָזטו נישט אַריין די יידן?

**שמשי:** די רביצין לאָזט נישט! די רביצין הייסט מיך האַלטן פאַרמאַכט די טיר!

**ר׳ לוי יצחק:** (באַפעלעריש) שמשי, עפן די טיר און לאָז אַריין די יידן!

**פערל:** (שרייט) שמשי, איך זאָג, אַז נישט! (צו לוי יצחק) מיר האָבן דאָ געהאַט אַ שמועס וועגן דעם. אַלע דיינע תלמידים ווילן אַז דו זאָלסט זיין רבי. זיי ווילן קומען אַהער און אויסרופן דיך פאַר זייער רבי. דו וועסט נעמען קוויטלעך און פדיונים און וועסט האָבן אַ באַשטימטע צייט ווען אויפצונעמען מענטשן.

**ר׳ לוי יצחק:** פערל, זאָלסט מיר געזונט זיין. דאָס איז נישט פאַר מיר. איך בין עס נישט גורס. וואָס הייסט עפּעס זיך אָפּטיילן פון יידן, דאָס איז דאָך גאווה!

**פערל:** לוי יצחק, קוק דיך אַרום. די קינדער זיינען שוין גרויס. איך בין שוין אויך נישט אַזוי יונג. מען קאָן נישט מער זיין נע ונד. דו מוסט ווערן אַנדערש! אַלע ניין און אין דרייסיק תלמידים פון מגיד הקדוש זיינען געוואָרן רביים. פאַרוואָס נישט דו? די קינדער זאָגן אויך אַזוי. פאַרשטיי אונדז!

**ר׳ לוי יצחק:** היה לא תהיה, פאַר קיין פאַל נישט. איך בין נישט קיין רבי, איך בין אַ פּשוטער ייד!

**פערל:** אָבער דו ווילסט דאָך העלפן יידן!

**ר׳ לוי יצחק:** יעדער איינער דאַרף העלפן יידן. עס שטייט דאָך „עזוב תעזוב את אחיך אתך״. עס איז אַ מצווה צו העלפן אַ יידן.

**פערל:** אָבער אַ מצווה דאַרף דאָך אויך האָבן איר צייט. איר זמן.

**ר׳ לוי יצחק:** העלפן אַ יידן דאַרף מען שטענדיק. עס איז נישטאָ דערויף קיין באַשטימטע צייט. קאָן מען ליב האָבן יידן נאָר אין געוויסע שעהן? לאָז אַריין די יידן און איר אַלע גייט אַרויס אין אַן אַנדער שטוב.

**פערל:** (שרייט) איך וועל זיי נישט אַריינלאָזן! פון היינט אָן וועל איך נישט מאַכן מיין שטוב פאַר אַ בית המדרש! זאָלן זיי גיין צו אַלדי גוטע יאָר!

**ר׳ לוי יצחק:** מיין הויז איז אלע מאל געווען אפן פאר אלע יידן און צו יעדער צייט, ווען א ייד האט געוואלט קומען צו מיר, איז ער געווען אנגעלייגט.

**פערל:** און דאס האט נישט געטויגט. דערפאר האט מען אונדז געטריבן שוין פון דריי שטעדט. אבער איך האב אפגעמאכט ביי זיך, אז פון בארדיטשעוו זאל מען אונדז נישט טרייבן. דא וועט זיין אנדערש! איך וועל זיי מער נישט דערלאזן צו דיר, ווען נאר זיי ווילן! עס וועט אזוי מער נישט זיין!

**ערשטע יידענע:** (פון יענער זייט טיר. קלאפט אן דער טיר און וויינט) מיין ארעם קינד איז א מקשה לילד. זי גייט שוין דעם דריטן טאג צום קינד! לאזט מיך אריין צום רבי! (וויינט שטארק).

**ר׳ לוי יצחק:** לאזט איר אריין!

**פערל:** מען וועט זיי אריינלאזן אין אוונט פאר א שעה. מען וועט זיי אלע אריינלאזן נאך וועטשערע.

**ר׳ לוי יצחק:** שמשי, עפן די טיר פאר די יידן. איך באפעל דיר דאס צו טאן!

**שמשי:** (גייט צו דער טיר).

**פערל:** (לויפט צו און שטעלט זיך אוועק ביי דער טיר) מען וועט איצט קיינעם נישט אריינלאזן! (שרייט צו די יידן אויף יענער זייט טיר) קומט זיבן אזייגער נאך וועטשערע! אלע טאג אין אוונט נאך וועטשערע! נישט פריער. עס מוז זיין א טאלק.

**ר׳ לוי יצחק:** (לויפט איבערן צימער, ווילד) וואס טוט זיך דא עפעס? וואס וויל מען פון מיר?

**פערל:** אויב מען קומט צו דיר וועגן רבישע זאכן צו בעטן צו גאט פאר זיי און העלפן זיי — ווערסטו זיין א רבי. ווערסטו זיצן א גאנצן טאג אין א באזונדערן חדר און אויפנעמען זיי איין מאל אין טאג, בלויז אין אוונט נאך וועטשערע פאר א שעה און נישט מער. זאלן זיי שרייבן קוויטלעך און געבן דיר פדיונים, ווי עס פירט זיך ביי אלע רביים, אנ־דערש וועט נישט זיין. איך וועל עס נישט דערלאזן!

**ר׳ לוי יצחק:** (שטורמיש) אוועקזעצן מיך אין א באזונדער חדר? אפרייסן מיך פון די יידן? רבונו של עולם, פארוואס קומט עס מיר? (טאן ענדערנדיק) איך ווייס, איך האב אודאי געזינדיקט קעגן דיר, רבון העולמים, און דו ווילסט אז איך זאל האבן דעם עונש אויף דער וועלט, כדי איך זאל קומען ריין אויף יענער וועלט. אבער, רבונו של עולם, באשטראף מיך מיט אלע שטראפן אין דער וועלט, אבער נאר נישט דאס! בעסער אלע ליידן, ווי נישט צו זען יידן, ווי נישט צו פילן מיט זייער צער. רבונו של עולם, יידן מוטשען זיך, יידן וויינען און קארטשען

זיך פון יסורים, יידן שטרעקן אויס אַ האַנט צו מיר און בעטן מיך כ׳׳זאָל זיי העלפן, און איך וועל זיצן אין אַ חדר מיוחד מיט אַ פאַר־מאַכטע טיר און נישט וועלן הערן זייערע געשרייען, פאַרשטעלן זיך די אויערן פאַר זייערע געוויינען, פאַר זייערע יללות! (שרייט) ווי אַזוי וועל איך דאָס אויסהאַלטן? ווי אַזוי וועל איך דאָס אַריבערטראָגן? און זיי וועלן נאָך זאָגן, אַז איך בין אַ רבי. (שרייט העכער) אויב איך בין נאָר עפּעס חשוב ביי דיר רבונו של עולם, העלף מיר, אַז כ׳זאָל קאָנען העלפן די יידן.

אָבער רבונו של עולם, דו אַליין ביסט אויך נישט גערעכט. דו אַליין ווילסט אויך נישט העלפן די יידן, וואָרום אויב דו וואָלסט געוואָלט, וואָלסטו דאָך שוין לאַנג זיי געהאָלפן. היד ה׳ תקצור, איז דען דיין האַנט צו קורץ עפּעס צו טאָן? מען רופט דיך „בעל הרחמים״, טאָ פאַרוואָס האָסטו נישט קיין רחמנות אויף דיינע קינדער? דו ווילסט דאָך אַז מען זאָל גיין אין דיינע מידות „מה הוא רחום אף אתה רחום״, אַזוי ווי ער איז אַ בעל רחמן, אַזוי זאָלן מיר זיין בעלי רחמים. מען רופט דאָך דיך נישט אַנדערש ווי „הרחמן״, אויב אַזוי וואָס פאַר אַ רחמן ביסטו? די גמרא זאָגט, „חותמו של הקב״ה אמת״, דער זיגל פון כביכול איז אמת, אַז אין הימל זוכט מען בלויז דעם אמת. אויב אַזוי וועל איך דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, רבונו של עולם. דער אמת איז אַז די יידן זיינען גערעכט און דו נישט, ווייל דו, כביכול, האָלטסט נישט דיין וואָרט צו די יידן. מיר, יידן, האַלטן אונדזער וואָרט. מיר דאַווענען, מיר לערנען, מיר זיינען מקיים אַלע מצוות פון דער תורה. אָבער דו — נישט. דו האַלסט נישט דיין וואָרט און דו פירסט נישט אויס דאָס, וואָס דו האָסט אונדז צו־געזאָגט. וואָרום נאָך אַלעמען זיינען דאָך מיר, יידן, גרויסע יחסנים. מיר זיינען בני אברהם, יצחק ויעקב, און דו האָסט געזאָגט צו אונדז, אַז דו ווילסט אונדז פאַר דיין פאָלק, פאַר אַן סגולה און דו האָסט אונדז אַריינגעגעבן אין נדן, דאָס וואָס „לי הכסף ולי הזהב״, צו מיר געהערט אַלץ דאָס גאָלד און זילבער פון דער וועלט, האָבן מיר זיך מיט דיר משדך געווען. מיר האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז מיר זאָלן לערנען דיין תורה און דו וועסט אונדז געבן דערפאַר ארץ ישראל און „בני חיי ומזוני״, אָבער דו גיסט נישט, נישט ארץ ישראל און נישט „בני חיי ומזוני״. אויב אַזוי וואָס פאַר אַ שידוך איז עס? דעריבער זאָג איך דיר, איך, לוי יצחק בן שרה שאָשיע מבאַרדיטשעוו, אַז דו, רבונו של עולם, ביסט לויטן דין נישט גערעכט. ווען אַפילו דער קלענסטער ייד זאָל האָבן אַ דין תורה פאַר מיר מיט דיר, וועסטו זיך נישט קאָנען אויסקויפן קעגנאיבער אים. דו נעמסט וואוילע יידן און דו מאַטערסט זיי! דו נעמסט יידן תלמידי חכמים וואָס זיצן און לערנען דיין תורה און גיסט

זיי נישט קיין ברויט?! יידן, צדיקים, וואָס היטן אָפּ יעדע מצווה, גייען אויס פון הונגער?! איצט מאַכסטו נאָך, אַז איך זאָל זיי אויך נישט העלפן, אַז אויך איך זאָל אַפילו נישט אויסהערן זייערע לײַדן און דערצו נאָך זאָל איך הייסן אַ רבי! אויב איך בין אַ רבי דאַרף איך זיי נאָך מער העלפן! (נעמט זיך וואַקלען און פאַלט אַנידער אויף דר'ערד).

ר' מאיר: (שרייט אויס) דער טאַטע איז אַוועקגעפאַלן!

ר' ישראל: וואַסער! גיכער!

ר' בעריש: לויפט און ברענגט וואַסער).

פערל: (וויינט) וואָס איז דיר, לוי יצחק? עס איז נישט מײַן שולד! עס זײַנען מײַנע צרות! איך קאָן נישט מער!

(ר' מאיר, ר' ישראל און ר' בעריש הייבן אויף ר' לוי יצחקן און פירן אים אָפּ אין אַ זייטיקן צימער).

שמשי: (צו פערלען) אָט דאָס וואָס איר האָט אויפגעטאָן, רביצין, איצט זעט איר שוין! איר ווילט נעמען אַזאַ הייליקן מענטשן און אים מאַכן צו טאָן דאָס וואָס איר ווילט, אַלץ וואָס איז גוט פאַר אײַך, אַנ־שטאָט פאַר אים; איר ווילט זיך נישט צופּאַסן צו אים, נאָר ער זאָל זיך צופּאַסן צו אײַך. טאָ זעט איר וואָס עס איז געשען? איצט וועט איר שוין פאַרשטיין! איר ווייסט נישט, רביצין, וועמען איר האָט פאַר אַ מאַן. ער איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ מלאך. אָבער בײַ אײַך איז ער נאָר אַ מאַן. בײַ אַלע ווײַבער איז יעדער איינער נאָר אַ מאַן.

פערל: ער איז אַ קינד, יעדער מאַן איז אַ קינד.

שמשי: ער איז נישט קיין קינד! ס'איז רשעות! ס'שטייען יידן אין דרויסן און בעטן זיך, אַז מ'זאָל זיי העלפן, אַז מ'זאָל עפּעס טאָן פאַר זיי, און ער שטייט דאָ און וויל עפּעס טאָן פאַר זיי, אָבער מען לאָזט אים נישט! מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ וואַנט צווישן אים און זיי! רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט אים אַזעלכע יסורים? פאַרוואָס? (וויינט).

(פאָרהאַנג פאַלט)

## צווישן שפּיל

### (פאַר דעם פאַרהאַנג)

**משה:** גוט מאָרגן, ר׳ שלמה. שוין לאַנג, לאַנג איך נישט געזען.

**ר׳ שלמה:** אַ, טאַקע שוין לאַנג. און וואָס מאַכסטו?

**משה:** גאָט צו דאַנקען. איך קום פון צייט צו צייט קיין באַרדיטשעוו און יעדעס מאָל ווען כ׳קום אַהער, בין איך דאָך, פאַרשטייט זיך, ביים רבין זאָל לעבן. נו, האָב איך ממש נחת ווען כ׳זע ווי אַזוי די קהלה פון באַרדיטשעוו באַהאַנדלט אים. מיט וואָס פאַר אַ דרך ארץ! מיט וואָס פאַר אַ חשיבות!

**ר׳ שלמה:** נו, אודאי, ערשט דאָ ווייסט מען ווי אַזוי אים אָפּצושעצן. דאָ וויסן זיי וואָס פאַר אַן אוצר זיי האָבן.

**משה:** און עס קומען צום רבין אַזוי פיל חסידים און צווישן זיי אַזוי פיל גדולים.

**ר׳ שלמה:** אודאי. אונדזער רבי האָט דאָך אַ וועלט־נאָמען. ווער ווייסט נישט פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער?

**משה:** דער רבי, זאָל לעבן, איז אודאי איצט צופרידן?

**ר׳ שלמה:** וואָס פאַלט דיר איין? צופרידן? ער איז כסדר אומרואיק.

**משה:** אומרואיק גאָר? פאַרוואָס?

**ר׳ שלמה:** פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט? עס איז איצט בעסער פאַר זיין בני בית, פאַר זיין ווייב און קינדער, אָבער נישט פאַר אים.

**משה:** פאַרוואָס?

**ר׳ שלמה:** ווייל אונדזער רבי וויל בעצם נישט זיין קיין רבי. ער וויל גאָר נישט פירן. ער וויל נישט זיצן אין אַ חדר מיוחד און אָננעמען יידן איין מאָל אַ טאָג. עס ציט אים צו יידן אַלע מאָל! עס ציט אים צו זיין צווישן זיי טאָג און נאַכט; צו לעבן צווישן זיי און ניט צו זיין אָפּגעשלאָסן אין אַ באַזונדער שטוב. כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, ער וויל נישט זיין קיין רבי.

**משה:** נאָך אַלץ נישט ר׳ שלמה, נאָך אַלץ נישט. אַפילו באַכדעם

ווי אַזוי פיל גדולים, זיינע בעסטע תלמידים האָבן אים אויסגערופן אַלס רבי? כ'געדענק אַזוי ווי היינט, ווי די רביצין און די קינדער האָבן צונויפגערופן זייער פיל פון זיינע תלמידים, כדי דאָס אויסצורופן. עס זיינען געקומען, אויף וויפל איך געדענק, ר' אהרן פון זשיטאָמיר, ר' אברהם דוד פון באטשאטש, ר' חיים יוסף פון פיסטין, ר' אברהם מרדכי פון פינטעוו, ר' יוסף פון ניעמיראָוו, ר' צבי חסיד פון יאַמפּאָליע, ר' ישכר דוד פון...

ר' שלמה: נו גענוג שוין, גענוג שוין! צו וואָס דאָס אויסרעכענען. איך ווייס ווער עס איז אַלץ געווען.

משה: נו, אַז אַזעלכע גדולי הדור האָבן אים אויסגערופן אַלס רבי, מיינט דאָס גאָרנישט ביי אים?

ר' שלמה: ניין. אַפילו ווען טויזנטער תלמידים וואָלטן אים אויסגערופן אַלס רבי, וואָלט ער אויך נישט נתפעל געוואָרן. ווייסטו, אַז ער איז אַפילו דערפון פאַרשוואַכט געוואָרן און איז געווען קראַנק אַ גאַנץ יאָר?

משה: יאָ, כ'ווייס דערפון. וואָס איז אייגנטלעך דעמאָלט געווען? צווישן חסידים זאָגט מען, אַז עס איז געווען אַ קטרוג אויף אים אין הימל מחמת ער איז צופיל מתרעם אויפן רבונו של עולם.

ר' שלמה: אַזוי זאָגן חסידים. איך בין אָבער אַ בן־בית און איך ווייס וואָס עס איז באמת געווען.

משה: און וואָס איז טאַקע באמת געווען?

ר' שלמה: אונדזער רבי, זאָל לעבן, ליידט פון דער התבודדות.

משה: נאָך איצט אויך? ס'איז דאָך שוין אַ קיים־לן פון צוואַנציק יאָר.

ר' שלמה: מאָל דיר, אַז נאָך איצט אויך. ער וויל דאָך נאָך איצט נישט, אַז מען זאָל אים רופן רבי, נאָר בלויז לוי יצחק. און אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר... (בלייבט שטיין).

משה: וואָס איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר?

ר' שלמה: גאָר נישט... כהאָב עס נישט געדאַרפט גאָר זאָגן.

משה: פאַר מיר האָט איר אויך סודות, ר' שלמה?

ר' שלמה: איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וויל ער נישט אַז קיינער פון זיינע קינדער זאָל זיין אַ ממלא מקומו, אַז עמיצער זאָל ווערן אַ רבי אויף זיין אָרט. ער וויל נישט אויפשטעלן אַ דור פון רביים נאָך זיך.

משה: (פאַרחידושט) אַזוי? האָט ער דאָס אייך בפירוש געזאָגט?

ר' שלמה: יאָ, בפירוש. ער האָט דאָס אויך געזאָגט צו זיינע מקורבים.

**משה:** און פאַרוואָס טוט ער פונקט פאַרקערט ווי זיין בעסטער חבר ר׳ שניאור זלמן, דער ליאַדער רבי? יענער איז דאָך אדרבה דערפאַר, אַז עס זאָל זיין נאָך אים אַ דור פון רביים.

**ר׳ שלמה:** פאַרוואָס? פאַרוואָס? וואָס פרעגסטו קשיות, שוטה איינער? יעדער רבי האָט זיך זיין שיטה, זיין דרך. ר׳ שניאור זלמן וויל דאָס און אונדזער רבי, זאָל לעבן, נישט. וואָס איז דאָס פאַר אַ קשיא? דו זעסט דאָך, אַז אונדזער רבי האָט זיך אַפילו משדך געווען מיט שניאור זלמנען און זיין אייניקל ר׳ יקותיאל זלמן, דעם איידעם ר׳ יוסף בונימס זון, וועט בקרוב חתונה האָבן מיט ר׳ שניאור זלמנס אַן אייניקל, ר׳ בערס אַ טאָכטער, אָבער איינס צום אַנדערן האָט נישט. יעדער האָט זיך זיין וועג.

**משה:** יאָ, איר האָט דערמאָנט די חתונה. כ׳האָב געהערט אַז מען גרייט זיך שוין שטאַרק צו איר? איר וועט דאָרטן זיין?

**ר׳ שלמה:** אודאי, מיט השם יתברכס הילף.

**משה:** איך וועל אויך קומען. עס וועלן דאָך קומען אַלע גדולי ישראל. וועט די חתונה טאַקע זיין אין זשלאָבין?

**ר׳ שלמה:** יאָ, אין זשלאָבין. עס וועט זיין אַ וועלט־חתונה.

**משה:** (נישט דרייסט) כ׳האָב אייך געוואָלט פרעגן, ר׳ שלמה, און וואָס הערט זיך עפּעס מכּח יענעם חברה־מאַן, פון דער סטרא אחרא?...

**ר׳ שלמה:** (גיט אַ מאַך מיט דער האַנט אויף ביטול) עך!... מיט אים בין איך שוין פאַרטיק! נו, אַ גוטן טאָג, משה.

**משה:** אַ גוטן טאָג, ר׳ שלמה, אַ גוטן טאָג!

(ביידע אָפּ).

# דריטער אַקט

## צווייטע סצענע

הויז פון גרויסן גביר ר׳ יעקב מאיר לעווין אין זשלאָבין. עס איז דינסטיק ביי טאָג און מען גרייט זיך צו דער גרויסער חתונה וואָס דאַרף היינט פאָרקומען. די חתונה פון ר׳ לוי יצחקס אייניקל ר׳ יקותיאל זלמן, דעם זון פון זיין איידעם ר׳ יוסף בונעם, מיט דער כלהביילע, די טאָכטער פון מיטעלען רבי ר׳ בער שניאורסאָן, דעם זון פון ר׳ שניאור זלמן שניאורסאָן, דער ליאַדער רבי. אַ גרויס צימער, וואָס אין מיטן שטייט אַ לאַנגער טיש מיט אַ סך שטולן פוןביידע זייטן. רעכטס אויבן אָן — אַ פאָטער־שטול מיט אַ הויכן געזימס. הינטער דעם פאָטער־שטול ביי דער וואַנט — אַ שענקל מיט גלאָזוואַרג. ביי דער וואַנט קעגנאיבער דעם פובליקום — אַ קליינע סאָפע מיט אַ געזימס פון האָלץ־שניצערייען. איבער דער סאָפע — אַן אויסגעשטריקטער „מזרח״; אַביסל ווייטער אין דער זעלבער וואַנט — אַ טיר צו אַנדערע צימערן.

ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף זיצט אויף דער זאָפע די רביצין פערל, אָנגעטאָן אין אַ ברייט שוואַרץ זיידן קלייד מיט אַ הויכן קאָלנער. זי טראָגט פערל אויפן האַלדז און אויפן קאָפּ אַ שטערן טיכל, און אַרום טיש זיצן אויבן אָן ר׳ לוי יצחק און קעגנאיבער אים ר׳ יוסף בונים און שמשי.

**דער ליאַדער רבי:** (קומט אַריין, קוקט זיך אַרום, זעט ווי די רעדן אין דער שטיל. וויל אַוועקגיין).

**פערל:** שלום עליכם מחותן, וואָס מאַכט איר? גייט נישט אַוועק! מיר רעדן דאָ נישט קיין סודות. קומט אַהער, זיצט מיט אונדז.

**דער ליאַדער רבי:** (זעצט זיך אויף אַ שטול נעבן טיש) מען דאַרף זאָגן דעם פוילישן בדחן, אַז ער זאָל היינט נישט מאריך זיין, ווי ער האָט עס געטאָן נעכטן ביי דער סעודה פאַר די אָרימע לייט. ער האָט זיך נעכטן אַביסל צופיל צולאָזט.

**ר׳ לוי יצחק:** ער האָט געוואָלט דערפרייען די העצער פון די אָרימע לייט. פאַרוואָס נישט?

**דער ליאַדער רבי:** היינט איז טאַקע די אמתע חתונה. אָבער מיר האָבן דאָ אַ סך גדולי ישראל, ווי אַ שטייגער דער רבי ר׳ ברוך, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, דער קאָזשעניצער מגיד און נאָך פיל אַנדערע גדולים, און זיי וועלן עס נישט גורס זיין.

**ר' יוסף בונים:** איר מיינט, מחותן, אַז ער זאָל נישט מאריך זיין מיטן באַזינגען די חתן־כלה?

**דער ליאָדער רבי:** כ'מיין דאָס און אויך ביים אויפרופן די מענטשן.

**ר' יוסף בונים:** איר זענט גערעכט; איך וועל עס אים זאָגן.

**פערל:** יוסף בונים, איך האָב היינט געזען דאָ דעם יידליק. וואָס טוט ער דאָ? ווי קומט ער אַהער? האָסט דו אים געהייסן, אַז ער זאָל קומען אַהער אויף דער חתונה?

**ר' יוסף בונים:** ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל קומען אַהער, האָב איך אים נישט געקאָנט אָפּזאָגן.

**פערל:** (ענערגיש) איך וויל אים דאָ נישט האָבן!

**ר' יוסף בונים:** ער איז דאָך אָבער שוין דאָ.

**פערל:** (באַפעלעריש) שיק אים אַוועק!

**ר' לוי יצחק:** פאַרשעמען אַ מענטשן, פערל? מבייש זיין אַ מענטשן?!

**פערל:** (בייז) איך וויל אים דאָ נישט האָבן! איך וויל אים נישט האָבן אויף דער חתונה פון מיינס אַ קינד!

**ר' לוי יצחק:** פערל, דו ווייסט די מעשה פון קמצא און בר־קמצא, וואָס צוליב דעם איז חרוב געוואָרן ירושלים.

**פערל:** (נערוועז) איך האָב אים פיינט!

**ר' לוי יצחק:** מען טאָר אַזוי נישט רעדן, פערל, וועגן אַ מענטשן! מען טאָר נישט פיינט האָבן קיינעמען!

**פערל:** יוסף בונים, טאָ טו מיר אַ טובה און זעץ אים נישט אַוועק ביים טיש, דו הערסט?

**ר' יוסף בונים:** אַז די שוויגער וויל אַזוי.

**ר' שניאור זלמן:** עס וועט נישט זיין קיין גרויס אומגליק אויב אפילו ער וועט זיצן ביים טיש, רביצין.

**פוילישער בדחן:** (קומט אַריין) איצט רבותי גייט אַרויס אַלע, ווייל מגייט דאָ באַזעצן די כלה.

(אַלע אָפּ).

פאָרהאַנג פאַלט פאַר אַ מינוט און הויבט זיך באַלד צוריק אויף. אַלץ איז אין צימער ווי געווען, בלויז די כלה זיצט אויף אַ איבערגעקערטע דייזשקע אויף וועלכער מען האָט אַרויפגעלייגט אַ קישן איבערגעדעקט מיט אַ לײַלעך. אַרום דער כלה שטייען ביידע מאַמעס. אַ באָבע און צווײ מומעס מיט ברענענדיקע הבדלות און קוקן צו ווי דרײַ יונגע מיידלעך, חברטעס פון דער כלה, פלעכטן אויף אירע צעפּ און צולאָזן אירע האָר. דער פוילישער בדחן קומט אַריין מיט די כלי־זמרים וואָס שפּילן

חתונה ניגונים. עס גייען נאָך זיי דריי אין איין רייע, דער זיידע פון חתן ר׳ לוי יצחק אויף רעכטס, דער חתן אין מיטן און דער זיידע פון דער כלה, דער ליאַדער רבי, אויף לינקס. נאָך זיי גייען די אַנדערע רביים. די ערשטע דריי טראָגן אַ שוואַר באַדעקנס טוך פון גרינעם אַטלאַס, אויס־געהאפטן מיט גאָלד פעדים און מיט אַן עטרה פון גאָלד און זילבער וואָס באַשטייט פון צווי לייבן און איבער זיי אַ קרוין. זיי גייען מיט פאַר־מעלעכע טריט צו דער כלה און בלייבן שטיין. דער חתן נעמט איצט דאָס באַדעקנס טוך אַרויס פון זייערע הענט און גייט צו נעענטער צו דער כלה און באַדעקט דערמיט איר קאָפּ און פּנים. די ווייבער שרייען „מזל טוב״! און וואַרפן אויף דער כלה האָפּן. די יונגע מיידלעך וואַרפן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

**פּוילישער בדחן:** (שטעלט זיך אַוועק אויף אַ קליין בענקעלע און הויבט אָן).

נשים צדקניות, לאָז זיין שטיל
און הערט ווערטער פון מיר,
ווי אַזוי מען איז מעורר אַ כלה
קודם דעם חופה פּיר.
זאָג, כלהשי: היינט איז ביי מיר אַ תענית,
פאַרגיב מיר, גאָט, מיינע זינד, אָן שום מענות
און כ׳זאָל אָפּגעהיטן ווערן פונעם ביטערן טעם
צו דאַרפן אָנקומען צו אַ בשר ודם.
כ׳וויל בעסער עסן פון דיר, גאָט, טרוקענע ברויט
איידער דאַרפן אויסשטעקן די האַנט אין אַ נויט.
וואָרום בשר מאַכט, אוי מאַכט בשר,
בעסער שטאַרבן, רבונו של עולם,
איידער אָנצוקומען צו אַ רייכן גולם.
מאַכט דם: ווי דעם מענטשן,
מאַכט דם נאָך אַמאָל: וואָס דאַרף אָנקומען צו מענטשן.
אוי, האַרציקע כלה, איצט וויל איך דו זאָלסט מיך אויסהערן,
ווייל כ׳וועל דיר דעם מענטשנס סוף אויפקלערן.
דער מענטש דאַרף דינען דעם רבונו של עולם מיט יעדן אבר,
וואָרום היום כאן ומחר בקבר.
הער אויס מיינע ווערטער, זיי זיינען בישט קיין בייע:
איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר האָט יעדער אַ לויה.
אָבער וואָס באַגלייט אַ מענטשן,
וואָס אַלע טוען זיך מיט אים בענטשן.

אוי, ווי געשריען, נישט קיין געלט און נישט קיין עשירות,
נישט קיין דיאַמאַנטן און נישט קיין גבירות,
נאָר בלויז זיינע גוטע מעשים טוען אים באַגלייטן
אַזוי איז עס פון גאָר אַלטע צייטן.
הארציקע כלה, אַ יידישע טאָכטער איז מיט דריי זאַכן פאַרבונדן,
חלה נעמען, נדה האַלטן און שבת ליכט צינדן.
נעם דיר פאַר דאָס אָפּצוהיטן אַצינדער
וועסטו בזכות זה האָבן געזונטע קינדער
און בעט אויך צו גאָט, אַז דיין מאַן זלמן
זאָל חלילה נישט בלייבן קיין אַלמן.
און דו זאָלסט אויך נישט בלייבן קיין יונגע אַלמנה,
נאָר ביידע זאָלט איר דערלעבן עד מאה ועשרים שנה.
איר זאָלט האָבן קינדער עוסקים בתורה,
דערפאַר וועט אונדז גאָט אויסלייזן מאפלה לאורה.
כ׳ווינטש דיר, כלהשי, אַז דיין מזל זאָל לייכטן שיין,
עס זאָל דיר כסדר נאָך דער חתונה וואויל און גוט זיין,
און איצט מאַכט זיך גרייט און אין אַ מזלדיקער שעה וועט מען
צו דער חופה גיין
ונאמר אָמן.

(די כלי זמרים צושפילן זיך איצט שטאַרק).

**פוילישער בדחן:** כלי זמרים, שפילט אַ פרעליכס! געשפילט זאָל ווערן! לעבעדיק! לעבעדיק!

(כלי זמרים שפילן אַ פרעליכן מאַרש).

**פוילישער בדחן:**

איצט, רבותי, נאָכדעם ווי מען האָט באַזונגען די כלה,
וועלן מיר גיין אַלע, אַלע
באַזינגען אונדזער ליבן חתן
און זאָל זיין ביי יידן נאָר שמחה וששון!

פאַרהאַנג פאַלט אויף אַ מינוט און ווען ער הויבט זיך אויף איז די כלה מיט די ווייבער און מיידלעך נישטאָ מער. עס איז אויך נישטאָ מער די דייזשקע מיטן קישן און ליילעך. דער חתן און די מחותנים און די רביים זיצן צוריק ווי פריער אויבן אָן מיטן חתן אין מיטן.

**פוילישער בדחן:** (הויבט אָן מיט אַ פרומען ניגון).

אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט:
טוב מעט בכוונה, מהרבה שלא בכוונה
קומט דער בדחן און ברענגט דעם חתן אַ מתנה,

(נעמט אין האַנט אַריין אַ פּעקל וואָס באַשטייט פון אַ טלית מיט אַ קיטל).

הארציקער חתן: אָט דאָס איז די מתנה, אַ טלית און אַ קיטל
האַרציקער חתן, סשטייט געשריבן: חתן דומה למלך
ווינטש איך דיר, כי תצליח בכל אשר תלך,
אָבער מ׳מוז דיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן באַדייט
פונעם קיטל וואָס דערמאַנט אַז מען דאַרף זיין גרייט
און אַזוי ווי קיינער ווייסט נישט זיין צייט,
דאַרף מען תשובה טאָן כסדר און שלאָגן זיך על חטא.
אָט דאָס איז ביים הימל זייער חשוב
ווייל קיטל מאַכט: קבר יזכור טוב לשוב!
און איצט, רבותי איידער כ׳גיי אויפרופן דעם חתן מיט אמתן טיטל
לאָמיר אים פאַר דער חופה אָנטאָן דער כלהס קיטל.

(ר׳ יוסף בונעם, פאָטער פון חתן טוט אָן דעם חתן דעם קיטל).

און איצט אַ פּאָר ווערטער מיט התפעלות
וועגן דער באַדייטונג פונעם טלית.
טלית מאַכט: טוב לגבר יעשה תשובה
און די אותיות תשובה מאַכן
תשובה שלמה וועט בודאי העלפן,
זאָלסט קומען צו דער חופה מיט אַ ריינער נשמה.
וואָרום נאָך אַלעם איז דאָך אדם להבל דמה
אוי ווי געשריען. מאַכט אדם: אוי דו מענטש
מאַכט אדם: אויף דעם מינדעסטן
מאַכט אדם: איזן דאָרטן מדקדק
מאַכט אדם: אין די מלבושים
מאַכט אדם: איזן דיך מקבר.
מאַכט אדם: און דער מלאך,
מאַכט אדם: איז דיך מעורר,
מאַכט אדם: און דער מקטרג,
מאַכט אדם: איז דיך מחייב
מאַכט אדם: אָבער דער מלאך מיכאל,
מאַכט אדם: איז דאָרט ממליץ,
מאַכט אדם: און דער מלך המלכים
אדם מאַכט: איז דיר מוחל!

האַרציקער חתן, איצט צום סוף
לאָמיר מסיים זיין בכי טוב

השם יתברך, זאָל אייך, חתן וכלה
אייערע יאָרן מיט גוטס זיין ממלא
אייער מזל זאָל ווי די זון לייכטן שיין
און עס זאָל זיין אייך תמיד גוט גיין,
קיין שונא זאָל זיך איבער אייך נישט פרייען,
און איר זאָלט כסדר אייערע יאָרן באַנייען,
איצט וועלן מיר אין אַ מזלדיקער שעה צו דער חופה גיין
און זאָגט אַלע נאָך: אָמן.

(מען הערט זאָגן: אָמן, אָמן!)..

(כלי זמרים שפּילן אַ חופה מאַרש).

**פּוילישער בדחן:**

איצט גייען מיר אַלע צום שול הויף
לאָמיר גיין פּאַמעלעך אָן געלויף
האַלט זיך רואיק, געלאַסן, אָן טומל,
ווייל די חופה וועט זיין אונטערן פרייען הימל.
נאָר זייט איצט שטיל, וואַרט אַ ווײַלע,
מען פירט צו דער חופה די כלה ביילע
און עס איז אַ פרייד פאַר אונדז אַלעמען
צו פירן צו דער חופה דעם חתן יקותיאל זלמן.
שפּילט כלי זמרים, רייסט די סטרונעס,
רייסט זיי, רייסט זיי אָן רחמנות,
פּויקט אין די פּויקן, האַקט אין די טאַצן,
אַז די שונא ישראל זאָלן פּלאַצן.
אויפגעשפּילט זאָל ווערן. די כלה גייט
און זאָל מען עס הערן ווייט און ברייט.
די כלה גייט! דער חתן גייט!
מזל טוב אייך ביידע.
מיט מזל זאָלט איר לעבן
און די שכינה זאָל איבער אייער הויז שוועבן.

(כלי זמרים שפּילן שטאַרק דעם חופּה מאַרש. אַלע אָפּ).

(צוויי סאַרווערס קומען אַריין און נעמען זיך צוגרייטן צו דער מאָל־צייט. זיי דעקן צו די טישן מיט ווייסע טישטיכער, לייגן אַוועק מעסער־גאָפּל־לעפל פאַר יעדן איינעם, שטעלן אַוועק אויפן טיש שיסלען מיט ווייסע בולקעס).

**ערשטער סאַרווער:** (ווייזט אָן דעם צווייטן) **דאָ וועט זיין דער אויבן אָן פאַרן חתן, נעבן אים וועלן זיצן די מחותנים און נאָך זיי די**

רביים און די אַנדערע חשובע געסט. מען וועט עפענען די טירן און אויסשטעלן טישן און שטולן איבער די אַנדערע צימערן פֿאַר דעם ברייטן עולם, אָבער דאָ וועט זיין בלויז פֿאַר מאַנסלייט; פֿאַר די ווייבער וועט מען סערווירן באַזונדער אויף דער אַנדערער זייט פֿון הויז. בישקשה, עס פעלן נישט קיין צימערן אין דעם הויז.

**צווייטער סאַרווער:** אַוועקלייגןביים חתן צוויי חלהלעך?

**ערשטער סאַרווער:** יאָ, אַזוי ווי פֿרייטיק צו נאַכט, באַדעקט מיט אַ טישטיכל און אַזוי אויך פֿאַר אַלע רביים. און אַז דו וועסט זיי דער־לאַנגען צו וואַשן זיך, זאָלסטו נעמען די שעפ, וואָס האָט צוויי אויערן און זאָלסט האָבן גרייט אַ שיסל וואו אַריין זיך צו וואַשן און אַ האַנטוך. גי־כער. זיי קומען שוין צוריק. נו, ענדיק אַלץ און קום מיט מיר! גי־כער!

(ביידע אָפּ).

(עס קומט אַריין דער בדחן און די כלי זמרים, וועלכע שפּילן. נאָך זיי דער חתן, די מחותנים און די רביים, שמשי און אויך אַנדערע געסט. געשרייען פֿון אַלע: מזל טוב! מזל טוב!).

**פּוילישער בדחן:** נו, כלי זמרים, לעבעדיק, מיט אַ קניאַק,
געשפּילט זאָל איצט ווערן גאָר געשמאַק,
קלאַפּט מיט די טאַצן שטאַרק, הויך,
מען גייט פֿירן חתן־כלה צו דער גאָלדענער יוך.

**שמשי:** מען וועט איצט אַריינפֿירן חתן־כלה אין חדר המיוחד, וואו זיי וועלן עסן די גאָלדענע יוך. ביי דער טיר וועלן שטיין צוויי עדות פֿון די נאָענטע מחותנים. איך רוף איצט זיי אויס, ר׳ יעקב ב״ר יצחק און ר׳ שלמה ב״ר אברהם. זייט זשע מוחל גייט שוין אַהין און שטעלט זיך אַוועק ביי דער טיר, וואו מען וועט אַריינפֿירן חתן כלה און איר זאָלט דאָרטן אַהין קיינעם נישט אַריינלאָזן.

(ביידע עדות אָפּ צו דער טיר רעכטס, וואָס פֿירט אין אַן אַנדער צימער. מען פֿירט אַהין אַריין חתן כלה).

**שמשי:** סאַרווערס, טראָגט אַריין צו חתן כלה די גאָלדענע יוך, גיט זיי צו עסן די יוך פֿון איין טעלער אָבער מיט צוויי לעפל און טראָגט אויך אַריין אַ סאַמאָוואַר מיט טיי מיט איין גלאָז. די סאַרווערס ווערן געבעטן נישט מער אַריינצוגיין צו זיי אַזוי לאַנג ווי חתן כלה זיינען דאָרטן. (טאָן ענדערנדיק) אַלע געסט ווערן געבעטן צו פֿאַרנעמען די ערטער ביים טיש, די מחותנים און די רביים אויבן אָן. אָבער לאָזט אי־בער אַ פּלאַץ אין מיטן פֿאַרן חתן. מען וועט אויך אויסשטעלן טישן איבער די לענג פֿון אַלע צימערן. פֿאַר די ווייבער מיט דער כלה וועט

מען סערווירן אויף יענער זייט פון הויז. אָבער נאָכן עסן וועלן זיי קאָנען דאָ אַריינקומען.

(די מחותנים און די רביים און די געסט פאַרנעמען זייערע ערטער).

**שמשי:** סאָרווערס, ברייגנט וואַסער צו וואַשן זיך פאַר די מחותנים און די רביים.

(סאַרווערס קומען מיט שיסלען אין איין האַנט און אַ שעפּ מיט צוויי צוויי אויערן אין דער צווייטער, אויפן אַקסל אַ האַנטוך און גייען אַרום צו די מחותנים און די רביים און דערלאַנגען זיי צו וואַשן זיך. זיי זאָגן „שאו ידיכם״ און ווישן זיך אָפּ די הענט אָן האַנטוך און מאַכן אַ „המוציא״ איבער די חלות, טונקען אין זאַלץ און עסן).

(אַ טומל אַ געשריי: „דער חתן! דער חתן!״ און די צוויי עדות פירן אַריין דעם חתן. געשרייען: „מזל טוב טוב! מזל טוב!״ מען זעצט אַוועק דעם חתן אויבן אָן. סאַרווערס טיילן אַלעמען טעלערלעך מיט פאַרציעס פיש).

(פויזע).

**שמשי:** זאָל זיין שטיל. איצט וועט דער חתן זאָגן אַ דרשה.

**פוילישער בדחן:** (שטעלט זיך אויף אַ קליין בענקל) לאָזט מיך, ר׳ שמשי, אויפרופן דעם חתן.

וועט זיין באמת שמחה וששון
איך בעט דעם חתן ר׳ יקותיאל זלמן,
אַז ער זאָל דערפרייען די הערצער פון אונדז אַלעמען
און ער זאָל אונדז מהנה זיין מיט אַ דרשה
און פאַרענטפערן עפּעס אַ דבר קשה.

**דער חתן:** אַזוי ווי עס זיינען דאָ פאַראַן אַזוי פיל גרויסע רביים, האָב איך נישט קיין האַרץ צו זאָגן אייגענע „תורה״, וועל איך אייך דע־ריבער נאָכזאָגן עטלעכע ווערטער פון גוטע יידן. דאָס ערשטע וואָרט איז פון מגיד הקדוש זכרונו לברכה. ער האָט אַמאָל געפרעגט אַ קשיא. עס שטייט אין פסוק: „בקש שלום ורדפהו״, זוך דעם שלום און רודף אים, איז דאָך אַ קשיא, אויב מען זוכט דעם שלום, פאַרוואָס זאָל מען אים רודפן? אָבער דער תירוץ איז, אַז דאָס מיינט מען דעם יצר הרע. און דער פסוק זאָגט אונדז אַזוי: „בקש שלום״, אויב דו זוכסט צו האָבן שלום, רדפהו, דאַרפסט אים, דעם יצר הרע, רודפן, פאַרטרייבן פון זיך. דעמאָלט וועסטו האָבן שלום מיט זיך אַליין.

איצט וועל איך אייך נאָכזאָגן אַ וואָרט פון ר׳ מנחם מענדל ווי־טעבסקער עליו השלום, וואָס האָט עס געזאָגט אין נאָמען פון בעל־שם־טוב. דער בעל־שם־טוב האָט געזאָגט, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט מען אויסגעלייזט ווערן פון צוויי גלותן, איין גלות וועט זיין פון די גויים

און דער צווייטער גלות וועט זיין — פון יידן. ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָס ער מיינט דערמיט, האָט ער געזאָגט אַזוי: איצט זיינען דאָ אַ סך רביים, אָבער ווען משיח וועט קומען, וועט ער זיין דער איינ־ציקער רבי, וועלן יידן אויסגעלייזט ווערן פון די גוטע יידן.

(אַלע לאַכן).

**פוילישער בדחן:**

עס איז געווען אַ קלוג אַ שיין
פול מיט חכמה און חן.
איצט, רבותי, איידער מען סערווירט די יוך,
איז די צייט אויסצורופן הויך
אייער דרשה געשאַנק, גיט יידן דרשה־געשאַנק!
און אין נאָמען פון חתן כלה — אַ שיינעם דאַנק!

**ליאַדער רבי:** (טראָגט צו צום בדחן צוויי גרויסע זילבערנע לייכטער).

**פוילישער בדחן:**

רבותי, הערט זיך צו מיט פרייד
צו מיינע באַשיידענע רייד.
אָט איז דרשה געשאַנק פון דער כלהס זיידע,
וואָס ער האָט געגעבן פאַר זיי ביידע.
אַ פּאָר זילבערנע לייכטער מכסף טהור
געגעבן פון דעם גדול הדור
דאָס פּאָר פאָלק זאָל צינדן אין זיי ליכט שבת און יום טוב
און אָפּהיטן זיי ווי אַן אבן טוב.

**ר' לוי יצחק:** (דערלאַנגט אויך אַ פּאָר גרויסע זילבערנע לייכטער אָבער פון אַן אַנדער פאַסאָן).

**פוילישער בדחן:**

נאָך אַ פּאָר לייכטער מכסף טהור
אָבער שוין עפּעס אַנדערש גאָר,
עפּעס אַן אַנדער דריי און אַן אַנדער מאָך,
עס איז גאָר אַן אַנדער זאַך.
די לייכטער זיינען פון אַנדערן זיידע
איך וועל דעריבער אויסרופן, למען ידע,
אַז די לייכטער זיינען פון רבי פון באַרדיטשעוו,
דער גרויסער סניגור, דער מלאך מיכאל,
ר' לוי יצחק, דער גרויסער אוהב ישראל.

**ר' יוסף בונים:** (דערלאַנגט דעם בדחן זילבערנע מעסער־גאָפּל־לעפל).

**פּוילישער בדחן:**

דער פאָטער פון חתן שענקט מעסער־גאָפּל־לעפל

אָבער צו וואָס דאַרף מען עס, ווען מען עסט קאַרטאָפל?

קאַרטאָפל עסט מען, רבותי, מיט די הענט,

און דערצו צערייסט מען אַ הערינג פון קאָפּ ביז ענד,

אָבער דאָך קומט דעם טאַטן אַ יישר כח

און זאָלן חתן כלה עסן שטענדיק מיט די לעפל די גאָלדענע יוך.

**דער רבי ר׳ בער:** (דערלאַנגט דעם בדחן אַ סאַמאָוואַר).

**פּוילישער בדחן:**

כ׳האָב דאָ אַ וואָזשנע מתנה און נישט פון אַבי ווער,

דאָס האָט געשאָנקען דער טאַטע פון דער כלה, דער רבי ר׳ בער.

כ׳לעבן ער איז שוין גאָר נישט קיין נאַר,

וואָרום ער האָט געשאָנקען אַ סאַמאָוואַר.

אַ סאַמאָוואַר צו טרינקען טיי

און צו זאָגן תורה אויף דערביי,

וואָרום אַ הויז אָן אַ סאַמאָוואַר

איז אַזוי ווי אַ הויז אָן אַ האַר.

**פּוילישער בדחן:** (פּאַטשט זיך אין די הענט אַריין)

נו, כדומה, למשל, נאַפּשיקלאַד, דאָך

ווער שענקט נאָך? ווער שענקט נאָך?

(פּויזע).

נו, אָט דאָס זיינען די מתנות פון די הויפּט מחותנים

עס זאָל בלייבן ביי אייך פאַר דורות, פאַר בנים און בני בנים,

און אַלע אַנדערע וואָס ווילן נאָך געבן דרשה געשאַנק,

זאָלן עס אַוועקלייגן דאָרטן אויפן שאַנק.

**יונגער פּירשט:** (רייסט זיך דורך צווישן עולם צום פּוילישן בדחן און דערלאַנגט אים אַ מערזשיל מיט אַ שטויסל פון לויטער גאָלד. ער דערלאַנגט אויך דעם בדחן אַ זעקעלע מיט געלט פאַר זיך און רומט אים עפּעס איין אין אויער).

**פּוילישער בדחן:**

רבותי, עס שטייט געשריבן: אחרון אחרון חביב

עס איז אַ קרי מיט אַ כתיב.

כ׳האָב נאָך אַ דרשה געשאַנק,

פון ר׳ אברהם, מיט אַ דאַנק,

ער שענקט חתן כלה אַ מערזשעל פון גאָלד

פאַר וואָס ער האָט אַ סך באַצאָלט,

אַט דער מערזשעל איז פאַר דער קיך
און דאָס איבעריקע — שטויסט זיך...
(אַ טומל צווישן עולם, מען שושקעט זיך אין דער שטיל).
**פוילישער בדחן:**
איצט, רבותי, גרייט צו ממתקים פאַרן בדחן און די כלי זמרים,
וואָס זיינען, דוכט זיך, פריילעך, אָבער דאָך זייער אָרים
איך וועל אייך באַלד אויפרופן צום מצוה־טאַנץ
און איר זאָלט אונדז מתנה זיין מיט עלעגאַנץ
(מען סערווירט פלייש און צימעס).
**דער ליאָדער רבי:** (גיסט אָפּ די פינגער מיט אַ ביסל וואַסער) דער חתן וועט בענטשן.
**חתן:** זאָל איינער פון די גרויסע יידעס בענטשן.
**ר׳ לוי יצחק:** ר׳ שניאור זלמן, איר וועט בענטשן.
**דער ליאָדער רבי:** רבותי, מיר וילן בענטשן.
(אַלע גיסן אָפּ די פינגער מיט אַ ביסל וואַסער און ענטפערן):
„יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם".
**דער ליאָדער רבי:** ברשות מרנן ורבנן ורבותי נברך אלוקינו שאָכלנו משלו.
**אַלע:** ברוך אלוקינו שאָכלנו משלו ובטובו חיינו.
(די בענטשן און יעדער איינער באַטאַנט הענטער אַנדערע שטעלן פון בענטשן).
**שמשי:** (נאָכן בענטשן) סאַרווערס, רוימט אַרויס די טישן און שטעלט די בענק ביי די ווענט, וועט זיין פלאַץ פאַרן מצוה־טענצל.
(סאַרווערס רוימען אַראָפּ דאָס געפעס, טראָגן אַרויס די טישן און שטעלן די בענק ביי די ווענט).
**שמשי:** איצט, סאַרווערס, רופט אַריין די כלה און די מחותניסטעס און זאָלן זיי זיצן ביי דער וואַנט לינקס און מען וועט זיך נעמען צום כשר טאַנץ.
**פוילישער בדחן:**
דאָס מצוה־טענצל, דאָס מצוה־טענצל,
דאָס איז דאָך פון דער חתונה דאָס קרענצל
לאָז מען צובינדן אַ טיכל צו דער כלהס האַנט
און אַזוי וועט מען טאַנצן מיט איר זאַלבעגאַנד.
די גמרא פרעגט: כיצד מרקדין לפני הכלה?
ווייל אַט דעם דין ווייסן נישט אַלע.
אַ טייל ווילן מען זאָל זאָגן: זי איז אַ כלה נאה,
אַפילו אויב זי איז נישט אַזוי שיין, זאָל זי האָבן הנאה.

אַנדערע ווילן מען זאָל זאָגן „כמו שהיא",
אַזוי ווי זי איז אָן שום מי,
אָבער מיט אונדזער כלהביילע
איז דאָס גאָרנישט קיין שאלה,
ווייל זי איז קלוג און אויך שיין,
זי איז איידל און גאָר פיין.
אָבער, מחותנים, פאַרגעסט נישט אונדז עפּעס צו געבן,
ווייל אויך מיר דאַרפן לעבן.

נו, צום ערשטן וועל איך רופן ר' שניאור זלמן,
אָבער, רבי, איידער איר גייט טאַנצן מוזט איר משלמן
זאָל דער שאַפּער פון חכמה, בינה, דעה
געבן אונדז עפּעס אַ גאָר וואַזשנע מטבע.

**דער ליאַדער רבי:** (דערלאַנגט אים אין האַנט אַריין, נעמט אַן די כלה ביים טיכל און דרייט זיך אַרום מיט איר עטלעכע מאָל).

**פּוילישער בדחן:**

איך וועל אויפרופן איצט דעם בעל אהבה בלב
דעם גרויסן צדיק ר' לוי יצחק מבאַרדיטשעוו.
אָבער פון ליבע אַליין, רבי, האָט מען נישט אויף ברויט,
דעריבער דערלאַנגט אונדז עפּעס וואָס איז טוב מאוד.

**ר' לוי יצחק:** (דערלאַנגט דעם בדחן עפּעס אין האַנט אַריין און טאַנצט מיט דער כלה).

**פּוילישער בדחן:**

איך וועל איצט רופן דעם רבי ר' בער,
דער וואָס וועט זיין דעם חתנס שווער.
אָבער צי שווער, צי לייכט,
רבי, צו אייער קעשענע גרייכט
און גיט אונדז אַ מטבע אַ גרויסע
און טאַקע באַלד, אומר ועושה.

**דער רבי ר' בער:** (דערלאַנגט דעם בדחן אין האַנט אַריין און טאַנצט מיט דער כלה).

**פּוילישער בדחן:**

איצט וועל איך רופן דעם פאָטער פון חתן ר' יוסף בונים
אָבער ער וועט אויך נישט טאַנצן ביי מיר בחינם
אויך די כלי זמרים שפּילן נישט אומזיסט,
דערלאַנגט אַ שיינע מטבע און דאָס לעבן פאַרזיסט.

**ר׳ יוסף בונים:** (דערלאַנגט דעם בדחן אַ מטבע אין האַנט אַריין און טאַנצט מיט דער כלה).

**פוילישער בדחן:**

איך וועל רופן צום טאַנץ איצט פון קאָזשעניץ דעם מגיד,
וואָס איז אַ באַוואוסטער גוטער ייד,
אָבער כאָטש ער איז אַ איש אלוקים
און האָט ליב צו נעמען פדיונים,
זאָל ער איצט אונדז דאָס מאָל געבן אַ ברכה
צוזאַמען מיט ממתקים אויף הצלחה.

**דער קאָזשעניצער מגיד:** (דערלאַנגט דעם בדחן עפּעס אין האַנט און טאַנצט מיט דער כלה).

**פוילישער בדחן:**

איך וועל רופן איצט דעם רבי ר׳ ברוך,
וואָס האָט זיך זיינס אייגענעם שולחן ערוך.
היות ער איז אַ ייד אַ גביר,
און דערצו נאָך דעם בעש״ט׳ס בחיר,
דאַרף מען אים געבן גאָר אַ גרויסן שבח,
אָבער נאָר ווען ער וועט געבן אַ סך.

**דער רבי ר׳ ברוך:** (דערלאַנגט דעם בדחן עפּעס אין האַנט אַריין און טאַנצט מיט דער כלה).

**פוילישער בדחן:**

איצט וועל איך רופן בן בנו של הרב
דעם גרויסן צדיק ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו,
ער, דאָס אייניקל פון גרויסן בעשט
וועט געבן אַ גרויסע מטבע אָן צו נעמען אַ רעשט
אָבער זאָל ער נישט אָפּקומען מיט דערציילן אַ מעשה,
מיר ווילן יענע זאַכן פון דער קאַסע.

**ר׳ נחמן בראַצלאַווער:** (גיט דעם בדחן עפּעס אין האַנט אַריין און טאַנצט מיט דער כלה).

**פוילישער בדחן:**

איצט וועל איך רופן ר׳ לוי יצחקס דריי זין,
אַלע גרויסע רבנים, יודעי דת ודין,
כ׳וועל זיי אויפרופן לויטן סדר, מיליטעריש,
ר׳ מאיר, ר׳ ישראל און ר׳ דוב בעריש
אָבער כאָטש רבנים זיינען בטבע נעמער
זאָלן זיי אונדז דאָך באַצאָלן פאַרן זמר.

**זאָלן זיי באַצאָלן פאַרן טאַנצן מיט דער כלה,**
**וועלן זיי קריגן מיין פאַכוואַלע.**

**ר׳ מאיר, ר׳ ישראל און ר׳ דוב בעריש:** (דערלאַנגען דעם בדחן אין האַנט אַריין און דערנאָך טאַנצן זיי כסדר איינער נאָכן אַנדערן מיט דער כלה).

**פוילישער בדחן:**

**איצט וועט דער חתן אַליין טאַנצן מיט דער כלה**
**און לאָמיר טאַנצן מיט אים, מיר אַלע**
**אָבער, חתן, פאַרגעס נישט וואָס שטייט אין די הייליקע ספרים,**
**אַז מען דאַרף מהנה זיין די כלי זמרים.**

**דער חתן:** (דערלאַנגט דעם בדחן אין האַנט אַריין און ער טאַנצט מיט דער כלה).

**יונגער פירשט:** (לויפט צו גיך צום בדחן און שטופט אים אין האַנט אַריין אַ זעקעלע מיט געלט און רוימט אים עפּעס אין אויער אַריין).

**פוילישער בדחן:**

**עס איז דאָ, רבותי, נאָך אַ קונה,**
**ער איז דער יונגער פירשט ר׳ אברהם,**
**ער האָט צו מיר אַ פאַרלאַנג**
**ער וויל טאַנצן, אָבער דאָ איז אַ שאלה,**
**ער וויל נישט טאַנצן מיט דער כלה,**
**נאָר מיט דער באָבע, דער רביצין פערל,**
**ער וויל טאַנצן מיט איר אַ שערל.**
**אָבער, רבותי, אַזוי ווי ער איז אַ קצין,**
**דאַרף מען טאָן זיין רצון,**
**דאַרף די רביצין צו אים זיך פיין באַנעמען**
**און מען טאָר אים נישט פאַרשעמען.**

**פערל:** (בייז) **זאָל ער טאַנצן מיט דער כלה, פונקט אַזוי גוט ווי אַלע.**

**יונגער פירשט: איך וויל טאַנצן נאָר מיט דער רביצין,** (רוימט עפּעס איין דעם פוילישן בדחן אין אויער).

**פוילישער בדחן: ער זאָגט, אַזוי ווי ער איז דער רביצינס אַ לווה זאָל זי אים טאָן איצט די טובה.**

**פערל:** (בינדט צו אַ ווייסן טיכל צו איר האַנט און שטעלט זיך אוועק אויפן פּלאַץ פון דער כלה און דער יונגער פירשט טאַנצט מיט איר. אַלע קוקן צו מיט נייגעריקייט און שרעק).

**יונגער פירשט:** (טאַנצט ווילד און זינגט אונטער)

**אוי די דאנא־דאנא, אוי די דאנא־דאנא...**

היינט איז מיין גרעסטער טאָג,
כ׳וועל ענדיקן אַזוי מיט אַ טאַנץ מיין לעבן
דער טאָג פון די טעג,
און גיין מיר מיין וועג...
אוי די דאנא־דאנא, אוי די דאנא־דאנא...

(דער יונגער פירשט טאַנצט ווילד, שפרינגט און וויל שפעטער אָנ־כאַפּן די רביצין ביי דער האַנט. זי בינדט גיך אָפּ פאַרשעמט דאָס טיכל פון איר האַנט און לאָזט עס איבער ביי אים און רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט. דער יונגער פירשט טאַנצט אָבער ווייטער מיטן טיכל אין האַנט, ווילד, ביז ער פאַלט אַנידער אויף דער פאָדלאָגע. עס ווערט אַ טומל אין זאַל).

**ערשטער פּאַרוועה:** (גייט צו צו אים און קוקט אים גוט אָן) עס זעט אויס אַז ער איז טויט.

**צווייטער פּאַרוועה:** ער איז שיכור, נישט טויט.

**פּוילישער בדחן:**

קוקט זיך גוט צו, איז ער שיכור
מוז זיין פּנים זיין רויט,
איז עס אָבער ווייס,
איז ער טויט.

**ערשטער פּאַרוועה:** עס איז ווייס. ר׳איז טויט!

**שמשי:** יאָ, טויט שיכור! (צו די סאַרווערס) טראָגט אים אַרויס און לייגט אים אַוועק אויף אַ זאָפע אין אַנדער צימער.

(די סאַרווערס טראָגן אים אַרויס און קומען צוריק אַריין).

**ערשטער פּאַרוועה:** ער האָט נישט גערירט מיט קיין אבר. ער איז קאַלט ווי אייז. ר׳איז טויט.

**שמשי:** ער וועט אויפשטיין אין דער פרי און בעטן אַ כוסה. לאָזט אים דאַרטן איבער.

**פּוילישער בדחן:**

איצט וועט מען טאַנצן אַ קאַראַהאַד,
מענער באַזונדער און ווייבער אין ראָד
מען וועט אַריינרוימען דעם חתן אַ סוד
וועגן דעם גרויסן וועלט יסוד.

(אַלע טאַנצן אַ קאַראַהאַד. די מענער מיטן חתן באַזונדער און די פרויען מיט דער כלה אויך באַזונדער. אין מיטן טאַנצן כאַפּט איינער פון די מקורבים, וואָס איז געווען אַן עדות אַרויס דעם חתן און אַ צווייטע מחותנסטע — די כלה און פירן זיי אַוועק).

(אַלע פאַרלאָזן איצט דעם זאַל. עס בלייבן נאָר די רביים, וועלכע בלייבן זיצן אויף אַ באַנק ביי דער וואַנט).

**דער ליאַדער רבי:** רבותי, מיר זיינען היינט אַונטט זיך צוזאַמענ־געקומען צוליב צוויי חתונות. די ערשטע חתונה איז געווען די פון מיין אייניקל מיטן אייניקל פון מיין טייערן פריינט ר׳ לוי יצחק. אָט די חתונה האָט זיך איצט געענדיקט. איצט דאַרף מען רעדן וועגן די צווייטע חתונה, די חתונה פון יידישן פאָלק מיט ארץ ישראל. דער זוהר הקדוש זאָגט, אַז דאָס פאָלק ישראל איז דער חתן, ארץ ישראל — די כלה און דער רבונו של עולם דער שדכן, דער מזווג זיווגים. איר ווייסט דאָך, רבותי, אַז דער בעל־שם־טוב זכרונו לברכה האָט שטאַרק געגלוסט צו פאָרן קיין ארץ ישראל און זיך געלאָזט טאַקע אין וועג אַריין, אָבער מען האָט אים מן השמים געוויזן, אַז ער זאָל צוריקפאָרן. אַנדערע פון אונדז זיינען אָבער יאָ געפאָרן קיין ארץ ישראל און מיר האָבן דאָרטן איצט אַן ערך פון דריי הונדערט אנשי שלומינו, וועלכע שטייען אונטער דער השגחה פון דעם גדול הדור ר׳ אברהם קאַליסקער שליט״א, וואָס פאַרנעמט איצט דעם אָרט פון דעם גרויסן גאון און מקובל ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער זכרונו לברכה, וועלכער איז געווען דער ערשטער פון אונדז וואָס איז געוואָרן קיין ארץ ישראל מיט אַ גרויסע גרופּע חסידים. איך קריג אַ סך בריוו פון ר׳ אברהמען. ער שרייבט מיר, אַז די נויט פון די תלמידי חכמים, וואָס זיינען דאָרטן דאָ, איז זייער גרויס. נו, איר ווייסט דאָך, רבותי, אַז מיר אַלע זיינען מרוצה צו העלפן זיי און איך בין טאַקע אַרומגעפאָרן מעיר לעיר און געגאַנגען ממש מבית לבית צו זאַמלען געלט פאַר די תלמידי חכמים וואָס זיצן דאָרטן און לערנען. אָבער, רבותי, דערמיט אַליין זיינען מיר נישט יוצא. די גמרא זאָגט „כל הדר בחוץ לארץ דומה כאילו אין לו אלוה״, דער וואָס וואוינט אויסער ארץ ישראל, איז געגליכן אַזוי, ווי ער וואָלט נישט געדינט דעם אויבערשטן. איז דאָ אַ קשיא, ווי קאָן די גמרא אַזוי צו זאָגן, עס זיינען דאָך געווען און עס זיינען דאָ אַזוי פיל גדולי הדור וואָס האָבן געוואוינט און וואוינען אויסער ארץ ישראל? דער ענטפער איז, אַז די גמרא מיינט צו זאָגן „כאילו אין לו אלוה״, אַזוי ווי ער וואָלט נישט געהאַט קיין אלקיות, ווייל דאָרטן און נאָר דאָרטן רוט די שכינה און נישט אויף די וואָס וואוינען אויסער ארץ ישראל. דעריבער, רבותי, לאָמיר פאַרקויפן אַלץ וואָס מיר האָבן און לאָמיר פאָרן קיין ארץ ישראל מיט אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער. ווייל נאָר אַזוי אַרום וועלן מיר זיך קאָנען באַהעפטן דאָרטן מיט דער שכינה, און אַזוי אַרום וועט מען ברענגען צו דער גאולה.

**דער קאָזשעניצער מגיד:** רבותי, דער קץ הימין איז פאַרבאָרגן פון אונדז און עס ווייס אים נאָר דער כביכול אַליין. וואָרום ווען ער אין הימל האָט צוגעזאָגט אברהם אבינו ביים ברית בין הבתרים, אַז ער וועט געבן צו זיינע קינדער ארץ ישראל, זאָגט דער זוהר אַז ער האָט

עס אים צוגעזאָגט נאָר על תּנאַי, אַזוי אַז ער איז נישט מחויב אונדז צו האַלטן דאָרטן אייביק. דערפאַר זעען מיר אַז מיר זיינען קיינמאָל נישט געווען אין ארץ ישראל צו לאַנג, צום ערשטן מאָל, פריער ביזן חורבן בית ראשון, אַ קיימאַ־לן פון פיר הונדערט יאָר. דערנאָך זיינען מיר געווען אין גלות בבל זיבעציק יאָר און דערנאָך האָט אונדז דער רבונו של עולם צוריק געבראַכט קיין ארץ ישראל און מיר זיינען דאָרטן ווידער געווען אַ קיימאַ־לן פון פיר הונדערט יאָר ביזן חורבן שני און זייט דעמאָלט זיינען מיר אין גלות. מיר ווייסן נישט די דרכים פון כביכול און מיר קאָנען נאָר בעטן צו אים, אַז ער זאָל אונדז אויסלייזן פון גלות, אָבער מיר טאָרן גאָר נישט טאָן קעגן זיין רצון.

**דער רבי ר' ברוך:** איך האַלט נישט פון אָט דעם דרך. גערעכטיקייט איז גערעכטיקייט. אודאי קאָן מען קיין דעה נישט זאָגן דעם רבונו של עולם, ווי אַזוי ער זאָל פירן די וועלט, אָבער אויב ער האָט אונדז אויסגעקליבן, אַז מיר זאָלן זיין זיין פאָלק פון אַלע שבעים אומות, טאָ פאַרוואָס האָט ער אונדז פאַרטריבן אין גלות? אויב ער האָט אונדז געגעבן זיין תורה, טאָ פאַרוואָס האָט ער אונדז צוזייט און צושפּרייט איבער דער וועלט צווישן גויים, וואו מען קאָן נישט מקיים זיין זיין תורה? און אויב ער האָט אונדז געגעבן ארץ ישראל, טאָ פאַרוואָס זיינען מיר אין גלות און ניט אין ארץ ישראל? איך, רבותי, וועל בקרוב מיט השם יתברכס הילף, פאָרן קיין ארץ ישראל און אַ גרויסע עדה פון יידן וועלן מיט מיר מיטפאָרן. איך וועל זיך מיט השם יתברכס הילף באַזעצן אין ארץ ישראל.

**ר' נחמן פון בראַצלאַוו:** (פאַרטראַכט) דער זיידע, דער בעל־שם־טוב, זכרונו לברכה, האָט אַראָפּגעבראַכט פון הימל אַ גרויס ליכט אויף דער וועלט, אָבער ווען ער איז אַוועק איז דאָס ליכט אויך אַוועק מיט אים צוזאַמען. אַזוי איז עס אויך געווען מיט פיל רבנים און צדיקים וואָס זיינען געווען נאָך אים. אָבער כדי דאָס ליכט זאָל פאַרבלייבן נאָך אונדז, איבער מאה ועשרים שנה, מוז מען זיך פאַרבינדן מיט ארץ ישראל, ווייל נאָר פון דאָרטן קאָן קומען די גרויסע התעוררות און התלהבות. דערפאַר האָב איך מחליט געווען ביי זיך ערב פסח תקנ״ה, אַז באַלד נאָך יום טוב זאָל איך פאָרן קיין ארץ ישראל. איר ווייסט דאָך, רבותי, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין געלט אויף אַזאַ נסיעה און מיין ווייב און קינדער האָבן געוויינט און זיך געבעטן ביי מיר, אַז כ'זאָל נישט אַוועקפאָרן פון זיי ווייל זיי וועלן בלייבן ממש מחוסר לחם. אָבער איך האָב געזאָגט צו מיין ווייב, אַז איך מוז פאָרן, אַפילו אַז זי זאָל גיין ווערן ביי עמיצן אַ קעכין און מיינע קינדער — דינסטן. איך האָב זיך געגרייט אַ גאַנצן זומער און זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג כמעט אַן אַ

גראָשן ביי דער נשמה און איך בין געקומען קיין ארץ ישראל נאָך פיל פיל שווערקייטן. איך בין דאָרטן געווען אַ גאַנצן ווינטער, אָבער איך האָב געמוזט פאָרן צוריק. ווילט איר דאָך וויסן פאַרוואָס? וועל איך אייך דערציילן: עס איז געווען נאָך דער ערשטער סדר־נאַכט אין ירושלים. איך בין אַרויסגעגאַנגען פון הויז, וואו איך האָב געוואוינט און בין אַוועק צו דעם כותל המערבי. ווען כ׳בין געקומען אַהין האָב איך געזען ווי נעבן דער וואַנט שטייט אַ שיינע אשה, אָנגעטאָן אין ווייסן און איר פנים לייכט ווי די זון אין הימל, און עס שטייען נעבן איר זעקס עלמות, זעקס פריילינס, דריי פון רעכטס און דריי פון לינקס און זי אין מיטן ווי אַ מנורה און אַ גרויס ליכט שיינט איבער איר קאָפּ און קלע־נערע ליכט איבער די קעפּ פון די עלמות. האָב איך זיך שטאַרק דער־שראָקן און בין געפאַלן אויף מיין פנים און געמורמלט אין דער שטיל: „ווער ביסטו? ווער ביסטו?" אָבער באַלד האָב איך דערהערט ווי אַ קול זאָגט צו מיר: „שרעק זיך נישט, מיין קינד, דאָס בין איך דאָך, דיין מאַמע, די מאַמע רחל. האָט דען אַ קינד מורא פאַר זיין מאַמע? הער זיך צו צו מיר, מיין קינד. פאָר צוריק אַהיים, צוריק צו יידן, ווייל זיי ברויכן דיך דאָרטן מער ווי דאָס לאַנד דאָ! דו האָסט לכתחילה נישט געטאָרט לאָזן די יידן אַליין, דו מוסט זיין מיט זיי! דאָרטן וואו די יידן זיינען ,דאָרטן זאָלסטו אויך זיין"! איך האָב זיך איצט געשטאַרקט און געזאָגט צו דער מאַמע: „מאַמע! מאַמע! מיר ווילן קומען צוריק קיין ארץ ישראל און זיך באַהעפטן דאָ מיטן רבונו של עולם, אָבער מאַמע, ווען וועט שוין קומען די גאולה? ווען וועט קומען משיח"? און איך האָב געהערט ווי די מאַמע זאָגט צו מיר: „איך באַמי זיך אין די הימלען, אַז ער זאָל קומען אין גיכן. באַמיט איר זיך אויך, אומעטום וואו איר זייט. אָבער איר, ראשי ישראל, טאָרט נישט קומען אַהער אָן די יידן. איר מוסט זיין אַלעמאָל מיט זיי! איר טאָרט זיי נישט איבערלאָזן אַליין. פאָר צוריק, מיין קינד, צו די יידן! פאָר שוין צוריק"! באַלד איז די מאַמע מיט אירע באַגלייטערינס פאַרשוואונדן און איך האָב מער גאָר נישט געזען, אָבער איך האָב געוואוסט אַז כ׳מוז צוריקפאָרן צו מיינע יידן אין גלות אַריין און זיין מיט זיי! (טאָן ענדערנדיק) אָבער זעט, רבותי, קוקט אָט דאָרטן! אָט שטייט זי דאָך, די מאַמע מיט אירע זעקס עלמות, אָבער אוי ווי מיר, זי איז איצט אָנגעטאָן אין שוואַרצן און שוואַרץ איז אויך איר פנים און אַזוי איז אויך די פנימער פון אירע עלמות און אַ שוואַך ליכט ברענט איבער זייערע קעפּ...

(ווייזיע)

**אלע:** (מיט איין קול און מיט געהויבענע הענט, אין גרויס עקסטאַז) די מאַמע! די מאַמע רחל! די מאַמע רחל!

**ר' נחמן בראַצלאַווער:** מאַמע, ווי איז מיר צו זען דיך אַזוי פאַרחושכט און אַזוי אויך דיינע עלמות, וואו זיינען דיינע ווייסע קליידער? וואו איז דאָס גרויסע ליכט, וואָס האָט געברענט איבער דיין קאָפּ? און די אַנדערע קלענערע ליכט איבער דיינע עלמות? אוי ווי איז מיר! ווי איז מיר, און וואו זיינען דיינע אויגן? איך זע זיי זיינען אויסגעלאָשן, אוי ווי מיר, מאַמע! מאַמע!!

**ערשטע פריילין:** (די וואָס שטייט נאָענט צו דער מאַמע פון רעכטס) די אויגן פון דער מאַמע זיינען אויסגערונען געוואָרן פון וויינען אויפן גורל פון אירע קינדער.

**צווייטע פריילין:** (נאָך דער ערשטער רעכטס) אָבער אין דער גאולה נאַכט קריגט זי זיי צוריק.

**דריטע פריילין:** (נאָך דער צווייטער, רעכטס) און אַזוי וועט זי איך צוריקקריגן זיי אויף אייביק ווען עס וועט קומען די אמתע גאולה.

**ערשטע פריילין:** (לינקס צו דער מאַמע) ווען די גאולה וועט קומען וועט די מאַמע זען פון עק וועלט ביז עק און זי וועט מיט אונדז צוזאַמען שטיין אויף די שיידונגען פון די וועגן, וואָס פירן קיין ישראל און ווען זי וועט זען ווי אירע קינדערלעך קומען צוריק, וועט זי זיך פרייען און טאַנצן מיט זיי.

**צווייטע פריילין:** (נאָך דער ערשטער, לינקס) ווי עס שטייט אין פסוק „קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה".

**דריטע פריילין** (נאָך דער צווייטער, לינקס) און ווי עס שטייט ווייטער „ושבו בנים לגבולם".

(אין דער צייט ווען די פריילינס רעדן, הערט מען פון ווייטן ווי אַ מלמד לערנט מיט אַ יינגעלע חומש און חזרט מיט אים אויס דעם פסוק „ואני בבואי מפדן", דעם מלמד מיטן יינגעלע זעט מען נישט, נאָר מען הערט בלויז זייערע שטימען).

**מלמדס קול:** (הויבט אָן מיטן ספּעציעלן ניגון) נו, זאָג מיין קינד, ואני, און איך, בבואי מפדן, ווען איך בין געקומען פון פדן, מתה עלי רחל, איז רחל אויף מיר געשטאָרבן. נו, זאָג איבער אַלצדינג, אַזוי ווי כ'האָב מיט דיר געלערנט.

**יינגעלעס קול:** (מיטן ניגון) ואני, און איך, בבואי מפדן, אַז כ'בין געקומען פון פדן, מתה עלי רחל, איז רחל אויף מיר געשטאָרבן, בארץ כנען, אין לאַנד פון כנען, בדרך, אין וועג, בעוד כברת ארץ, אַז עס איז נאָך געווען אַ שטיקל וועג, לבוא אפרתה, צו קומען קיין אפרת, ואקברה

שם, האָב איך זי דאָרטן באַגראָבן, בדרך אפרת, אויפן וועג וואו מען גייט קיין אפרת, הוא בית לחם, דאָס איז בית לחם. ווען נבוזרדן האָט פאַרטריבן די יידן אין גלות אַריין און זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַר רחלס קבר, איז רחל אויפגעשטאַנען פון איר קבר און איז אַוועק מיט אַ געשריי צום הימל און האָט געזאָגט: רבונו של עולם, וואָס טוסטו צו מיינע קינדער? פאַרוואָס טרייבסטו זיי אין גלות אַריין? און זי האָט שטאַרק געוויינט ווי אין פסוק שטייט „קול ברמה נשמע", עס איז געהערט געוואָרן אַ קול אין הימל, רחל מבכה על בניה, רחל וויינט אויף אירע קינדער, „נהי בכי תמרורים", זי קרעכצט און וויינט ביטער, „מאנה להנחם", זי וויל זיך נישט לאָזן טרייסטן, אָבער גאָט האָט געזאָגט צו רחלן: „מנעי קולך מבכי", הער אויף צו וויינען, „ועיניך מדמעה", און דיינע אויגן זאָלן אויפהערן צו פאַרגיסן טרערן, „כי יש שכר לפעולתך", ווייל עס וועט זיין אַ לוין פאַר דיין מיה, „נאום ה'", אַזוי זאָגט דער אויבערשטער, „ויש תקוה לאחריתך", און עס איז דאָ אַ האָפנונג צו דיין ענד, נאום ה'", אַזוי זאָגט גאָט, „ושבו בנים לגבולם", און דיינע קינדער וועלן זיך אומקערן אין זייערע געמאַרקן.

**די מאַמע רחל:** קינדער מיינע, איר גרויסע רבנים מיינע, איר ראשי ישראל מיינע, איר פירער פון די יידן, איך בעט איך, בלייבט מיט מיינע קינדער! לאָזט זיי נישט איבער אַליין! איר טאָרט נישט פאָרן אַליין קיין ארץ ישראל אָן זיי! לאָזט זיי נישט איבער אויף הפקר! ווייל דער גלות איז אַזוי גרויס און אַזוי לאַנג... און איך האָב עס נישט געוואוסט. ווייל ווען מיינע קינדער זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַר מיין קבר שוין דעם צווייטן מאָל צו גיין אין גלות אַריין און איך האָב געוויינט און געריסן די הימלען, האָט דער כביכול מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיי אויסלייזן און צוריקברענגען זיי אין לאַנד פון ישראל, האָב איך געמיינט אַז עס וועט זיין באַלד, גאָר אין גיכן, און אודאי, נישט לענגער ווי דער ערשטער גלות, דער גלות בבל, וואָס עס האָט געדויערט בלויז זיבעציק יאָר, אָבער עס דויערט שוין אַזוי לאַנג, שוין הונדערטער יאָרן, שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר! (וויינט) און פאַרוואָס שוויגט איר, רבנים, פאַרוואָס רייסט איר נישט די הימלען? פאַרוואָס לאָזט איר שלאָפן רואיק די אָבות? פאַרוואָס וועקט איר נישט די אמהות? פאַרוואָס רופט איר נישט צו משהן, יהושען, דוד המלך, צו אַלע נביאים, צו אַלע תנאים, צו אַלע צדיקים פון אַלע צייטן! (וויינט שטאַרקער) פאַרוואָס טוט איר גאָרנישט? אוי, קינדערלעך, טוט עפּעס! קערט וועלטן! שטורמט די הימלען! צדיקים גרויסע, טוט זיך אָן די טליתים און גייט אין די גאַסן און שרייט אַזוי הויך אַז די הימלען זאָלן ציטערן! אַז די מלאכים זאָלן מורא האָבן און אַז דער כסא הכבוד אַליין זאָל זיך טרייסלען! פאַרוואָס שוויגט

איר? (ווײנט שטאַרק) פֿאַרוואָס שוויַגט איר?! (פֿאַלט צו דר׳ערד) פֿאַרוואָס שוויַגט איר?!!!

(עס גיט אַ בליץ און די מאַמע רחל און אירע פּריילינס פֿאַרשווינדן. אַלע בלײַבן זיצן ווי פֿאַרשטיינערט).

(פּויזע)

**ר׳ לוי יצחק:** (כאַפּט זיך אויף פֿון אַ שלאָף, לויפֿט הין און צוריק איבערן צימער) רבותי, ניין, נישט דאָס איז דער עיקר. נישט די גאולה איז אַלץ! איך וועל פֿאַר דער גאולה נישט בעטן! איך וויל זיך אין גאָטס דרכים נישט מישן! די גאולה איז דעם רבונו של עולמס ענין. ער האָט אונדז געבראַכט קיין ארץ ישראל, ער האָט אונדז פֿון דאָרטן פֿאַרטריבן און ער דאַרף אונדז אַהין צוריקברענגען... מיר ווייסן נישט ווען דאָס וועט געשען און מען טאָר אים דערין קיין דעה נישט זאָגן... מען טאָר נישט מפֿציר זיין וועגן קץ. אָבער פּרנסה, רבותי, דאָס איז אַן אַנדער זאַך, וועגן דעם וועל איך קערן וועלטן. יידן דאַרפֿן צו האָבן פּרנסה! יידן דאַרפֿן אויך צו האָבן געראָטענע קינדער, וואָס זאָלן לערנען תורה און יידן דאַרפֿן זיך אויך עלטערן בכבוד און נישט האָבן קיין פֿאַרשניטענע יאָרן! איך בין מוחל אַלע קצן, אַלע משיחים און אַלע גאולהס בלויז פֿאַר אָט דעם און דער רבונו של עולם מוז עס דאָך די יידן געבן, ווייל ער האָט דאָך מיט אונדז חתונה געהאָט. ער האָט דאָך בפּירוש געזאָגט „וארשתיך לי לעולם״, איך האָב חתונה געהאָט מיט דיר אויף אייביק. „וארשתיך לי באמונה״, איך האָב חתונה געהאָט מיט דיר אויף אַן ערלעכן אופֿן. ער איז דער מאַן, ישראל — דאָס ווייב און די תורה — כלה־מתנות, און דער דין איז אַז „שארה כסותה ועונתה לא יגרע״, ער דאַרף אונדז געבן פּרנסה, ער דאַרף אונדז געבן געזונטע קינדער און ער דאַרף אונדז געבן לאַנג לעבן. בני חיי ומזוני. וואָס איך וויל פֿון רבונו של עולם איז נאָר איין זאַך, אַז ער זאָל זיין אַן אוהב ישראל, אַז ער זאָל ליב האָבן יידן נישט ווייניקער ווי דער קלענסטער ייד, נישט ווייניקער פֿאַר מיר!

**דער ליאַדער רבי:** אמת, אמת ויציב.

**דער רבי ר׳ ברוך:** דאָס איז נישט מיין דרך.

**ר׳ נחמן בראַצלאַווער:** אויך נישט מיינער!

**דער קאָזשעניצער מגיד:** ר׳ לוי יצחק איז גערעכט!

**ר׳ לוי יצחק:** (ווי אין אַ טראַנס) מען האָט טענות צו מיר אין הימל, פֿאַרוואָס איך האָב תרעומות אויפֿן רבונו של עולם, פֿאַרוואָס איך זאָג אַז ער, כביכול, איז נישט גערעכט, לויט ווי ער פֿירט זיך אויף מיט די יידן. אַזוי ווי עס ווערט מיר איצט זיבעציק יאָר, וואָס עס איז די

צאָל יאָרן פון אַ מענטשן, האָט מען מיר מגלה געווען מן השמים, אַז אויב איך וועל מער נישט האָבן קיין תרעומות אויפן כביכול, וועט מען מיר געבן געשענקטע יאָרן. האָב איך געזאָגט, נאַפּלעוואַט אויף די געשענקטע יאָרן, אויב איך וועל זיין געבונדן און נישט קאָנען זאָגן דעם אמת און זיך אָננעמען פאַר די יידן. מיך קויפט מען נישט אונטער! האָט מען מיר ווידער געלאָזט וויסן מן השמים, אַז אויב איך וועל מער נישט האָבן קיין תרעומות אויפן רבונו של עולם, וועט מען מיר נישט נאָר געבן געשעקנטע יאָרן, נאָר אויך איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועט מען מיר געבן אַ פּלאַץ אין סאַמע אויבן אָן אין גן עדן, נישט ווייט פון די אָבות. האָב איך צוריק געענטפערט: נאַפּלעוואַט אויפן גאַנצן אויבן־אָן פון גן עדן, אויב איך זאָל דערפאַר דאַרפן פאַרשווייגן די מינדעסטע עוולה פון די יידן. האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז אויב אַזוי, מוז איך זיך שוין לאָזן אין וועג אַריין. האָב זיך אָפּגעבעטן, אַז איך זאָל נאָך דאַוונען די ימים נוראים פאַר מיינע יידן און זיין מיט זיי ביז נאָך ימים טובים, כדי איך זאָל קאָנען פאַר זיי הושענא רבה אַרויסקריגן אַ גוט קוויטל און זיך פרייען מיט זיי שמיני עצרת און שמחת תורה.

**דער ליאַדער רבי:** אוי ווי מיר! וואו לאָסטו מיך איבער, מיין טייערער חבר!

**דער רבי ר׳ ברוך:** (לאָזט אַרויס אַ קרעכץ) אוי!

**דער קאָזשעניצער מגיד:** מען טאָר זיך נישט איינשפּאַרן כלפּי שמיא!

**ר׳ נחמן בראַצלאַווער:** אַז מען רופט, מוז מען גיין.

**ר׳ לוי יצחק:** (אַלץ ווי אין אַ טראַנס) זיי מאַכן אָבער אויבן אין הימל אַ טעות אין חשבון. זיי מיינען, אַז דערמיט וואָס זיי וועלן מיך צו־נעמען פון דאַנען, וועלן זיי מיר פאַרמאַכן ס׳מויל. זיי האָבן אַ טעות! איך וועל נישט שווייגן! איך וועל נאָך מער רעדן ווי איצט! איך וועל מיינע ליבע יידן נישט לאָזן אַליין! ווען איך וועל אַרויפקומען אויבן אין הימל, וועל איך ערשט דאָרטן מרעיש עולם זיין! (רעדט מיט פייער) איך וועל גיין פון הימל צו הימל און וועל שרייען געוואַלד. איך וועל מאַכן אַזאַ טומל, אַז אַלע מלאכים, כרובים און שרפים זאָלן ציטערן און אַזוי וועל איך גיין ביז כ׳וועל קומען ביז צום זיבעטן הימל. ביז צום סאַמע כסא הכבוד, און אַז איך וועל קומען צו אים אַליין, וועל איך מאָנען ביי אים יושר און גערעכטיקייט פאַר מיינע ליבע יידן! און וועט מען מיר נישט נאָכגעבן — וועל איך רייסן די הימלען! איך וועל דאָרטן קערן וועלטן! איך וועל נישט שווייגן און איך וועל זיך נישט באַרואיקן ביז דער רבונו של עולם וועט מיר נאָכגעבן! וואָרום דאָרטן וועל איך דאָך זיין פריי! דאָרטן וועל איך נישט האָבן אויף זיך די קייטן פון ווייב און

קינדער!... דאָרטן וועט מען מיך נישט פאַרשפאַרן אין אַ חדר מיוחד!... דאָרטן וועל איך אים זאָגן גאָר פשוט, אַז ער פירט זיך אויף ווי אַ גזלן קעגנאיבער זיינע אייגענע קינדער, אָן אַ ברעקל פון רחמנות. איך וועל אים זאָגן אַז ער דאַרף זיך קלאַפּן אין האַרצן אַריין „חטאתי" און בעטן מחילה ביים פאָלק ישראל. ער האָט געזינדיקט קעגן אונדז! ער און נישט מיר! (פאַלט אַוועק אויף אַ שטול פאַרשוואַכט).

**דער קאָזשעניצער מגיד:** מען טאָר נישט רעדן אַזוי קעגן הימל. דאָס איז טיח דברים כלפי מעלה. איך וויל דאָס נישט הערן! איך אַנט־לויף פון דאַנען! (אָפּ).

**ר' נחמן בראַצלאַווער:** איך אויך! (אָפּ).

**דער רבי ר' ברוך:** איך אויך! (אָפּ).

**דער ליאָדער רבי:** (צו לוי יצחקן) לך בכחך זה, מיין פריינט. זאָלסט מאָנען און מאָנען! תפילה עושה מחצה. דו ביסט דער גרעסטער סניגור, וואָס די יידן האָבן ווען געהאַט!... עס וועט נישט לאַנג גע־דויערן און איך וועל קומען אַהין צו דיר און איך וועל דיר העלפן... (טאָן ענדערנדיק) אָבער זאָג מיר, מיין פריינט, אויף ווען לאָזן מיר איבער די יידן? דער דור איז דאָך אַזוי אָרים און זיינע פירער נאָך מער! אויף וועמען, לוי יצחק לאָזן מיר איבער די יידן? אויף וועמען? (וויינט).

**ר' לוי יצחק:** ביסט גערעכט שניאור זלמן, אויף וועמען? אויף וועמען?! (וויינט אויך).

(ביידע זיצן און וויינען).

(פאָרהאַנג פאַלט)

# עפּילאָג

משה: ר׳ שלמה איר געדענקט דעם לעצטן יום כּיפּור ביים רבין זכרונו לברכה?

ר׳ שלמה: וואָס פֿאַר אַ שאלה?

משה: דעם לעצטן „כּל נדרי״ וועל איך קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. עס איז דאָך געווען פּחד־פּחדים.

ר׳ שלמה: פּונקט דעם לעצטן כּל נדרי? עס האָט זיך אָנגעהויבן שוין פֿון ערב יום כּיפּור, באַלד אין דער פֿרי. דו ווייסט די מעשה מיטן הקדש?

משה: כ׳האָב עפּעס געהערט, נאָר איך ווייס נישט גענוי.

ר׳ שלמה: עס איז אַזוי געווען: ער, זכרונו לברכה, האָט ערב יום כּיפּור באַלד אין דער פֿרי געזאָגט צו שמשין, אַז מען דאַרף ווייזן דעם רבונו של עולם, וואָס פֿאַר אַ גוט פֿאָלק יידן זיינען און זאָל ער אונדז טאָקע באַלד אָנשרייבן אַ חתימה טובה. ער האָט געהייסן שמשין צו נעמען אַ פֿלאַש בראָנפֿן און אַ גלעזל און צו גיין מיט אים ערב יום כּיפּור באַלד אין דער פֿרי אין הקדש. דאָרטן האָט ער געפֿרעגט יעדן יידן צו ער וויל אַ גלעזל משקה. די אָרימע יידן האָבן אים כּסדר געענטפֿערט, אַז אודאי וואָלטן זיי געוואָלט, אָבער זיי האָבן נאָך נישט אָפּגעגאָסן די נעגל און אודאי נאָך נישט געדאַווענט. האָט ער זיך דאָן געוואַנדן צום סטרוזש פֿון הקדש, צום רויטן איוואַן און אים געפֿרעגט צי ער וויל משקה. האָט איוואַן באַלד געזאָגט יאָ און געכאַפּט אַ גלעזל משקה און עס אויסגעטרונקען. האָט דער רבי, זכרונו לברכה, אויסגעשריען: רבונו של עולם, זעסט וואָס עס איז דער אונטערשיד צווישן דיינע יידן און די גויים?... נו, דאַרפֿסטו זיי נישט געבן דערפֿאַר אַליין באַלד אַ חתימה טובה?

משה: איך האָב געהערט, אַז דער רבי, זכרונו לברכה איז געקומען פֿאַרן נאַכט אין שול אַריין און האָט פֿאַרשפּרייט די הענט צום הימל און געזאָגט: רבונו של עולם, דו האָסט אונדז געגעבן אַ יום כּיפּור און מען דאַרף פֿאַסטן און דו האָסט אונדז אָנגעזאָגט, אַז ערב יום כּיפּור איז אַ מצוה צו עסן און צו טרינקען נו, ביי גויים וואָלט מען

שוין ערב יום כיפור געפרעסן און געזויפן אויף וואָס די וועלט שטייט, און אין אָוונט וואָלטן אַלע געווען שיכור ווי לויט, אָבער ביי יידן, קוק זיך אַרום, רבונו של עולם, היינט אין אָוונט צו כל נדרי אין שול און זע צי עס וועט פעלן איין ייד! צי עס וועט זיין איינער אַפּילו, וואָס זאָל זיין שיכור! נו, זעסטו שוין רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק יידן זיינען.

**ר' שלמה:** און די מעשה מיט יאָסל בעל עגלה ווייסטו?

**משה:** איר זייט געווען דעמאָלט אין שול, ר' שלמה?

**ר' שלמה:** יאָ, איך בין געווען דערביי אין שול יענעם ערב יום כיפור, ווען עס איז אַריינגעקומען יוסף דער גביר און געהייסן טודרוס דעם שמש אַז ער זאָל אים שלאָגן מלקות. האָט יאָסל בעל עגלה גע־עפנט אויף אים אַ מויל און געשריען, אַז נישט מלקות, נאָר אַלעביינער דאַרף מען אים צוברעכן, ווייל ער האָט באַנקראָטירט דאָס יאָר און צו־גענומען דעם נדן פון זיין פלימעניצע, אַ יתומה וואָס איז געווען איינ־געלייגט ביי אים און זי קאָן צוליב דעם נישט חתונה האָבן. יאָסל האָט געקערט וועלטן, אַז ער וועט נישט לאָזן זאָגן „כל נדרי" ביז יוסף דער גביר וועט אָפּגעבן די גאַנצע סומע פון דריי הונדערט רובל מיט אַמאָל. אונדזער רבי, זכרונו לברכה האָט געגעבן יאָסלען גערעכט און אַזוי ווי קהל האָט עס אויך פאַרלאַנגט, האָט יוסף דער גביר נישט גע־האַט קיין אַנדער ברירה און האָט געמוזט צוזאָגן אַריינצוטראָגן צום רבי, מוצאי יום כיפור די גאַנצע סומע פון דריי הונדערט רובל. נאָכ־דעם האָט דער רבי, זכרונו לברכה, זיך געווענדעט צום רבונו של עולם און געזאָגט: זעסטו, טאַטע אין הימל, יוסף דער גביר האָט פריער נישט געוואָלט אָפּגעבן די דריי הונדערט רובל מיט אַמאָל, אָבער אַז קהל האָט דאָס פאַרלאַנגט האָט ער זיך אונטערגעגעבן. נו, פיר זיך אויך נישט ערגער אויף ווי יוסף דער גביר און אַז קהל פאַרלאַנגט, אַז דו זאָלסט זאָגן „סלחתי" — גיב נאָך.

**משה:** די שענסטע מעשה איז געווען מיט בערל שניידער, אָבער גענוי ווי אַזוי זי איז געווען ווייס איך נישט.

**ר' שלמה:** די גאַנצע זאַך שטייט מיר אַזוי ווי פאַר די אויגן. צום ערשטן האָט זיך דער רבי, זכרונו לברכה אָוועקגעשטעלט ביים עמוד און געזאָגט: רבונו של עולם, מען גייט באַלד זאָגן כל נדרי, איז איי־דער מיר הויבן אָן, וויל איך זיך מיט דיר פאַרגלייכן. כ'וויל מאַכן אַ געשעפט מיט דיר גלייך אויף גלייך. איך וועל דיר אָוועקגעבן אַלע עוונות, פשעים וחטאים פון די יידן און דו גיב מיר פאַר זיי סליחה, מחילה וכפרה, און איצט וועל איך מאַכן מיט דיר נאָך אַ געשעפט. דו גיב די יידן „בני חיי ומזוני" און זיי וועלן לערנען, דאַווענען און אויס־

רופן דיין נאָמען. פאַר „בני" וועט זיי „בנים עוסקים בתורה"; פאַר „חיי" וועט זיין „חי חי יהלוך ה'" און פאַר „מזוני" וועט זיין „ואכלת ושבעת וברכת את ה' אלוקיך". דער רבי, זכרונו לברכה, האָט איצט געדאַרפט זאָגן „כל נדרי", אָבער ער איז געבליבן שטיין און נישט גע־זאָגט. באַלד האָט ער זיך געפרעגטביים שמש, צי בערל שניידער איז דאָ. דער שמש קוקט זיך אַרום און זאָגט אים, אַז ער איז נישטאָ. הייסט שוין דער רבי, זכרונו לברכה, דעם שמש, אַז ער זאָל גיין גלייך צו בערלען און אים הייסן קומען אין שול אַריין. טוט דער שמש אַזוי. ווען בערל שניידער איז געקומען רופט אים דער רבי, זכרונו לברכה, צו און פרעגט אים: בערל, האָסט נישט געוואָלט קומען אין שול צו כל נדרי? — זאָגט בערל: ניין, רבי, כ'האָב נישט געוואָלט קומען, ווייל כ'בין בייז אויף גאָט. פרעגט אים דער רבי: פאַרוואָס? דערציילט בערל אַזאַ געשיכטע: פאַריקן ווינטער האָט ער געאַרבעט ביים יאַנאַשקאָוויצער פריץ און אים געמאַכט אַ פוטער. האָט ער, בערל, געזען, אַז דער פריץ האָט געקויפט צופיל פעלצלעך. האָט ער זיך געטראַכט אַז ער וועט קאָנען מייתר זיין אַ צען פעלכלעך, וועט עס גיין צו קאָנען חתונה מאַכן כאָטש די ערשטע טאָכטער, ווייל ער האָט זעקס בוגרותן און פאַר קיין איינע פון זיי האָט ער נישט קיין נדן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער די צען פעלצלעך פאַרשטעקט אין אַ גרויס ברויט וואָס ער האָט געקראָגן פון פריץ און איז אַוועק אַהיים. אין מיטן וועג רופט אים אַ רייטער פון פריץ צוריק. האָט ער באַהאַלטן דאָס ברויט אין דר'ערד אונטער אַ בוים און איז אַוועק צום פריץ. עס איז געווען אַ קלייניקייט, עפּעס אַ קנאָפּ איז נישט געווען גוט איינגענייט. אָבער ווען ער איז געקומען צוריק, איז נישט געווען קיין ברויט און נישט קיין פעלצלעך. זוך היינט, זוך מאָרגן — אַ נעכטיקער טאָג. נישטאָ. האָט ער גלייך אויפן אָרט געזאָגט צום רבונו של עולם: דו ווייסט דאָך אַלץ! דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב נישט געוואָלט גלאָט אַזוי גנבענען די פעלצלעך, נאָר כ'האָב עס געטאָן כדי צו קאָנען חתונה מאַכן כאָטש איין קינד. נו, ווילסטו דאָס אויך נישט, טאָ האַלט דיר די פעלצלעך, אָבער יום כיפּור צו „כל נדרי" וועל איך נישט אַריינשמעקן אין דיין שול; אַז דו פּירסט זיך אַזוי מיט מיר, וועל איך דיר וויזן, ווי אַזוי איך וועל זיך פירן מיט דיר און דעריבער האָב איך נישט געוואָלט קומען אין שול אַריין. איך בין בייז אויפן רבונו של עולם! — האָט דער רבי געזאָגט צו בערלען: אַזאַ יאָר אויף מיר בערל, ווי דו ביסט גערעכט, אָבער עס איז דאָך פאָרט יום כיפּור, ווען מען איז אַלעמען מוחל, זיי מוחל דעם רבונו של עולם און איך זאָג דיר צו, אַז ער וועט דיך שוין באַהאַנדלען בעסער. ער וועט דיר צושיקן אויפן נייעם יאָר אַ זאַך, אַז דו זאָלסט קאָנען חתונה מאַכן

אַלע דיינע זעקס טעכטער. זאָג, בערל, אַז דו ביסט אים מוחל. האָט בערל געזאָגט: „כ'בין דיר מוחל, גאָט אין הימל"! האָט דער רבי, זכרונו לברכה, אויסגעשריען: זעסט טאַטעניו, וואָס פאַר אַ פאָלק מיר זיינען! בערל האָט געהאַט אַ האַרץ אויף דיר, אָבער כ'האָב אים געבעטן דיר מוחל צו זיין, האָט ער דיר באַלד מוחל געווען. איצט זיי אונדז אויך מוחל אַלע אונדזערע זינד קעגן דיר.

**משה:** נו, באַלד נאָכדעם האָט ער דאָך געגומען זאָגן „כל נדרי" און ביי די יעלות איז ער אַוועקגעפאַלן און מען האָט אים געמוזט פירן אַהיים און לייגן אין בעט אַריין, פון וועלכער ער איז נישט מער אויפגעשטאַנען.

**ר' שלמה:** ער האָט דאָך גלייך געזאָגט, אַז דאָס איז דער סוף און אַז ער וועט אַוועקגיין פון אונדז באַלד נאָך די ימים טובים.

**משה:** ער איז טאַקע נסתלק געוואָרן אסרו חג פון יאָר תק"ע. אַזוי ווי ער האָט געזאָגט.

**ר' שלמה:** יאָ, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט.

**משה:** און ביי זיין קבר האָט מען נישט אויסגערופן, אַז זיין אָרט פאַרנעמט אַן אַנדערער. איר, ר' שלמה, האָט עס מיר געהאַט געזאָגט, אַז אַזוי וועט עס זיין.

**ר' שלמה:** כ'האָב עס געוואוסט.

**משה:** אויך די שטאָט באַרדיטשעוו האָט אָנגענומען אַ החלטה נישט צו האָבן מער קיין רב אין באַרדיטשעוו, ווייל קיינער איז) נישט ראוי צו זיצן אויף דער שטול, וואו עס איז געזעסן ר' לוי יצחק.

**ר' שלמה:** אודאי נישט! איז דען דאָ נאָך ביי ייִדן אַזאַ צדיק, אַזאַ אוהב ישראל! ער איז געווען אַ מלאך אלוקים!

**משה:** (זאָגט אים נאָך) אַ מלאך אלוקים!

**ר' שלמה:** געדענקסטו, משה, די לעצטע ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט פאַר זיין פטירה. געדענקסטו ווי ער האָט געזאָגט: „ייִדן, איך פאַרלאָז אייך נישט. אויב עמיצן פון אייך וועט חלילה זיין שלעכט, זאָל ער רופן צו מיר, און איך וועל זיך באַמיען פאַר אים. זאָל ער בלויז זאָגן: „לוי יצחק בן שרה שאָשיע פון באַרדיטשעוו" און איך וועל שוין הערן און זיך באַמיען פאַר אים, און אויב איינער וועט חלילה האָבן יסורים און נישט קאָנען זאָגן מיין גאַנצן נאָמען, זאָל ער בלויז זאָגן איין וואָרט: „באַרדיטשעוו" און איך וועל שוין לויפן און טאָן פאַר אים!

**משה:** צי איך געדענק? אַלע געדענקען דאָס. (טאָן ענדערנדיק)

**ר' שלמה:** פריי? אָבער ווער וויל אָט די פרייהייט? וואָס וועל נו, איצט, ר' שלמה, זענט איר פריי, פריי פון אייער שליחות.

איך טאָן מיט איר? וויסטו, משה, אַז פרייקייט איז אַמאָל די ערגסטע קייט!... (וויינט) אָבער לאָמיר בעסער זינגען דעם מגידס ניגון (הויבט אָן).

קדוש, קדוש, קדוש
ה' צבאות...

**משה:**

קדוש, קדוש, קדוש
ה' צבאות...

**ביידע:**

מלא כל הארץ
כבודו!...
מלא כל הארץ
כבודו!...

(פֿראָנט פֿאָרהאַנג פֿאַלט)

# קדיש

פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער

גוטער מאָרגן דיר, רבונו של עולם!
איך, לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו,
בין געקומען צו דיר מיט אַ דין תורה
פון דיין פאָלק ישראל.
וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל?
וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל?
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז אמור אל בני ישראל,
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז צו אל בני ישראל,
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז דבר אל בני ישראל,
טאַטעניו! כמה אומות יש בעולם:
פרסים, בבלים, אדומים.
די רוסלענדער וואָס זאָגן?
אַז זייער קייסער איז קייסער;
די דייטשלענדער וואָס זאָגן?
אַז זייער מלכות איז מלכות,
און די ענגלענדער, וואָס זאָגן?
אַז זייער ממשלה אין אַ ממשלה.
און איך לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו זאָג:
יתגדל ויתקדש שמיה רבה!
לא אזוז פה ממקומי,
איך וועל פון אָרט נישט רירן,
און אַן עק זאָל דאָס נעמען,
און אַ סוף זאָל צום גלות נעמען.
יתגדל ויתקדש שמיה רבה!

# אַ דודעלע

פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער

רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, כ׳וועל דיר אַ דודעלע זינגען!
דו־דו־דו, דו־דו —

איה אמצאך, ואיה לא אמצאך?
וואו קאָן איך דיך יאָ געפינען,
און וואו קאָן איך דיך נישט געפינען?
דו־דו־דו, דו־דו —

אַז וואו איך גיי — דו!
און וואו איך שטיי — דו!
רק דו, נאָר דו, ווידער דו, אָבער דו —
דו־דו־דו, דו־דו!

איז עמיצן גוט — דו!
חלילה שלעכט — איז דו
אַי, דו־דו־דו־דו־דו!
דו־דו־דו־דו־דו־דו!

מזרח — דו, מערב — דו!
צפון — דו, דרום — דו
דו־דו־דו,
דו־דו־דו,
דו־דו־דו!

שמים — דו, ארץ — דו,
מעלה — דו, מטה — דו!
דו־דו־דו, דו־דו־דו.

דו־דו־דו, דו־דו־דו, דו דו דו!
וואו איך קער מיך, וואו איך ווענד מיך —
דו — דו!!!

# מאירקע מיין זון

פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער

.1

מאירקע מיין זון,
מאירקע מיין זון,
מאירקע מיין זון.
צי ווייסטו ווער דו ביסט? (בים)
— הנני העני ממעש, טעטעניו,
הנני העני ממעש, טאַטעניו.
הנני העני ממעש, טאַטעניו.

.2

מאירקע מיין זון א. א. וו.
צי ווייסטו פאַר וועמען דו שטייסט? (בים)
— לפני מלך מלכי המלכים, טאַטעניו א. א. וו.

.3

מאירקע מיין זון א. א. וו.
וואָס ווילסטו אויסבעטן ביי אים? (בים)
— בני חיי מזוני, טאַטעניו, א. א. וו.

.4

מאירקע מיין זון א. א. וו.
צו וואָס דאַרפסטו בני? (בים)
— בנים עוסקים בתורה, טאַטעניו א. א. וו.

.5

מאירקע מיין זון א. א. וו.
צו וואָס דאַרפסטו חיי? (בים)
— כל החיים יודוך, טאַטעניו א. א. וו.

.6

מאירקע מיין זון א. א. וו.
צו וואָס דאַרפסטו מזוני? (בים)
— ואכלת ושבעת וברכת, טאַטעניו א. א. וו.

# שבת ליד

פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער

.1

אָ, ברודער זאָג,
ווי הייסט דער טאָג,
ווען מיר אַלע זײַנען פֿריילעך?
דער יידעלע דער קליינער,
דער כשרער דער שיינער
איז דאָך דאָן אַ מלך?
בים

.2

שבת אליין
קומט צוגיין,
זייט זשע פריילעך אַלע!
טאַנץ, קינדער,
יעדער באַזונדער
לכבוד דער הייליקער כלה!
בים

.3

דאָס איז קלאָר,
ווי אַ האָר,
אַז שבת איז די כלה;
דער התנדל דער שיינער
איז נישט קיינער,
נאָר מיר יידן אַלע.
בים

.4

ווער עס טראַכט
און חוזק מאַכט
פון דער כלה־חתן,
דער וועט טאַקע
עסן אַ מכה
פֿון דער סעודה לויתן!
בים

# יה אכסוף נועם שבת

פון ר׳ אהרן הגדול פון קארלין

יה אכסוף נועם שבת המתאמת ומתאחדת בסגולתך,
משוך נועם יראתך לעם מבקשי רצונך,
קדשם בקדושת השבת המתאחדת בתורתך,
פתח להם נועם ורצון לפתוח שערי רצונך.
(יה אכסוף)

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

השבת נועם הנשמות, והשביעי עונג הרוחות,
ועדן הנפשות להתעדן באהבתך וביראתך,
שבת קודש, נפשי חולת אהבתך,
שבת קודש, נפשות ישראל בצל כנפיך יחסיון,
ירויון מדשן ביתך.

(יה אכסוף)

# צור משלו אכלנו

פון ר׳ אברהם קאַליסקער

ברכו אמוני
שבענו והותרנו
כדבר ה׳.
הזן את עולמו, רוענו אבינו
אכלנו את לחמו ויינו שתינו.
על כן נודה לשמו ונהללו בפינו,
אמרנו ועינינו אין קדוש כה׳.

(צור משלו אכלנו).

יבנה המקדש, עיר ציון תמלא,
ושם נשיר שיר חדש וברננה נעלה,
הרחמן הנקדש יתברך ויתעלה,
על כוס יין מלא כברכת ה׳.

(צור משלו אכלנו).

## ביכער פון דר. צבי כהן:

בתבל — אָריגינעלע משלים (העברעאיש), ווארשע.
פון טיפן הארצן (לידער אין פראזע), ווארשע.
שווארץ בוך (צוויי טיילן), לאָדז.
דערציילונגען (א באַנד), ווארשע.
דאָס ליד פון אויסלייזונג (פאָעמע), ניו יאָרק.
וואָס איז אַזוינס יידישקייט? — ניו יאָרק.

## אין ענגליש:

The Halakah of the Karaites, New York
The Rise of the Karaites Sect, New York
The World and the Jew, New York

## אַרויסגעגעבן פון זעלבן מחבר
## דורכן פאַרלאַג „רענעסאַנס":

ישראל (א פאָעמע אין דריי טיילן), ניו יאָרק.
דער רבי פון קאָצק (דראַמע אין דריי אַקטן), ניו יאָרק.
דער רבי פון באַרדיטשעוו (דראַמע אין דריי אַקטן), ניו יאָרק.

## עס געפינט זיך אין דרוק פון זעלבן מחבר:

דער רבי פון ליאַדי (דראַמע אין דריי אַקטן), ניו יאָרק.

די דריי ווערק פון די רביים וועלן זיין א טרילאָגיע פון חסידות, אונטערן נאָמען: „דריי קרוינען".

ווענן אַלע ביכער צו ווענדן זיך צו:

**RENAISSANCE ASSOCIATION**
246 Fifth Ave., New York 1, N. Y.
אָדער צו:
**DR. Z. CAHN**
300 West 109th Street, New York 25, N. Y.